פון

קייטען

צו

פרייהייט

יצחק פיינלמן

יצחק פריגלמן

פון קייטען צו פרייהייט

פערצייכענונגען פון אַן אַנטלאָפענעם פּאָליטישען קאַטאָרזשניק

פון מ. בערעזין

(איבערזעצט אויס דעם רוסישען פון י. מאַלין)

אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַ פאָררעדע

פון מ. קאַטץ.

פרייז 50 סענט

ארויסגעגעבען פון

אַנאַרכיסטישען רויטען קרייץ

ניו יאָרק.

.1916

ז באקומען די אלימענטען פון פאטער פון איהר זוהן און מיט איינינע מאנאטען צוריק אי זוי געשטארבען פון הונגער און נויטה.

איצט טרעט ארויס דער געזעצליכער זוהן מיט א תביעה געגען זיין פאטער, ביי וועלכער ער מאהנט אלימענטען פאר די גאנצע 20 יאהר מיט פראצענט סך הכל א סומע פון 40 טויזענד זלאטעס.
והאאפג ורדאנם ורוסלהמ בפפגקד פגקד

א שטעטעל וואס פיהלט אז זי דארף ניט קיין מעיאר

סאנדין, אהייא, סעפט. 29 (יו. פי) די בירגער פון דער דאזיגער שטעטעל האבען זיך דורכגעשמועסט, אז זיי קאנען אויסקומען אהן א מעיאר. זייער שטאנדפונקט איז, אז אמת'ע גלייכהייט קאן הערשען נור דאן ווען אלע בירגער זיינען מעיארס אדער ווען אלע זיינען ניט קיין מעיארס...

זיגער שפראך. זיי לערנען זיך פלייסיג פארנעהמען דאס לערנען אזוי גוט שילער אין אנדערע לענדער.

דער זייטיגער בעאבאכטער פי אבער, אז דאס לערנען פון די דא יונגעלייט וועט זיין אזוי ווי ארויסגעוו פען אויב א מלחמה וועט באלד או ברעכען. אונטער די איצטיגע אומשט דען וועט אביסיניע, זעהט אויס, זיך זען פארלאזען אויף איהרע אלט-מאדי מעטאדען פון פיהרען קריג. אנווענ די נייע מעטאדען וועט זיין שווער ש צוליב דעם אליין, ווייל אביסיניע ה ניט קיין מאדערנע וואפען. זי איז נ געווען צוגעגרייט דערמיט ביז איצט, א די באשטעלונגען וועלכע זי האט לע טענס געמאכט פאר מאדערנע כלי- זיינען פארהאלטען געווארען צוליב דע וואפען-עמבארגא.

פון אויסלאנד זיינען געקומען אסך א באטען פון מענשען וועלכע ווילען דינע אין דער אביסינישער ארמעע. אבער ד אביסיניער זאגען: „סאלדאטען האבע מיר גענוג אייגענע, גיט אונז בעסער גע

J. FEIGELMAN
WINNIPEG MANITOBA

געווידמעט דעם אָנדענקען פון מיין אונ־
פערגעסליכען חבר מ. פּאָטלאָזשאַן, וועלכער
איז הינגעריכטעט געוואָרען אין יאָהר 1906.

J. FEIGELMAN
WINNIPEG MAN.

מספרי
יצחק פײגלמן

ערשטער טייל

דאָס לעבען אין טורמע און קאַטאָרגע

יצחק פייגלמאַן

פון די אַרויסגעבער

די אַרויסגאַבע פון דיעזען ווערק, ווי די גרינדונג פון דעם „ניו יאָרקער אנאַרכיסטישען רויטען קרייז", איז ניט קיין צופעליגע ערשיינונג; ביידע האָבען זיי איין און דעמזעלבען צוועק.

די פערצווייפעלטע בריעף פון די אויסגעמאַטערטע חברים אין די רוסישע טורמעס, אין וועלכע זיי האָבען זיך געווענדעט פאַר הילף צו די מעהר גליקליכע חברים אין אַמעריקאַ און אין די פרייערע לענדער אין אייראָפּאַ; איבערהויפּט די גרויזאַמע נקמה, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט גענומען פון די אנאַרכיסטען מעהר ווי פון די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען, האָט אַרויסגערופען די גרינדונג פון אַ ספּעציעלען „אנאַרכיסטישען רויטען קרייז, אויסער דעם אַלגעמיינעם רויטען קרייז, אין 1909.

אויסער די מאַסען־מאָרדען, טויט־שטראָפען און פּייניגונגען, וואָס זי האָט אויסגעטיילט מיט אַ פרייער האַנד, האָט די רוסישע זעלבסטהערשאַפט פון 1907 אָן, אָנגעהויבען שטעלען די אנאַרכיסטען אונטער „קרימינעלע" פּראָצעסען, כדי דאַדורך, ערשטענס, מאָראַליש צו טויטען דעם אנאַרכיזם אין די אויגען פון די מאַסען, און צווייטענס, כדי אָוועקצורויבען פון די אנאַרכיסטען אַלע מאַטעריעלע פּריווילעגיעס פון פּאָליטישע, פערשפּאַרענדיג זיי און האַלטענדיג זיי אונטער דעם העסליכען קרימינעלען רעזשים.

אויב דאָס ערשטע האָט זיך דער רעאַקציע ניט איינגעגעבען, האָט אָבער דאָס צווייטע מאָראַליש דערדריקט אַלע אַרעסטירטע חברים און זיי שרעקליך ערנידעריגט. זייערע ליידען איז שווער זיך פאָרצושטעלען: ווערענדיג „אָפיציעל" פעררעכענט אַלס „קרימינעלע", פלעגט די שטיצע פון דעם אַלגעמיינעם רויטען קרייז צו זיי ניט אָנקומען. פערשיקט און צושפּרייט איבער אַלע פערוואָרפענע ווינקלען פון דער גרויסער אימפּעריע, האָבען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס ניט געוואוסט וועמען צו העלפען.

די עקזיסטענץ פונ'ם אנאַרכיסטישען רויטען קרייז איז געוואָרען אַן אונבעדינגטע נויטווענדינגקייט. די גענאָסען האָבען עס בעגריפען, זיינען געקומען צו הילף, און די אָרגאַניזאַציאָן צוזאַמען מיט איהר טהעטיגקייט איז געוואַקסען. אַזוי צ. ב. ש. איז אין פערלויף פון די ערשטע 20 מאָנאַטען אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די געפאַנגענע $527.51; דעם 3טען יאָהר — $498.24; דעם 4טען יאָהר — $883.29; דעם 5טען — $2,040.02; דעם 6טען — $1,218.00.

צום 4טען יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט שוין דער אַנאַרכיס־טישער רויטער קרייץ זיך געפיהלט גענוג שטאַרק אונטערצונעהמען ברייטערע ארבייטען. עס האָבען זיך געגרינדעט עהנליכע אָרגאַני־זאַציעס איבער'ן לאַנד, און דאָס האָט געהאָלפען בעגעגענען די נייע בעדערפעניששען. פיעלע חברים, וועלכע זיינען פעראורטיילט געוואָ־רען אין די יאָהרען 1906—1907, האָבען געענדיגט זייערע טערמינען אין די קאַטאָרגע טורמעס, און מען האָט זיך גענומען העלפען זיי צו ענטלויפען פון די וויטע ערטער, וועלכעס האָט זיך אויך טייל־וויז איינגעגעבען.

דער רעזשים אין די טורמעס איז אָבער אונטער דער צייט געוואָרען אַלץ שוידערליכער: די אינסטיטוציע פון די „סטאַראָס־טאַס" איז אינגאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען, די אָפיציעלע פערבינ־דונגען מיט די טורמעס איז אָבגעבראָכען געוואָרען; און דאָן ערשט האָט זיך ארויסגעוויזען די פראַקטישקייט פון דעם אַנאַרכ. רויטען קרייץ, דערמיט וואָס ער האָט פונאַנדערגעשיקט די שטיצע און איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט יעדען געפאַנגענעם בעזונדער, וואָס האָט איהם אויך געגעבען די מעגליכקייט מאָראַליש אויפצומונטערען די חברים. און די געפאַנגענע געגאָסען, אין זייערע בריעף, אַנערקע־נען די דאָזיגע ארבייט מיט דאַנקבאַרקייט און צופריעדענהייט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז דער „קאָרעספאָנדענץ־קאָמיטעט", וועלכער האַלט אויף די דאָזיגע פערבינדונג, זאָל אויסברייטען זיין טהעטיג־קייט און זאָרגען דערפאַר, אז יעדער געפאַנגענער זאָל ערהאַלטען בריעף און ידיעות פון דער פריי.

דער אַנאַרכ. רויטער קרייץ האָט אויך געטהאָן אַלעס וואָס ער האָט געקאָנט, בעקאַנט צו מאַכען דער וועלט מיט דעם שוידערליכען לעבען פון די געפאַנגענע און זייער פערצווייפעלטער לאַגע. אויסער דעם וואָס עס ווערען פערעפענטליכט אין דער פרעס פון צייט צו צייט בריעף פון די געפאַנגענע, ווערט יעדען יאָהר ארויסגעגעבען א ספּעציעלע זאַמלונג פון די דאָזיגע בריעף אונטער דעם נאָמען „די שטימע".

און צוליעב דעם אייגענעם צוועק ווערט אויך ארויסגעגעבען די „פערצייכענונגען פון אַן אַנטלאָפענעם פּאָליטישען קאַטאָרזשניק" פון חבר מ. בערעזשין, וועלכע גיבען א מעהר־וועניגער אויספיהר־ליכען בילד פון דעם טורמע־ און קאַטאָרגע־לעבען, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלעבט.

אַנאַרכיסטישער רויטער קרייץ.

ניו יאָרק, דעצעמבער 1915.

מספרי
יצחק פיינגלמן

א פּאָר איינלייטונגס־ווערטער

איך קאָן קיין מאָהל ניט פערגעסען דעם איינדרוק, וואס עס האָט אויף מיר געמאכט א צוטריט צו א פּארטראג, וועלכען דער פערשטאָרבענער גרויסער קעמפּפער, גריגאָרי גערשוני, האָט געהאַלטען אין גרענד סענטראל פאלאס אין ניו יארק, ווען ער איז דאָ געווען מיט אונז נאָך זיין אנטלויפען פון אקאטוי. יענער פארטראג איז פון איהם געגעבען געוואָרען צו גונסטען דעם רויטען קרייץ פאר די פּאָליטישע געפאנגענע אין רוסלאנד און דער געגענשטאנד פון זיין פארטראג איז געווען: „שליסעלבורג“.

„טהוט אוים די שיך פון אייערע פיס, מיט יראת הכבוד שטעלט אייערע טריט; אין א הייליגען פלאַץ פיהר איך אייך אריין — אינ׳ם קדשי קדשים פון די יסורים פון אונזערע מארטירער...“ האָט דער גרויסער קעמפּפער אָנגעהויבען יענע רעדע זיינע איבער „שליסעלבורג“ און איבער די „שליסעלבורגצעס“. און דיעזע ערשטע ווערטער זיינע האָבען מיט א בעזונדער הייליגער פארעהרונג ארומגעכאפּט די טויזענדע צוהערער, וועלכע זיינען געבליבען זיצען געשפּאנט און איבער וועלכע עס האָט געשוועבט יענע טיעפע שטימונג, ווי אריינטרעטענדיג אין א טעמפעל.

אזא מין געפיהל האָט זיך אין מיר ווידערהאָלט ווען איך האָב צוערשט אין רוסישען אָריגינאל געלעזען דעם מאנוסקריפּט פון חבר מ. בערעזין, זיינע „פערצייכענונגען פינ׳ם לעבען פון א פּאָליטישען קאטאָרזשניק“. און ניט דוקא די קינסטלערישע זייט פונ׳ם ווערק, ניט די ארט און ווייזע ווי א ז ו י דאָס איז פון איהם געשילדערט געוואָרען — ניט דוקא דעריין ליגט יענע מאגישע קראפט, וועלכע ווירקט אזוי שטארק, זאָנדערן דער אינהאלט גופא, די סאמע איבערלעבונגען, אלעס דורכגעשטריטענעס און דורכגעליטענעס אינ׳ם לעבען און אין די יסורים פון די רוסישע קעמפּפער פאר א פריי־

ערער און בעסערער וועלט — דאָס איז הויפּטזעכליך יענע ווירק־
זאַמע קראַפט אין דיעזע פּערצייכענונגען, וואס לאָזען איבער אַ
טיעפען איינדרוק.

וואס פאַר א קוואַל פון יסורים! וואס פאַר א וועלט פון ליי־
דען פאַר דער רעבעלירענדער מענשליכער נשמה!

דער פּערפאַסער האָט דאָ ניט פּערצייכענט קיין זעלטענע,
אויסנאַהמיגע געשעהעניסען, וועלכע זאָלען פערכאַפּען דעם לעזער
מיט זייער שוידערליכער אויסערגעוועהנליכקייט אלס עטוואס
מורא'דיגעס, פּחדים'דיגעס, וואס עס קאָן אמאָל טרעפען און וואס
זאָל אונז איבערראַשען אלס עפּעס אזעלכעס וואס מיר הערען דאָס
ערשטע מאָהל אדער וואס קאָן זיך צופעליג אבשפּיעלען אין דער
וועלט. ניין, פאַרקעהרט — דאס וואס ער האָט פּערצייכענט איז
די גרויסע, אלטעגליכע ווירקליכקייט אינ'ם לעבען פון די פּאָליטיש
געפאַנגענע. דאָס צועפענט ער פאַר אונז די טיהרען פון יענער אינ־
פערנאָ, פון יענע מדורי גהינום, וואו עס קומען אב זייער שטראָף
די קעמפּפער פאַר פרייהייט, פאַר מענשליכעס רעכט, פאַר העכערע
פּרינציפּען און העכערע אידעאַלען.

און אַריינבליקענדיג אין די געעפענטע טהירען פון דער שוי־
דערליכער אינפערנאָ, זייענדיג געפיהרט פון פערפאַסער דורך די
פיעלע מדורי גהינום, וואו עס קומען אב די קעמפּפער, די טרוימער
און די שטרעבער צו שאַפען א בעסערען לעבען פאַר דער אונטער־
דריקטער מענשהייט, דערזעהען מיר די גאַנצע אימה, פון וועלכער
מיר האָבען אָפּט געהערט און געלעזען אין אן ארטיקעל, אין אַ
קורצען בריעף פון א פּאָליטישען געפאַנגענעם, אין אן אויפרוף צו
גונסטען פון יענע קרבנות פון דער צאַרסקער דעספּאָטיע, אָבער
וועלכע עס האָבען בלויז דערצעהלט איינצעלנע פאַקטען און ניט
צועפענט פאַר אונזערע אויגען יענע אינקוויזיציאָנס־קאַמערען אין
זייער גאַנצער שרעקענס־ווירקליכקייט.

נור ניט בלויז די אויסערליכע ענויים, ניט בלויז די פיזישע
פּייניגונגען און ניט דאָס בלויז, וואָס דאָס אויג קאָן זעהן אין
אזעלכע שרעקענס־בילדער פון גהינום, האָט דער פּערפאַסער דאָ
פּערצייכענט, זאָנדערן איהם איז געלונגען איבערצוגעבען יענע פּסי־
כישע ליידען, יענע נשמה־מאַטערנים און דעם גאַנצען פּראָצעס

פון דיזע גייסטיגע יסורים, ווי זיי רופען זיך אָב, ווי זיי שפּיגלען זיך אָב און ווי אונערטרעגליך זיי ווערען געטראָגען פון די, וואָס זיינען געווען אַזעלכע וואונדערליכע העלדען אין קאַמפּף און ווע־רען פערוואַנדעלט אין הילפלאָזע פיגורען, געקריפּעלט און געקאַ־לעטשעט, געטראָטען און פערשפּאָט׳ט פון יענע ברואים, אין וועמעס אונמענשליכען רשות עס איז אוועקגעגעבען געוואָרען זייער לייב און זייער לעבען.

דיזע שילדערונג פון די פּ ס י כ י ש ע אָבקומעניִשען פון די קעמפּפער איז איינער פון די בעדייטענדסטע ווערטהען פון דיזע פערצייכענונגען, אַבוואָהל דאָס שעפּט נאָך ווייט־ווייט ניט אויס דעם געגענשטאַנד, ווארום וויפיעל מען זאָל דאָס ניט שילדערן און וויפיעל מען זאָל וועגען דעם ניט שרייבען איז דאָך דאָס נאָך אַלץ בלויז אַ טראָפּען פון יענעם ים פון פּסיכישע אי־בערלעבונגען פון פּאָליטישע געפאַנגענע אין דעם ווייטען סיביר.

דאָס זיינען איבערלעבונגען פון׳ם פּערפאָסער אַליין, אָבער אַזוי ווי ער שילדערט דאָ ניט זיין אייגענע פּערזאָן און זוכט צו זיין אָביעקטיוו, איבערגעבענדיג די אייגענע איבערלעבונגען מיט דעם בליק פון אַ בעאָבאַכטער, דאַרום קומט דאָ אַרויס בולט די גייסטיג־יסורים׳דיגע איבערלעבונג פון׳ם פּאָליטיש־געפאַנגענעם ב כ ל ל. אפילו דאָרט, וואו אין די יסורים איז פאַראַן דער ריין־פּערזענליכער עלעמענט, ווי צ. ב. ש. אין דער געזעגענונגס־סצענע מיט׳ן חבר, וועלכער ווערט געפיהרט הינגעריכטעט צו ווערען ביים גרויען פאַרטאָג, וואָס דאָ קומט שוין אריין עפּעס טיעף אינטימעס אין די בעציהונגען צווישען דעם פערפאַסער און דעם צום טויט פעראורטיילטען חבר — אפילו דאָ קומט אויך אַרויס בולט ניט בלויז דאָס, וואָס ער אַליין האָט אין אַזעלכע מינוטען איבערגעלעבט, זאָנדערן וואָס דעם פּאָליטישען קאַטאָרזש־ניק אין אַלגעמיין קומט אויס אין אַזעלכע מינוטען איבערצולעבען. ווארום וויפיעל אַזעלכע סצענעס זיינען פאָרגעקומען אין דער נאָך ניט־געשריבענער געשיכטע פון דער פּאָליטישער קאַטאָרגע — אַך, דאָס הארץ הויבט אָן שפּרינגען פון ברוסט, דער מארך גיט זיך אַ מיש אין קאָפּ, די הענד צוקען זיך קראַמפּפּהאַפט צונויף פון איינענער אונבעהילפליכקייט, ווען מען גיט אַ טראַכט וועגען דעם, איבערלעזענדיג יענע געזעגענונגס־סצענע!

זוכענדיג צו פערצייכענען די אייגענע איבערלעבונגען מיט די אויגען פון א בעאבאכטער איז אין די פערצייכענונגען געלונגען דעם פערפאסער בעזונדער בולט ארויסצובריינגען די קאטארזשנע סביבה, וואס דאס האט א דאפעלטע בעדייטונג: ערשטענס די סביבה אליין, און צווייטענס ווי זי רופט זיך אב אויף דער נשמה פון'ם פרייהייטס־קעמפפער, וואס ווערט אריינגעווארפען אין איהר.

די קאטארזשנע קרימינעלע סביבה! די וועלט פון די טור־מעס, פון די עטאפען, פון דער קאטארגע; די קרימינעלע און קרימינאלאגישע וועלט פון פערברעכען און שטראף — וויפיעל וועגען איהר איז ניט געשריבען געווארען איז זי דאך נאך אלץ אן אונערפארשטע וועלט! דאס איז דאך יענע אונטער־וועלט, וועלכע איז אליין מיט זיך די שארפסטע, די בלוטיגסטע, די שניידענדסטע אנקלאגע געגען דער עקזיסטירענדער ארדנונג אין אלגעמיין און געגען דער הערשענדער ארדנונג אין רוסלאנד בפרט. ניט רייך איז די ליטעראטור אין דער ערפארשונג פון דעם אסט־ראזשנעם לעבען אין רוסלאנד, און דיזע פערצייכענונגען קאנען דיענען אלס א בייטראג צו אזא ליטעראטור, ווארום זי קומט ארויס בולט ערשט דאן, ווען זי שפיגעלט זיך אב דורך דעם איינדרוק וואס זי מאכט אויף א מענשען, וועלכער שטעהט אויף א העכערער מדרגה אלס דער דורכשניטס־מענש, ווי מיט זיין אינטעלעקט, אזוי מיט זיין מאראל, און הויפטזעכליך מיט זיין מעהר הומאני־טערען בליק אויף מענשען און אויף זאכען.

וואס פאר א דעגראדאציאן! וואס פאר א זומפ! וואס פאר א טאטאלע פערזונקענהייט ביז א ניט־דערקענונג פון א מענשלי־כער בעשעפענים אין דעם מענשען! — דאס לויפט דורך אין גע־הירן, דערזעהענדיג די טיפען פון דער קאטארזשנער סביבה, ווי זי איז ארויסגעבראכט געווארען דא אין די פערצייכענונגען. און אויף דער ארויסברייננגונג פון דיזע קרימינעלע טיפען פון דער אונטערוועלט האט דער פערפאסער אבגעגעבען מעהר פלאץ אלס אויף שילדערן טיפען פון פאליטיש־געפאנגענע, ווענען עס קומט־אוים צו לעבען צווישען יענע. און מיט רעכט האט ער עס גע־טהאן, ווייל ערשטענס דערזעהען מיר דעריין די אונטער־וועלט, וועלכע איז די שטארקסטע אנקלאגע געגען דער הערשענדער אווי־בער־וועלט, און צווייטענס גיט עס אונז א קלאהרען בילד פון דעם,

וואָס די געפאנגענע פרייהייטס־קעמפפער מוזען איבערלעבען גע־פינענדיג זיך אין דיזער סביבה.

דאָסטאָיעווסקי, מעלשין, דראָשעוויטש און אנדערע האָבען געשריבען פון דיזער סביבה, פון׳ם לעבען אין „טויטען־הויז״; רייך, שפאנענד, הארץ־ברעכענד, ווי עס זיינען זייערע שילדערונ־גען, צייכענען זיי זיך אָבער אויס מעהר מיט דער קינסטלערישער מאָהלונג, וואָס גיט אונז אזעלכע גאַלערעען פון בילדער פון יענער וועלט. דער שרייבער פון דעם פאָרליגענדען בוך האָט זיך מיט מאָהלערישע שילדערונגען ניט אָבגעגעבען און ברייננגט ארויס אין פערצייכענטע פאקטען יענע טיפען פון געזונקענהייט, ווי זיי זיינען אין דער טורמע־ווירקליכקייט.

אויב אָבער אין דער רוסישער שפראך האָבען מיר די שוין געשריבענע ווערק פון יענעם אינפערנאָ־לעבען, ווערק וואָס גי־בען אונז א פאָרשטעלונג פון די מדורי־גהינום, האָבען מיר דאָך אָבער נים אזעלכע ווערק אין דער אידישער שפראך. און עס איז די גרויסע פערדיענסט פון׳ם אנארכיסטישען רויטען קרייץ, וואָס ער גיט דיזען ווערק (וואָס איז געשריבען געוואָרען אין רוסיש) ארויס אויף אידיש. האָבען דאָך אידען געגעבען אזוי פיעל פריי־הייטס־קעמפפער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָן; געפינען זיך דאָך אזוי פיעל אידישע חברים וואָס ווערען געפייניגט אין יענעם גהינום פון צארסקער דעספאָטיע — און יענע רוסישע און אידישע חברים, פון וועמען אזוי פיעל קרבנות ראנגלען זיך און שמאכטען אין יענער אונמעגליכער און אונמענשליכער וועלט, האָבען דאָך געקעמפפט פאר אידעאַלען, וואָס זיינען גוט פאר אַלע מענשען און אַלע פעלקער. זאָל דאָך דאָס אידישע פאָלק, זאָל דאָך דער איד־מענש וויסען פון׳ם לעבען און פון די יסורים פון די מאר־טירער פון פרייהייטס־קאמפף און זאָל דאָך דער איד־מענש ווי־סען ווי אָבצורופען זיך און ווי צו ערפילען זיין חוב צו יענע, וועלכע קומען אָב פאר זייער שטרעבען אויסצוקעמפפען א בעסערע וועלט פאר אַלעמען.

די חברים פון רויטען־קרייץ פאר דער הילף פון פּאָליטישע קרבנות, וואָס שמאכטען אין דער צארסקער געפאנגענשאפט, טוהען די פאסענדע ארבייט מיט דער ארויסגעבונג פון דיזען בוך, ווארום גרויס ווי זייער ארבייט איז אין שאפען מאטעריעלע הילף פאר

יענע, וועמעס לעבען איז א מארטירער־לעבען (און דעריין האבען זיי זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דיזער הילפס־ארגאניזאציאן) איז נאך זעהר ווערטה צו שע־צען זייער ארבייט אין סיסטעמאטישען זאמלען אן ארכיוו פון דאקומענטען און בריעף פון די פאליטיש־געפאנגענע, וואס וועט זיין אמאל פון גרויסען סאציאלאגישען ווערטה, ווען עס וועט פערעפענטליכט ווערען, ווארום דאס איז היסטארישער און סא־ציאלאגישער מאטעריאל פאר די קומענדע דורות, וועלכע וועלען לערנען וואס איז דורכגעשטריטען און דורכגעליטען געווארען אינ׳ם קאמפף פאר אידעאלען פון א בעסערער וועלט.

זאלען מענשען לעזען דיזען בוך, זאלען זיי לעזען די דאקו־מענטען פון מארטירעריי פאר פרייהייט און פאר מענשליכע רעכט, זאלען זיי ווערן בעוואוסט אויף זייער חוב־געפיהל צו די מארטי־רער און שטרעבען צו א וועלט, וואו דיזע אלע דאקומענטען זא־לען דינען בלויז אלס א שטודיע פון א פערגאנגענהייט!

ם. קאטץ.

פילאדעלפיא, דעצ. 2טען, 1915.

מספרי
יצחק פייגלמן

די פאַנטאַסטישע רעטונגס־פּלענער.

פונקט ווי אין א דראַמאַטישע פאַרשטעלונג פּיהלט זיך דער העלד פון דער דראַמא גליקליך אין די ערשטע אַקטען און איז אַזוי בעזויפען פון זיין גליק, אַז ער פערדעכטיגט גאַר ניט דאַס שרעקליכע וואָס לויערט הינטער איהם, ווייס ניט פון די צרות, וואָס וועלען אָנקומען אַנשטאָט זיין פערגעניגען, הגם עס איז דאָ גענוג גרונד אַזעלכעס צו פערדעכטיגען — אַזוי בעגרייפט אָנפאַנגס ניט אַ געפאַנגענער, וועלכער ערוואַרט זיין אורטייל, די שרעקליכע ראַכע, וועלכע דער „יושר׳דיגער“ געריכט האָט פאַר איהם צוגעגרייט.

אין דער ערשטער צייט זעהט ניט דער געפאַנגענער די אָפענע טהירען פונ׳ם „טויטענהויז“, וואו עס ערוואַרטען איהם אַלערליי יסורים פון גיהנום. אין אָנפאַנג איז זיין הארץ איבערפילט מיט האָפנונג און טיעפען גלויבען אין אַ גליקליכען אויסגאַנג פון דעם שרעקליכען און בייזען שטורם, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ; אפילו דורך די שוואַרצע וואָלקענס לייכט פאַר איהם אַרויס אַ שטראַהל פון פרייהייט, וועלכער צערטעלט איהם און שמייכעלט צו איהם.

די צייט פון דער אויספאָרשונג, פון אויסהערען די עדות און די בעראַטהונגען מיט דעם פערטיידיגער, — וואָס פאַר אַ פערשיעדענע, ווידערשפּרעכענדע געדאַנקען און איבערלעבונגען דאָס רופט אַרויס אין דער אַנגעוועהטאָגטער און אָנגעשטרענגטער נשמה! דאַכט זיך דו זעהסט אַליין, אַז אַלעס איז געגען דיר, און דאָך פּיהלסטו, אַז עפּעס גיט דיר האָפנונג און בערוהיגונג; דו פיהלסט, אַז ערגעץ טיעף אין הארצען טליען האָפנונגען און זאָגען־צו אַ גליקליכען אויסגאַנג.

יאָ, דער אינסטינקט פון לעבען איז פּיעל שטאַרקער פון יעדער לאָגיק און פערשטאַנד.

און אין דיעזען קאָשמאַר פון מורא׳דיגע יסורים איז די נשמה פונ׳ם געפאַנגענעם, וועלכער דורשט נאָך רוהע, אַרומגעכאַפּט מיט

א דורכדרינגענדען גלויבען אין א גליקליכער ענדע, וועלכע דער שטרענגער אָבער „בארמהערציגער" גערעכט וועט מיט זיין איין וואָרט פאר איהם ארויסברענגען.

אין אזא צושטאנד ערוואַרטסטו דיין אורטייל.

זייענדיג אויף דעם ברעג פון א שרעקליכען תהום, שטעהסטו מיט'ן רוקען צו דיעזען תהום און מיט'ן פנים צו ליכט און פריי־הייט. פיהלענדיג אונטער זיך דיעזען מאוים'דיגען ראנד פון תהום, ווענדסטו זיך מיט אויסגעשפרייטע הענד צו מענשען. מיט אלע דיינע כחות רייסטו זיך ווייטער פון דיעזען שווידערליכען כף־הקלע, וועלכער איז גרייט דיך צו פערשלינגען.

אן אונמעכטיגער ערוואַרטסטו די ענטשיידונג פונ'ם שיקזאל. אָבער זיי, די שאַפער פון דיין שיקזאל, זאָגען ארויס זייער לעצטען וואָרט און שטויסען דיך אין דער גרוב, וועלכע זיי האָבען אליין פאר דיר אויסגעגראָבען...

פערשוואונדען די ליכטיגע שטראַהלען... רונד און ארום א בייזע, העלישע פינסטערניש... אן אנדער וועלט — די וועלט פון פערשטויסענע... א מורא'דיגער קבר, וואו עס הערט זיך דער יאָמער פון לעבעדיג־בעגראָבענע מענשען... דאָס קלינגען פון אייזערנע קייטען, דאָס פייפען פון ריטער, דאָס קנאקען פון נאגאי־קעס, פערצווייפעלטע געשרייען און פלוכען פון די געשענ־דעטע, די ווילדע זידלערייען פון פערברעכער — דאָס אלעס גיסט זיך צונויף אין איין וואהנזיניג־בלוטיגער מעלאָדיע.

און שטענדיג לאָזט זיך הערען אָט דיעזעם גיהנום־ליעד, האָס ליעד פון מאטערען און פייניגען, און עס שטארבט אָב אָהן אן ענט־פער אין דער אונענדליכער פינסטערניש, וועלכע בילדעט יענע זייט וועלט — די וועלט פון קאטאָרגע.

יעצט ערשט דערפיהלסטו בעשטימט דיין לאגע. דו בעגרייפסט דעם מורא'דיגען אמת פון דיין נייעם לעבען; דו בעגרייפסט, אָבער דו קענסט ניט רוהיג בלייבען.

דאָס לעבען פון א מענשען אונטער דעם דרוק פון פערשיע־דענערליי פערפאָלגונגען און יסורים דריקט זיך אוים פערשיעדען. דאָס שטענדיגע האָפען און דער בעוואוסטלאָזער גלויבען, וואָס

איז נאטירליך אין יערען ארעסטאנט, דריקט זיך אויס אין פער־שיעדענערליי פארמען.

געוועהנליך ערוואַרט אימער דער קרימינעלער ארעסטאנט עפעס א קייזערליכען מאניפעסט, וועלכער וועט איהם אדער אינ־גאנצען בעפרייען, אדער פארקירצען זיין שטראף־טערמין. און דער פאליטישער ארעסטאנט ערוואַרט אימער, אז אט־אט וועט אנקו־מען א רעוואלוציע, און דאס רעבעלירענדע פאלק וועט איהם ברענ־גען זיין בעפרייאונג.

נאטירליך אבער קאנען אזעלכע אילוזיאנען ניט בערוהיגען דעם געפאנגענעם און ער איז בערייט אויף פערשיעדענערליי זאכען. אט דוכט זיך איהם, אז ער וועט מאכען דעם געוואגטסטען שריט, וועט טהאן דאס אונגלויבליכסטע, און אין א וויילע ארום ווערט ער פערזונקען אין א מין פערשלעפערונג, בלייבענדיג פער׳חלום׳ט אין א פער׳כשופ׳טער וועלט פון טומאנע פאנטאזיעס: „בעפרייען זיך! אנטלויפען!“

וואס פאר פאנטאסטישע, ווילדע פלענער בעשאפט ריעזעם ווארט אין דער אנגעוועהטאגטער נשמה! וועלכע נארישע, אונזי־ניגע און קינדערשע געראנקען ווערען דאן געבוירען אין קאפ, ווען דאס צויבערליכע ווארט פ ר י י ה י י ט שוועבט פאר די אויגען — די פרייהייט, פון וועלכער ער איז בערויבט אויף לאנגע, לאנגע יאהרען.

אקאָרשט ניט לאנג איז ער געווען א פראקטישער, פערנינפ־טיגער מענש, און ער ווערט פערוואנדעלט אין א סענטימענטאלען פאנטאזיאר, פול מיט קינדערשע חלומות.

שווער און טרויעריג פאנגט זיך אן דער טאג פאר׳ן געפאנגע־נעם. די פריהמארגענדיגע טורמע־סיגנאלען רייסען איהם אויף פון זיין שלאף. פערשוואונדען די שעהנע חלומות, די ליעבע געשטאל־טען, און אנשטאט דעם דערפיהלט ער די שווערקייט פון די געקא־וועטע פיס. די קלאנגען פון די קייטען, וואס שלאגען זיך אב אן דאס אייזערנע בעטעל, דערמאנען איהם אויף דער ווירקליכקייט. די אויגען בעגעגענען באלד דעם שטאהל־קאלטען בליק פון דעם אימער־וואכענדען וועכטער, וועלכער קוקט אויף דיר עקשנות׳דיג דורך דער לאך פון דער אייזערנער טהיר און וועלכער היט דיך

מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, שפירט נאָך יערער בעוועגונג פון דיין קערפּער.

מיט ברענענדען צאָרן דרעהסטו אום דיין קאָפּ פון דעם אָבשטויסענדען שווארצען פלעק, אָבער וואוהין דו זאָלסט זיך נים קעהרען און ווענדען — איבעראל בעגעגענען דיינע בליקען דיעזען טייפלישען שמייכעל, דעם שמייכעל איבער דיין אונבעהילפליכקייט. די גרויע שטארקע ווענד, די שווערע, חשך׳דיגע באלקענס, די אייזערנע גראַטעס, די לופט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט דער אונ־ברחמנות׳דיגער הארטהערציגקייט צו די ארעסטאנטען, — דאָס אַלעס דריקט און שטיקט דאָס הארץ און דעם מח. דו פיהלסט, ראַכט זיך, ווי שארפע און שטעכעדיגע נעגעל פון א חיה־רעה האָבען זיך ארייננעשטאָכען אין דיין קערפּער, און זיי רייסען און צוקען דיין הארץ, דיין מארך און דיין נשמה.

און ווי אַלעס וואָלט נאָך געוועזן ווענינ, ווייזען זיך אין דיין פינסטערען קבר סמנים פון לעבען פון יענער זייט תפיסה. דורך די גראַטעס זעהט זיך א שטרייף הימעל, א טייל פון דער גרויסער, ברייטער, אונענדליכער וועלט.

א קוואל פון נייע יסורים רופט ארויס אָט דיעזער שטיקעל הימעל, — דער צייכען פון א לעבעדיגער, פרייער וועלט. א טיעפע מרה־שחורה כאַפּט ארום די גאנצע נשמה: אזוי נאָהענט, און דאָך אזוי ווייט, קאָכט און זידט דאָס שטורמדיגע לעבען; דאָרט געפינען זיך די טהייערע און ליעבליכע געזיכטער, און איך, עלענ־דער, פערשפּארטער, שמאַכט דאָ אין פינסטערניש און ווער געמאַ־טערט קערפּערליך און גייסטיג.

ווי א פערוואונדעטער הויב איך אָן ארומלויפען איבער מיין ענגען קערקער. שווארצע, פינסטערע תפיסה־שאָטענס ציהען זיך פון אַלע ווינקלען און זאָגען־אָן עפּעס בייזעס, שרעקליכעס.

פּרובירסט זיך פערטיעפען אין דער צוקונפט, — דיזעלבע אונדורכדרינגליכע פינסטערניש, וועלכע מאָהלט פאַר דיר לאַנגע, שווארצע, פינסטערע יאָהרען, איינער שרעקליכער פונ׳ם צווייטען.

די אונמעכטיגקייט פונ׳ם פערשטאַנד און פונ׳ם ווילען פון איין זייט, און דער ברענענדיגער פערלאַנג נאָך לעבען און פרייהייט פון דער צווייטער זייט, מאָהלען דיר אויס אזעלכע זאָנדערבארע

פארשטעלונגען, אזעלכע אונמעגליכע טרוימערייען, אזעלכע פינ־
דערשע פאנטאזיעס:

אפשר זיך גאר מאכען פאר געשטארבען? איך האב דאך
אמאל געלעזען אזויפיעל וועגען אינדישע פאקירען, װעלכע האלטען־
איין קינסטליך דעם אטעם, און אלע סמנים פון לעבען ווערען ביי
זיי פערשוואונדען אויף א צייט. מען בעגראבט זיי דאן אין דער
ערד, ווי אלע טויטע, און אין א מאנאט אדער צוויי ארום ערשיינען
זיי צוריק אויף גאט׳ס וועלט, פריש און מונטער, ווי עס וואלט קיין
זאך מיט זיי ניט פאסירט. מיר איז עפעס אמאל אויך אויסגע־
קומען צו לייענען וועגען א געוויסען פאלקאווניק, וועלכער קאן
איינהאלטען זיין אטעם און דאס הארץ הערט ביי איהם אויף צו
קלאפען אויף א געוויסער צייט.

אך, צום טייפעל! איך וואלט זיך דאך לאנג ניט בעדארפט
מאטערען. איין טאג נור, אדער בלויז אייניגע שטונדען, קאנען
אזוי איינהאלטען דעם אטעם, וואלט געווען גענוג פאר מיר. עס
קומט דער דאקטאר, אונטערזוכט, קאנסטאטירט אז טויט, און אהן
ווייטערע צערעמאניעס טראגט מען מיך אוועק וואו מען בעדארף.
דער טורעמנער בית־עולם איז דאך אויף אזא גוטען, איינזאמען
פלאץ. ביי נאכט. קיינער זעהט ניט. עס קומען צו געהן אייגענע,
מען גראבט־אויף די ווייכע, פרישע ערד און... איך בין פריי!

פריש און פרעהליך ווערט פון אזא טרוימעריי אויפ׳ן האר־
צען; מען דערפיהלט ווי עס פליסט־צו א שטראם מיט נייע
האפנונגען.

דער נעדאנק ארבייט אונערמיעדליך. אויף א רגע הערסטו
אויף דענקען וועגען דעם גליקליכען רעזולטאט און ביזט איינגאנצען
פערנומען מיט דעם פלאן גופא; דרינגסט אריין אין אלע זיינע
איינצעלהייטען.

אויסגעצייכענט! מען דארף נור פריהער לאזען וויסען די
„אייגענע“; בעקאנט מאכען זיי וועגען דעם. זאלען זיי וועגען
דעם א טראכט טהאן און זיי וועלען זיך שוין אן עצה געבען ווי צו
קריגען פאר מיר די ביכער, וואו אזעלכע קונציגע זאכען ווערען
ערקלערט.

און אזוי טרוימסטו וואכענדיג, ביז וואנען דער געוועהנליכער

טורמע־געשריי רייסט זיך אריין אין דיינע זיסע חלומות און צו־טרייבט זיי אויף דערווייליע.

„ברויט, קאשע, הייסע וואסער, שפאצירען־געהן!“ — דער־הערסטו שרייען, און די ווערטער קלינגען־אָב אין יעדען ווינקעל פון דער תפיסה. דו מאכסט די נויטיגע פאַרבערייטונגען מיט א זעלטענער רוהיגקייט, דו נעהמסט־אויף די נייע איינדריקע און פאַלגסט וואָס די געפענגנים־וועכטער הייסען. אבער דיינע רעיונות זיינען איבערגעשלאָגען ניט אויף לאנג. עס געהט אריבער א שטונדע און דו צערטעלסט שוין ווידער דעם פלאן. דער פראַיעקט צו מאכען זיך פאר טויט, נעהט דיר אויף א מינוט ניט ארויס פון מוח.

א דאנק דיעזע, קיינמאָל ניט פערווירקליכטע, פאנטאזיעס, איז דאָ א מעגליכקייט פאר'ן אונגליקליכען פערשפּאַרטען צו דער־האלטען זיין טרויעריגען, בייזען, טרייסטלאָזען לעבען. אלעס איז דאָך פאר איהם פערבאָטען. זיין גאנצער פערגעניגען בעשטעהט דאָך נור אין בעקומען ערלויבניש אויף בעזוך פון פריינד און בעקאנטע, אָדער פערלאנגען ביכער, אויף וועלכע מען קאָן זיך קיינמאָל ניט דערווארטען.

דער אונזיניגער פּראַיעקט ווערט צושפּרונגען ווי א זייפען־בלאָז און זיין פלאַץ פערנעהמט א צווייטער, א דריטער. אזוי בייטען זיך די פאנטאסטישע פלענער, ווי לאנג דער געדאנק ארבייט, ווי לאנג דאָס הארץ קלאַפּט.

אָט האָט מען מיך אריבערגעפיהרט אויפ'ן פערטען עטאזש.

דורך דעם פענסטערל פון מיין נייער צעלע קאָן איך שוין זעהן ניט נור א קליין פּיצעלע הימעל, נור אויך אפילו א טייל פון דער גאס, וועלכע ציהט זיך פערביי דער טורמע. אָט בעמערק איך אויף דעם שפּיץ פון א בוים, וועלכער געפינט זיך אויף דער אנדער זייט וואנד. א נייער געדאנק גיט מיר א בליץ אין קאָפּ.

אז מען זאָל, למשל, דורכציהען א לאנגען שטריק פון דאנען צו יענעם בוים, וואָלט איך זיך דאָך גאנץ פריי געקאָנט ארונטער־לאָזען צו דער ערד און — פריי! געוועהנליך דארף עס אויסגע־פיהרט ווערען אין דער פינסטער, ביינאכט. דערצו איז נאָך נויטיג אזא ריננג, וואָס זאָל מאכען גרינגער זיך ארונטערצולאָזען. עס

וואָלט אויך געווען ראטהזאם איינצואוויקלען זיך אין א ווייסען ליילעך, און ווען דער וועכטער וועט בעמערקען א ווייסע פיגור, הענגענדיג אין דער לופטען, וועט ער זיך דערשרעקען, פערלירען. און אין דער צייט וועט מען שוין „הארטען״ צוגרייטען אן עקי־פאזש און — געה זוך מיך!

אלזא, די הויפטזאך איז נור צו בעקומען די נויטיגע שטריק און אריבערוואַרפען עס אהין, צו די „אייגענע״, און יענע וועלען עס שוין צובינדען צום בוים, ווי געהעריג.

לאנג האלטען אבער ניט אן דיעזע אלע וואונדערליכע פראיעקטען און פלענער, וועלכע די הונגעריגע פאנטאזיע האלט אין איין אויסארבייטען. איינער פערשווינדעט און באלד ערשיינט א נייער. און אזוי שטענדיג, אהן א סוף...

די מיליטערישע און די פעלד־געריכטען.

עס וואָלט געווען מעגליך, אז די וואהלטהעטיגע קראפט פון דער פאנטאזיע פונ׳ם אבשטארבענדען לעבען פונ׳ם ארעסטאנט זאל אננעהמען קרענקליכע פארמען איבער דער מאנאטאנער, ניט איבערגעריסענער, שטענדיגער אנשטרענגונג, ווען די פאקטען און פאסירונגען פונ׳ם תפיסה־לעבען וואלטען איהם ניט אבגעצויגען פון זיין גייסטיגער איינזאמקייט און ווען ער וואלט קיין שום בעריהרונג ניט געהאט מיט דער אויסערליכער וועלט.

דאס אנקומען פון נייע געפאנגענע, די בעפרייאונגען, וויכטיגע און אונוויכטיגע פראצעסען, דער קאמפף מיט דער אדמיניסטראציע, די אפטע בונטען צווישען ארעסטאנטען, די פעלד־געריכטען, וואס קומען פאר אין דער טורמע — דאס זיינען אלץ אזוינע פאסירונגען, וועלכע פערכאפען אפט דעם ארעסטאנט׳ס גאנצע אויפמערקזאמקייט.

די אפטע טויט־שטראף פראצעסען, אדער פעראורטיילונג צו לאנג־יעהריגע קאטארזשנע ארבייט ווירקען אויף יעדען איינעם פון אונז צו דענקען תמיד וועגען דעם. מיט טיעפען, שוידערליכען אנגסט פאלגט יעדער נאך די פערזאן אדער גרופע, וועלכע ווערט

געשטעלט צום געריכט. און נאך מיט גרעסערען אונגעדולד, ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען זיך אליין, ערווארטעט מען דאס צוריקקומען פון די גע'משפט'ע.

און כאטש מען ווייס דאך שוין פאראויס מיט וואס אזעלכע פּראצעסען ענדיגען זיך, פונדעסטוועגען ווערען זיי ערווארט מיט דער העכסטער שפּאנונג, מיט דער גרעסטער אונגעדולד.

„טויט־שטראף, אייביגע קאטארגע, צוואנציג יאהר קאטארגע!“ טראגען זיך פונאנדער איבערן אסטראג אלץ דיזעלביגע נאכריכטען.

טויט־שטראף, קאטארגע! — די ווערטער הערען זיך היינט, מארגען, טאג־טעגליך. זיי הענגען אין דער לופטען אכזריות'דיג, אונערבארמליך פאר גאנצע וואכען און מאנאטען. וואס א טאג אלץ מעהר בלוטיגע אורטיילען.

אבער דאס העלפט ניט! די שטרענגע געריכטען קאנען ניט איינשטילען די געפאנגענע פון איין זייט, און זעטיגען ניט די בלוטיגע טיראנען פון דער אנדער זייט, און עס הויבט זיך אן א סדרה פון פעלד־געריכטען — אין איינע 24 שטונדען פעראורטיילט צום צושיסען!...

גיך, אהן איבעריגע צערעמאניעס, געהט עס צו ביים פעלד־געריכט מיט אויספיהרען דעם אורטייל איבער'ן קרבן. און דא טאקע גופא ווערט די בלוטיגע ארבייט אויסגעפיהרט.

„דער פעלד־געריכט!“... האט זיך בליץ־שנעל פונאנדערגע־טראגען איבער'ן אסטראג. א טויט־שרעק האט יעדען איינעם ארומגעכאפט.

„דאס געריכט נעהט!... און ווי אן עלעקטרישער שטראם האט עס גענומען ברענען דעם מארך, די געהירען.

אונפערשטענדליך! אט דא, אין תפיסה, אונטער איין דאך מיט אונז, געפינען זיך א פאר אפיצירען, שיכור'ע, פערגרעבטע, — און זיי האבען עס א רעכט צו בעשליסען דעם שיקזאל פון מענש־ליכע לעבענס!

דער פאראליזירטער בעוואוסטזיין שטרענגט זיך מיט די לעצטע קרעפטען אן, אום צו בעגרייפען וואס דא קומט פאר.

אזוי ווי לעבעדיגע טרופען זיינען מיר געשטאנען א לאנגע צייט מיט אויסגעשטארטשעטע אויגען און אנגעשטעלטע אויערען

נעבען אונזערע פענסטערלעך, ווי בעוועגונגסלאָזע סטאַטועז, וועלכע אימיצער האָט מיט איין מאָל דערשטיקט, איבערלאָזענדיג זיי אין דער ערוואַרטונג פונ׳ם טויט.

„דאָס געריכט קומט!" — האָט עס ווי דורכגעדונערט, צו־טרייסלענדיג די לופט. ווילד, אימה׳דיג האָט עס געקלונגען אין די אויערען און אין קאָפּ.

„דאָס געריכט קומט!" — האָבען ווי אָבגעענטפּערט די גרויזע טורמע־ווענד, די שווערע אייזערנע טהירען און דער פּינס־טערער שטיינערנער באַלקען...

די צייט שלעפּט זיך; אַרום הערשט אַ בית־עולם שטילקייט...

די צייט ציהט זיך. עס ציהט זיך אויף די נעפּלאַנטע ערוואַרטונג.

„דאָס געריכט האָט זיך געענדיגט!" — צוטראָגט זיך עס איבעראַל, אַזוי ווי דורך דראָטלאָזען טעלעגראַף. דאַכט זיך אַלע זיינען פערשלאָסען און פּערריגעלט אין אונדורכדרינגבאַרע שטיי־נען, דאָך בעקומען מיר די ידיעות מאָמענטאַן. עס קוקט אויס ווי ערגעץ־וואו וואָלט געווען פערשטעקט אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס גיט־איבער אויגענבליקליך אַלע נייעסען און איינצעלהייטען.

נעבען דער פרויען־אָבטיילונג אויפ׳ן הויף ווערט אוועקגע־שטעלט אַ סלופּ, פון אונטער וועלכען עס קוקט אַרויס אַ שוואַרצע גרוב, אַ קבר. אַביסעל ווייטער בלישטשען פון זונען־שיין שאַרפע באַיאָנעטען.

מען פיהרט איהם אַ פערוואונדעטען פון דעם שפּיטאָל אין אַ שטוהל...

דורכ׳ן קליינעם פענסטערל פון מיין שמאָלען קאַמער, אויפ׳ן דריטען עטאַזש, קען איך קוים־קוים בעמערקען דעם פּלאַץ, וואו מענשליך בלוט דאַרף באַלד פערגאָסען ווערען.

אָט האָט מען איהם צוגעפיהרט. עס דרעהען זיך אַרום איינינע בעאַמטע; צוויי רייהען סאָלדאַטען זיינען אויסגעשטעלט. אָט איז צוגעקומען אַ נייע פיגור — מסתמא דער גלח, און מען הויבט איהם אָן צובינדען צום סלופּ...

אין אָסטראָג הערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט, די שטיל־קייט פאַר אַ שטורם. דערזעלבער צושטאַנד, דערזעלבער נערוואָס

האָט ארומגעכאפּט יעדען איינעם פון אונז. און אַלע אונזערע איינזאַמע געדאַנקען האָבען זיך איצט צונויפגעגאָסען אין איין טיעפען און גרויסען געדאַנק, וועלכער איז אָבער שוואַך, מאַכטלאָז, און איז ניט אימשטאַנד אָבצוהאַלטען די בלוט־פערגיסונג. אַלע אונזערע געפיהלען האָבען זיך איצט צוזאַמענגעגאָסען אין איין גרויסען, אונגעהייערן געפיהל פון ראַכע און האַס צו די תליונים. אַלע אונזערע אָנגעווערהטאָגטע הערצער האָבען זיך פעראייניגט אין איין גרויסע האַרץ, וועלכע שלאָגט, וואַרפט זיך און צאַפּעלט זיך אין ריעזע פערשלאָסענע ווענד. עס דאַכט זיך, אַז די אַרעס־טאַנטען וועלען עס ניט אויסהאַלטען און אָט־אָט וועלען זיי מיט א פעראייניגטער קראַפט א שפּאַר טהאָן זיך און פונאַנדערטראָגען די ווענד פון קערקער. אויף די חורבות וועט א שפּריץ טהאָן זודיגעס בלוט, עס וועלען נעהמען פליהען צושפּאַלטענע קעפּ, מענש־ליכער מאַרך און בילדען א לעבעדיגע, מענשליכע מאַסע.

שטיל... א ציטערענדיגער, דורכדרינגענדער פייף שניידט דורך די שטילקייט, און באַלד לאָזט זיך הערען א שיסעריי.

„מערדער, תליונים!“ — דערהערט זיך א פערדומפּעטער קול ווי פון א קבר און ווערט ענטשווינגען.

שטיל... ווייטער א פייף, א שיסעריי...

„מערדער, תליונים!.. עס הערען זיך היסטערישע פרויען־שטימען, וועלכע רייסען דאָס האַרץ און צופּען פאַר דער נשמה. זיי פילען־אָן די לופט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און עס ווערט שטיל.

שטיל... א לעצטער פייף, די לעצטע שיסעריי, און אַלעס איז אָבגעשטאָרבען. פונקט ווי אַלע טורמע־איינוואוינער וואָלטען מיט'ן לעצטען שאָס דערשלאָגען געוואָרען אויף טויט...

עס הענגט אראָב דער טויטער קערפּער, שאָקלענדיג זיך אויף דער שטריק. מען האָט איהם אָבגעבונדען, ער דערלאַנגט א פאַל אין גרוב אריין, און דער הענקער שטויסט איהם אונטער מיט זיין פוס...

זיי האָבען פערשאָטען די גרוב, אויסגעגלייכט און פערגלעט גלייך מיט דער ערד. און די אַנטייל־נעהמער אין דער מאָרד־טהאַט זיינען זיך צונאָנגען לאַנגזאַם, מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ, ווי

זיי וואלטען זיך צוגעהערט צו דעם יאמערענדען קול פון דאס פערגאסענע בלוט.

קאן מען זיך גאר פארשטעלען, אז נאך דעם אלעם זאלען די ארעסטאנטען זיך פיהלען רוהיג און זאלען זיך קאנען איינלעבען אין אזעלכע אומשטענדען? דאס אלעם קומט דאך פאר אזוי אפט, אז מיר זיינען שטענדיג אין אן אטמאספערע פון טויט. די לופט האט זיך נאך ניט אבגערייניגט פון דער שיסעריי, ווען עס ברעכט אויס א פרישער אויפשטאנד, און מיט איהם צוזאמען א מאסען־אויסמארדונג. באלד טרעט אויף אויף דער סצענע דער הונגער־סטרייק מיט די אויסגעמוטשעטע קרבנות, מיט די זעלבסט־מארדען. עס איז גאר ניטא קיין ענדע צו די אלע צרות, צו די אלע שרעקען.

און תמיד נאך אזעלכע געשעהענישען ערשיינען פאר'ן ארעס־טאנט זיינע שטענדיגע בעגלייטער, — די זיסע חלומות און פאנ־טאזיעס, צו וועלכע ער גיט זיך מיט פרייד איבער אזוי לאנג, ביז וואנען די טרויעריגע ווירקליכקייט וועט איהם ווידער ניט אבריי־סען פון זיי.

די טויט־שטראף פון מיין חבר.

א שטארקע ענדערונג האט אין מיין איינזאמען תפיסה־לעבען פערארזאכט דער טויט פון מיינעם א נאהענטען חבר. צוויי מאנאט נאכאנאנד איז ער געזעסען און האט ערווארט דעם טויט. איך בין געוועזען מיט איהם. ענדליך איז דער פאטאלער טאג געקומען. דער אורטייל איז בעשטעטיגט און אין א מעת־לעת ארום וועט ער אויס־געפיהרט ווערען.

פיער און צוואנציג שטונדען איז פערבליבען צו לעבען. און מען מוז עס יעדע מינוט פיהלען, רענקען וועגען דעם! אפילו די פערהארטעווטע, די גרויזאמע בעאמטע ווערען אין יענעם טאג מילדער צו דעם פעראורטיילטען. אט האבען זיי נאכגעגעבען אונזער בקשה, און מען האט איהם ערלויבט אריינקומען צו מיר איינער אליין. דעם גאנצען טאג יענעם האבען מיר צוזאמען פער־בראכט. דאס זיינען געווען די לעצטע שטונדען, נאכדעם ווי מיר

האָבען לאַנגע יאָהרען געלעבט צוזאַמען. יאָהרען לאַנג האָבען מיר געפיהרטביידע דעמזעלבען לעבען, אונטער איין דאַך, אין איין צימער, ניט צושיידענדיג זיך אפילו אויף א שטונדע.

און געלעבט האָבען מיר מיט דיזעלביגע שטרעבונגען, מיט דיזעלבע ציעלען; צוזאַמען האָבען מיר זיך בעטייליגט אין פריי־דען און אין ליידען, זיך געטיילט מיט יונגע האָפנונגספולע רעיונות און מיט שווארצע, אומעטיגע ענטוישונגען. לאַנגע יאָהרען האָבען מיר געטראָטען אויף דיזעלבע וועגען האַנד ביי האַנד, און איצט, מיט אמאָל, צוגעהען זיך אונזערע וועגען. ער געהט אוועק פונ׳ם לעבען, פערשווינדט אויף אייביג, און איך — איך לעב דאָך נאָך אליין. . . . .

. . . .

דאָס הארץ קלאַפּט שטאַרק, דער געדאַנק ארבייט אונערמיעד־ליך; א האָפנונג צערטעלט און ווארעמט:

„איך בין דאָך ניט שולדיג אין דעם!... איך האָב האָך אויך ערווארט דעם טויט; מיין פּראָצעס איז דאָך פון דעמזעלבען כאראקטער, נור דער אונבעגרייפליכער שיקזאַל, וועלכער האָט אונז פעראייניגט אין לעבען, וויל אונז אָבער ניט פעראייניגען אין טויט.“

און אין יענעם מאָמענט האָט צווישען אַלע אנדערע זיך בעזונדער אויסגעצייכענט שאַרף איין געפיהל — א געפיהל, וואָס האָט צו מיר גערעדט אזוי ווי איך וואָלט עפּעס געוועזען געגען איהם א פערר־עטהער, א בעטריגער, און דאָס געוויסען האָט מיך גענומען פּלאַגען. איך האָב זיך בשעת מעשה געפיהלט, ווי מען וואָלט עס די תליה צוגעגרייט ניט פאַר איהם, נאָר פאַר מיר אליין.

ער האָט אָבער בעגריפען וואָס עס קומט פאַר ביי מיר אין הארצען און האָט געזוכט מיך צו בערוהיגען, צו טרייסטען. פון דער נאַטור א שווייגער, אַן איינגעהאַלטענער מענש, האָט ער דאַן גענומען רעדען פיעל, היים און ליידענשאַפטליך. אין זיינע ווער־טער, וועלכע ער האָט צו מיר גערעדט, האָט זיך געפיהלט, אז ער וויל ארויסזאָגען הויך אַלע זיינע געדאַנקען, וועלכע האָבען איהם

געמאַטערט און וועלכע וועלען אין גיכען פערשווינדען און אויפ־הערען עקזיסטירען אין זיין טויטען קאָפּ. קענטיג, אז איהם האָט זיך געגלויבט צום לעצטען מאָל הערען זיין אייגענעם קול, די קלאַנ־גען פון זיין שטים, וועלכע קיינער וועט שוין קיינמאָל ניט הערען מעהר... ער האָט געזוכט אויסצודריקען זיין קורצעם לעבען אין ריעזע לעצטע מאָמענטען. ניט אויסשעפּענדיג האָס לעבען, ניט געניסענדיג פון איהם, האָט ער עפּעס איצט ווי געזוכט אַ בערעכ־טיגונג און אַ טרייסט אין דעם אָנקומענדען אונפערמיידליכען טויט, וועלכער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צו איהם דער־נעהנטערט.

„יאָ, מיין פריינד“ — האָט ער אָנגעהויבען — „עס איז ענד־ליך געקומען דאָס, וואָס האָט זיך אימער געמאָהלען אין מיינע געדאַנקען. אַלעמאָל, ווען איך האָב נור אַריינגעקוקט אין מיין צוקונפט, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט נור אַזאַ מין סוף. און האָט דען אַנדערש געקאָנט זיין? צופיעל צובראָכען און צופלאַצט איז געווען פאַר מיר דאָס לעבען, אַז איך זאָל עס קאָנען דערפיהרען ביז אַ נאַטירליכער ענדע, אַז איך זאָל קאָנען דענקען צו שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט. די געזעלשאַפט האָט מיר צופיעל ליידען, צופיעל יסורים און ערנידעריגונג פערשאַפט, און עס וואָלט געווען אונמעגליך, אַז איך זאָל איהר דאָס אַלץ מוחל זיין און ווערען אַ פריעדליכער בירגער. צופיעל האַס אין צאָרן האָט זיך אָנגעקליבען אין מיין נשמה, אַז איך זאָל קאָנען שליסען פריערען מיט'ן לעבען און ווערען זיינער אַן אונטערטעניגער שקלאַף.

„ווער עס וויל זיך ניט אונטערגעבען, דער מוז שטאַרבען!

„און דער טויט אַליין שרעקט מיך ניט! ניין! איך בין שוין גענוג צוגעוועהנט צו דיעזען געדאַנק. ניט איין מאָל האָט דער טויט מיר פריינדליך אַריינגעקוקט אין די אויגען אין דער צייט פון לאַנגע, מאַטערענדע הונגער־טעג.

„ווען קיינער אין דער וועלט האָט ניט געוואָלט שטילען מיין שמערצליכען הונגער, האָב איך זיך דאַן געווענדעט צום טויט, גערו־פען איהם צו הילף. ווען איך האָב אין די גרוייזאַמסטע פרעסט, וואָס האָבען געגליווערט מיין בלוט, ניט געהאַט מיט וואָס צו בעשי־צען מיין קערפּער, האָט דער טויט פערשפּראָכען אויסצולייזען מיך

פון דיעזע יסורים, אזוי ווי אויסשפרייטענדיג פאר מיר זיינע ווייכע, ווארימע אומארמונגען. יאָ, נאָהענט און ליעב איז מיר דער געדאנק פון טויט!

„ביי ניטשע געפינט זיך ערגעץ אזא אפאָריזם: „דער געדאנק וועגען בעגעהן זעלבסטמאָרד פערלייכטערט פאר אונז ניט איין שווערע נאכט“. פאר מיר האָט דער געדאנק וועגען טויט געדיענט אלס א טרייסט אין די שווערע מאָמענטען פון מיין לעבען.

„אלעס, האָב איך געטראכט, קענען זיי ביי מיר רויבען, אלע מיינע רעכטע קאָנען זיי ביי מיר צונעהמען, אָבער זיי קאָנען פון מיר ניט רויבען דאָס רעכט צו שטארבען. און אויב איך האָב זיך ניט געקאָנט צופאסען צום לעבען, וועל איך אָבער אלעמאָל זיין אימשטאנד צו שטארבען אזוי שטאָלץ, ווי איך וועל וועלען. איך האָב אָבער אויך דעריין א טעות געמאכט: שטארב איך דען ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט? האָב איך דען עררייכט אלעס, וואָס איך בין פעהיג געווען צו עררייכען מיט מיין טויט? ניין און ניין! און מיך ארט איצט ניט וואָס איך מוז פערלאָזען מיין לעבען, מיך פערדריסט נור, וואָס מיט מיין שטארבען האָב איך ניט גענוג אויסגעקויפט מיין לעבען.“

ער האָט גערעדט לאנג, מיט פייער. יעדען וואָרט האָט ער ארויסגעזאָגט מיט אזא שמערצליכען געפיהל, ווי א שטיק הארץ וואָלט זיך ארויסרייסען ביי איהם מיט יעדען וואָרט. עס איז שוין פערבליבען ווייניג צייט און ער האָט געוואָלט ארויסזאָגען אלעס, וואָס עס האָט איהם געמאטערט. עס איז אָבער געווען קענטיג, אז אין פערלויף פון גאנצע וואָכען און מאָנאטען אפילו וועט ער ניט זיין אימשטאנד ארויסצוזאָגען אלעס, וואָס עס האָט זיך מיט אזא קראפט געריסען ארויסגעזאָגט צו ווערען.

איך האָב געהערט דיעזען מין וידוי, וועלכער איז געווען דורכגענומען מיט'ן בלוט און מיט די יסורים פון מיין צום טויט פערורטיילטען פריינד. און ווי א בעשטעטיגונג פון אלעס דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, האָבען זיך אין מיין פאָרשטעלונג דורכגעטראָגען בילדער פון זיין יונגען, אָבער שווערען לעבען.

דער שיקזאל האָט איהם אָבגעריסען פונ'ם נאָרמאלען פאמיליען־לעבען ווען ער איז נאָך געווען א איינגעל. זייענדיג פון דער

נאַטור שטאָלץ און ניט אונטערטעניג, האָט ער ניט געקאָנט אַרי־בערטראָגען די משוגעת'ן פון זיין דעספּאָטישען פאָטער און איז געוועזן געצוואונגען צו פערלאָזען זיין אייגען הויז. זיין קראַנקע, שוואַכע מוטער, וועלכע איז אַליין געוועזן אַ קרבן פון איהר טיראַ־נישען מאַן, איז ניט געוועזן אימשטאַנד צו בעשיצען איהר יונגען זוהן און אויף אַזאַ'ן אופן איז ער שוין פון קינדהייט אָן איבערגע־לאָזען געוועזן צו זיין אייגענעם שיקזאַל.

די פרייע מוטער־ערד איז זיין מאַמע געוואָרען. און ווי בייז און אונערבאַרמליך עס איז ניט דיעזע מוטער פון אַלע ברואים, פון טויטע און פון לעבעדיגע, האָט זי דאָך איהם צוגעטוליעט, צו־טיילענדיג איהם איהרע צערטליכקייטען ווי אויך איהרע בייזע קאַפּריזען.

די נאַטור איז זיין פאַמיליע געוואָרען. אין איהר האָט ער פאַר זיך רוה געפונען. אַלע איהרע אונצעהליגע מיטגליעדער זיינען איהם געוואָרען ווי זיינע נאָהענטע, אייגענע. איין לעבען האָט ער מיט זיי געמומען פיהרען, אַ נאַטירליכען אַלגעמיינעם לעבען. זיין קערפּער, זיין ווילען האָבען זיך ענטוויקעלט און זיין נשמה האָט אין זיך איינגעזאַפּט איינגאַנצען די טיעפקייט און פערשיעדענקייט, וואָס זי פערמאָגט.

אַ בייזער, קאַלטער ווינטער־טאָג. אַ שטאַרקער, שניידענדיגער פראָסט. די אָבגעשטאָרבענע ערד איז איינגעהילט אין אַ ווייסען קיטעל, און אויף איהר קוקט אַרונטער אַ שוואַרצער הימעל. אַ לעבעדיגען נפש איז ניט צו בעמערקען, און דאָך לעבען דאָך די מענ־שען, יעדער איינער אין זיין זיסער היים, אין דער וואַרימער היים, אינ'ם קרייז פון זיינע נאָהענטע און טהייערע. און אפילו אין אַזאַ צייט האָט ער אויך ניט געהאַט אין געדאַנק צו שיידען זיך מיט זיינע שטענדיגע בעגלייטער, מיט'ן הונגער און קעלט.

עס פערגעהט דער קאַלטער ווינטער. די נאַטור בענייט זיך. די ערד וואַרפט פון זיך אַרונטער איהרע תכריכים און בעדעקט זיך מיט גרינע, דופטענדע גראָז, וועלכע דיענען איהם פאַר אַ ווייכען געלעגער. די וואַרימע זון וויקעלט איהם איין אין איהרע מילדע שטראַהלען און די פויגעלעך מיט זייער פרעהליכען, זאָרגלאָזען געזאַנג פערוויעגען איהם אין אַ זיסען שלאָף. דער אויסגעשטערענ־

טער הימעל, מיט זיין טיעפקייט און שעהנקייט, דריקט זיך אָב אין זיין נשמה און זיין „איך“ ווערט צושוואומען אין דער גרויסקייט און ערהאבענקייט פונ׳ם אוניווערזום.

און דארום איז עס גאנץ נאטירליך, וואָס די שעהנקייטען און טיעפקייטען פון דער נאטור, וועלכע די מענשען גיבען איבער אין קלאנגען, פארבען און ווערטער, האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין זיין נשמה.

מען האָט איהם געקאָנט אויך זעהן אין א וואָלקענדיגע, פינס־טערע נאכט, ווי ער שטעהט אָנגעשפארט צום וואנד, אָדער צו א פענסטער און הערט זיך אויפמערקזאם צו צו די טענער פון א פיאנאָ אָדער א פיעדעל, וועלכע האָבען זיך ארויסגעטראָגען אין גאָס. די עדעלע, צארטע קלאנגען האָבען טיעף ארייגעדרונגען אין זיין פיהלענדעם הארץ און פלעגען איהם פערטראָגען אין א פאנ־טאסטישע וועלט, פול מיט פראכט און גרויסקייט. דאן פלעגט ער איינגאנצען פערגעסען וועגען זיין איינזאמען, אומעטיגען לעבען.

זייענדיג בערויבט פון מוטערליכער ליעבע, ניט האָבענדיג קיין אייגענעם ווינקעל, וואו דעם קאָפּ צוצושפארען, ניט פיהלענדיג קיין פריינדליכען איינטייל, האָט ער דערום אלעמאָל געפונען טרייסט אין די ביבליאָטעקען, וועמעס טהירען עס זיינען פאר איהם אימער געווען אָפען פאר א קורצע צייט, און וואו ער פלעגט אויף א ווייל־געפינען מנוחה.

זיין פרייע צייט האָט ער ליעב געהאט פערברענגען אין די ביבליאָטעקען, און אויב ער האָט אין דער ערשטער צייט געלעזען אום צו האָבען די געלעגענהייט צו פערברענגען אייניגע שטונדען אין אַן אנגענעהמער אומגעבונג, אָדער צו פערטרייבען דעם הונגער, האָט ער זיך אָבער דערנאָך צוגעבונדען מיט זיין לייב און זעעלע צו דער וועלט פון וויסענשאפט, צו דער ליטעראַרישער וועלט. פיעל, זעהר פיעל האָט ער געלעזען, אונערמיעדליך. און ווען די פיהרער פון דער ביבליאָטעק און אלע איהרע אנטיילנעהמער האָבען בעטראכט דיעזען מערקווירדיגען „אייביגען לעזער“, האָבען זיי זיך מיט איהם פעראינטערעסירט. ער פלעגט אפילו שלאָפען דאָרט, אויף אזוי ווייט האָט ער געפונען חן אין די אויגען פון די פערוואלטער. און א דאנק זייער אנטייל און זיינע אייגענע אָנגע־

שטרענגסטע קרעפטען פלעגט ער אָפט אריינטרעטען דאָס אין איין שולע, דאָס אין אַן אַנדערע. ניט בעזיצענדיג אָבער די נויטיגע מיטעל וואָס עס פאָדערען זיך דערצו, פלעגט ער אימער זיין געצוואונגען צו פערלאָזען די אַלע שולען, ביז איהם איז ענדליך געלונגען אַנצוקומען אין דערזעלבער פראָפעסיאָן־שולע, וואו איך האָב זיך געפונען.

מיט זיין ניט בערעדזאַמקייט און צוריקגעהאַלטענקייט האָט ער באַלד צוגעצויגען צו זיך מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

איין מאָל, אין א קאַלטער ווינטערדיגער נאַכט, ווען א זאַווע־רוכע האָט געפייפט אין די לעדיגע גאַסען און דער פראָסט האָט אונטערגעקנאַקט אונטער'ן פענסטער, האָט ער מיך צום ערשטען מאָל בעזוכט אין מיין הויז. איך האָב נאָך דאַן ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג וועגען זיין לעבען. ביז שפּעט אין נאַכט האָבען מיר אריינגערעדט און איך האָב איהם געבעטען פערבלייבען ביי מיר נעכטיגען.

און דערוויסענדיג זיך אַלע איינצעלהייטען פון זיין טרויעריגען שיקזאַל, האָבען מיר איהם איינשטימיג צוגענומען אין אונזער פאַמי־ליע פאַר א נייעם מיטגליעד. פון יענער צייט אָן האָבען מיר געלעבט צוזאַמען, ביז וואַנען דער טויט וויל אונז יעצט צושיידען.

זייענדיג אַליין א קינד פון אָרימע עלטערן, האָב איך נאַטיר־ליך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען זיך פיעל און האָב דערום גענאָסען אַן אונבעדייטענדע, איינזייטיגע ערציהונג. איך האָב, אמת, געלעזען ביכער, אָבער איך האָב וועניג בעגריף געהאַט פון העכערער וויסענשאַפט, פון שעהן־ליטעראַטור, און האָב ניט געקאָנט געניסען פון אַזעלכע פערגעניגענס.

און ווען איך האָב זיך מיט איהם בעגעגענט, האָט ער מיך ביסלעכווייז אַנגעהויבען אריינפיהרען אין יענע וועלטען פון וויסענ־שאַפט און עסטעטישען גענוס. צוליעב זיינע אומשטענדען האָט ער זיך ניט געקאָנט אויסצייכענען מיט וואָס עס איז, אָדער ספּעצ־יאַליזירען זיך אין א וועלכען עס איז געגענשטאַנד. דערפאַר האָבען זיך אָבער זיינע פעהיגקייטען ארויסגעצייגט אויף פיעל־ערליי געביטען. ער האָט זעהר שעהן געזונגען, געמאָהלען, געשריי־

בען ליעדער; ער האט טיעף פערשטאנען מוזיק און איז געווען זעהר בעלעזען.

מיינע אייגענע פעהיגקייטען זיינען געווען אפילו גאנץ מיטעל־מעסיג, זיי זיינען אבער געווען גענוג, אז אונטער זיין איינפלוס זאל איך קאנען איבערנעהמען אלעס, וואס מיין יונגער פריינד האט מיך געלערענט.

און אזוי זיינען מיר צוגעבונדען געווארען אלץ שטארקער איינער צום צווייטען, ענטוויקלענדיג און צוזאמען פיהרענדיג אונ־זער גייסטיגען לעבען. דיזעלבע שטרעבונגען און נייגונגען, דיזעלבע אונצופריעדענהייט, האט געווירקט אויף צו שאפען אונזער שטארקע פריינדשאפט. און ווען צו אונז האבען דערגרייכט די סאציאליס־טישע אידעען, האבען זיי באלד געפונען פלאץ אין אונזערע פיה־לענדע הערצער און זיינען באלד געווארען די הויפט־צוועקען פון אונזער ווייטערען לעבען.

צו אונזער טיעפען בעדויערען האבען מיר צו יענער צייט זיך ניט געקאנט אבגעבען מיט פראקטישער טהעטיגקייט, ווייל מיר זיינען נאך געווען יונגע שילער, דערפאר האבען מיר זיך פלייסיג גענומען לערנען און צוגרייטען זיך צו פערענדיגען אונזער קורס, און דאן אלס אינטעליגענטע ארבייטער אריינטרעטען אין די פאב־ריקען, צווישען די ארבייטער־קלאסען, און פערשפרייטען צווישען זיי די פרייהייט־אידעאלען.

ווען ענדליך האט די רעוואלוציאנערע כוואליע מיט אמאל זיך צוגאסען מיט איהרע שטורמדיגע און אטעם־פערכאפענדע פאסי־רונגען איבער'ן לאנד, האט זי אויך אונז אבגעריסען פון אונזער שטודיום.

אין דער צייט, ווען די אייגענע און בעקאנטע האבען געמיינט, אז מיר לערנען זיך פלייסיג און גרייטען זיך צו צו די עקזאמענס, אום נאכהער אריינצוטרעטען אין א העכערע טעכנישע שולע, האבען מיר שוין לאנג געהאט אוועקגעווארפען אונזערע לעהר־ביכלעך און האבען זיך בעשעפטיגט מיט אויסארבייטען רעוואלוציאנערע פלע־נער. אלע האבען גערעכענט, אז מיר פאהרען אוועק אין אן אנדער שטאדט צו האלטען עקזאמען, אבער מיר האבען שוין אפילו דענקען

אויפגעהערט וועגען לערנען זיך ווייטער, און מיר האָבען אָבגערייזט מיט גאַנץ אַנדערע פלענער.

מיט אונזער גאַנצער ענערגיע און טיעפען גלויבען האָבען מיר זיך אַריינגעוואָרפען אין דער בעוועגונג, און איידער מיר האָבען נאָך צייט געהאַט אַרויסצוציינען אונזערע יונגע קרעפטען, האָבען אונז שוין פערשלונגען די בלוטיגע כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע...

איצט שטעהט ער פאַר מיר אַן אַרומגעוואַשענער און טהוט זיך איבער אין ריינע וועש. ער גרייט זיך צו שטאַרבען! איך פיהל, אַז איך פערליר מיין זינען! עס בעהערשען מיך וואַהנזין און שרעק! און וויפיעל איך זאָל זיך ניט אָנשטרענגען, קען איך אָבער דאָך ניט דערשטיקען אין זיך די שלוכצען, וואָס רייסען זיך אַרויס פון מיין צוריסענער נשמה. פון זיינע טיעפע, ריינע אויגען פאַלט ניט אַרונטער קיין איין איינציגע טרער. רוהיג און קאַלט־בלוטיג, ווי ער וואָלט ערשט יעצט בעגריפען דעם סוד פון לעבען, שטעהט ער פאַר מיר און טרייסט מיך נאָך.

עס קומט אָן די נאַכט. מיט בליץ־שנעלקייט האָט זיך די נייעס וועגען טויט־שטראָף צושפּרייט איבער דעם גאַנצען אָסטראָג. אַלע זיינען מיט אַמאָל געוואָרען שטיל, און שטום, מיט איינגעהאַל־טענע אָטעמס האָט מען גענומען ערוואַרטען דעם מאָמענט, ווען מען וועט איהם אַרויספיהרען.

ווי אַ שוואַרצער שאָטען איז דורכגעלאָפען איבער אַלעמען. טויזענדער הערצער האָבען מעכטיג גענומען קלאַפּען.

אָט האָט מען איהם אַריבערגעפיהרט אין צימער, אין וועלכען די פעראורטיילטע צום טויט פערברענגען זייערע לעצטע מינוטען.

צוויי שטונדען זיינען אַריבער. די טהירען פון מיין קעמערעל עפענען זיך און מען פיהרט מיך צו איהם, צו זעהן זיך מיט איהם דאָס לעצטע מאָל.

איך געה נאָך נאַכ'ן אויפזעהער; די טויטע שטילקייט ווערט איבערגעריסען דורכ'ן קלאַנג פון די קייטען, אין וועלכע איך בין געקאָוועט; אין אַלע פענסטערלעך בעגעגענען מיך אונרוהיגע און אַנגעשטרענגטע בליקען.

אַריינקומענדיג אינ'ם פאָרצימער, וועלכער פיהרט צו זיין קעמער'ל, שטויס איך זיך אָן אָן די וועכטער, וואָס דאַרפען איהם

בעגלייטען צום עשאפאט. צווישען זיי בעמערק איך אי אפיצירען אין זייערע גלענצענדע מונדירען, אי בעוואפענטע סאלדאטען, פאליציי און אויך ציווילנע מענשען. אלע רעדען זיי צווישען זיך עפעס אזוי שטיל און איך זעה ווי זיי בעגלייטען מיך מיט זייערע נייגעריגע בליקען.

אט עפענט מען שוין די טהיר. א גרויסער, פינסטערער חדר; ערגעץ אין א ווינקעל ליעגט א שטרויענער מאטראץ און אין מיטען א גרויסער טיש, נעבען וועלכען ער זיצט אנגעבויגען, שרייבענדיג זיינע לעצטע אבשיעדס־בריעף.

זיין בלייכער, פערטראכטער פנים, אויף וועלכען עס רוהען די דונקעלע שטראהלען פון דעם שיין פון א לאמפ, ווערט פערצויגען מיט א פריינדליכען, געהיימניספולען שמייכעל, ווען ער דערזעהט מיך. מען זעצט אונז אוועק איינעם געגען דעם אנדערען און צווישען אונז פערנעהמט דעם פלאץ א בעאמטער, וועלכער פאדערט אז מיר זאלען רעדען הויך און פערשטענדליך.

אבער די צונג איז דאך אלץ איינס פאראליזירט. עס רייסען זיך ארוים בעזונדערע, אבגעריסענע, אונפערשטענדליכע ווערטער. דער גרויזאמער טויט שוועבט איבער אונזערע קעפ, ער געפינט זיך צווישען אונז. עס דאכט זיך, אז דער קערפער, די געפיהלען זיינען ווי פערשטארבען, נור די אויגען האבען זיך איינגעגעסען, ווי מיר וואלטען וועלען דערשלינגען איינער דעם צווייטען.

אין מיינע אויערען האבען נאך געקלונגען די ווערטער פון זיין וידוי, און איצט קוקענדיג אויף איהם האט זיין פנים פאר מיר אויסגעדריקט עטוואס אנדערעס.

אויף זיין אויסגעצויגענעם פנים האבען זיך געוויזען עפעס נייע שטריכען, וועלכע זיינען פריהער ניט געווען, און אין זיינע אויגען האט עפעס ווי א צינד געטהאן זיך א נייער, פלאמענדער פייערעל.

ער האט עפעס געוואלט זאגען, עפעס זעהר וויכטיגעס, יסורים'דיגעס, נור ווען זיין בליק איז געפאלען אויף דעם זיצענדען טורמע־שומר, האט זיין גאנצער קערפער קאנוואולסיוו א טרייסעל געטהאן זיך און דאס פייערעל אין זיינע אויגען האט א פינקעל

געטהאן און האט דערנאך ווידער געברענט מיט דעמזעלביגען גלייכמעסיגען פלאם.

מיר זיינען געזעסען אלץ שווייגזאם, ניט מאכענדיג די מינדע־סטע בעוועגונג. ניט קוקענדיג דערויף וואס הינטער'ן טהיר איז דער קארידאר געווען פול מיט מענשען, איז דאך געווען אזוי שטיל, ניט דער מינדעסטער גערויש. אין פענכטער האט אריינגעקוקט די פינסטערע נאכט. עס האט זיך גדוכט, אז עפעס איז פאראן געמיינשאפטליכעס צווישען דיעזער פינסטערער נאכט און דער הערשענדער שטילקייט. ווי זיי וואלטען זיך צונויפגערעדט, פער־שטילט זיך צוזאמען געהיימניספול און ווארטען אויף עפעס...

בלויז דער קלאנגלאזער גערויש פון ברענענדען לאמפ האט זיך אריינגע'גנב'עט אין דיעזער נאכטליכער, בייזוויליגער שטילקייט. דאס פלעמעל פון לאמפ האט זיך געוויעגט און אויסגעצויגען, ווי עס וואלט מיט זיין הוזשען אויסזיינגען דאס אויסלעשען זיך פון א מענשליכעם ליכט, א מענשען'ס יציאת נשמה...

מיר האבען פארטגעזעצט אונזער שטומען געשפרעך. דאס פייערל אין זיינע אויגען איז אלץ גרעסער געווארען און האט געברענט מיט אלץ א גרעסערער קראפט. די אויגען וואלטען אזוי ווי אנגעהויבען ארויס פון זייער לעבער־קרייז אין דער פארם פון גרויסע פייערדיגע קוילען. עס האט אויסגעוויזען זיך אזוי, אז דיעזער גאנצער לעבענס־פייער נעהמט זיך צונויף און קלייבט זיך ארויסצוגעהן פון אינווענינ.

אט קלייבט עס זיך אונטער צו די מויל־ווינקלען און וועט ארויספליהען אין דער פארם פון מעכטיגע, דונערענדע ווערטער...

מיר האט זיך געדוכט, אז אט־אט וועט ער אויסשרייען:

„לעבען וויל איך!"

און ער וועט עס אויסשרייען מיט אזא קראפט, אז די גאנצע טורמע וועט א ציטער טהאן און וועט זיך אויפכאפען; עס וועט א ציטער טהאן און אויפכאפען זיך די גאנצע שטאדט. פון אומע־טום וועלען זיך צונויפלויפען מענשען, וועלען אריינרייסען זיך אין טורמע... וועלען אריין, וועלען דערזעהן, וועלען פערשטעהן, וועלען אלעס בעגרייפען...

אבער דער שטרענגער שומר, וואס האט איבער אונז געוואכט,

האָט ווי פערצויגען זיין מויל און פעסט פערשלאָסען איהר... אין דער פערזאָן פון דיעזען שומר פון טיראַניי איז פאַר איהם געזעסען אלץ דיזעלביגע פינסטערע, טייוועלישע קראפט, וועלכע האָט שוין געריבען פון איהם דאָס לעבען און קיין זאַך אין דער וועלט איז שוין ניט געווען ביכולת ארויסצורייסען עס פון זיין מאַכט.

דיעזעס בעוואוסטזיין איז געווען יענע אונזעהבארע סטרונע, וועלכע האָט צונויפגעצויגען פעסט און שמאָלץ זיין נשמה אין דער אנוועזענהייט פון דעם תליון...

די צייט האָט זיך געצויגען לאַנגזאַם און לאַנג. עס האָט זיך געדוכט, אז מיר זיצען אזוי שוין יאָהרען־לאַנג, אז עס איז קיין אָנפאַנג ניט געווען און עס וועט דערצו קיין ענדע ניט זיין.

דער טורמע־וועכטער איז געזעסען, האַלטענדיג די הענד פאַר זיך אויפ'ן טיש און האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף „איהם".

מיר האָט זיך געדוכט, אז דעם טורעמשטשיק'ס הענד האָבען אָנגעהויבען אויסציהען זיך און לאַנגזאַם צו'גנב'ענען זיך צו זיין האַלז...

אָט האָבען זיי ארומגעכאַפּט דעם האַלז... אָ, ניין, דאָס האָט א דיקע שטריק ארומגעצויגען זיך ארום זיין נאַקען... ער ציהט זיך אָב אויף צוריק... עס פערלעשט זיך דאָס פייערעל אין זיינע אויגען, וועלכע זיינען ווי ארויסגעקראָכען פון זייער קרייז, דער פנים ווערט בלוי, די מויל צועפענט זיך, עס ווייזט זיך די צונג... אָט וועט ער א געשריי טהאָן: „לעבען וויל איך!"... אָבער ניין!... עס האָט זיך דערהערט א סקריפּ... א דומפּפער כאָרכעל...

איך בין געקומען צו זיך... דאָס האָט דער נאַטשאַלניק מיט א גערויש א הויב געטהאָן זיך פון שטוהל און א זאָג געטהאָן: „דאָס זעהן זיך האָט זיך געענדיגט".

עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט פון אונזער איבינער צור־שיידונג...

איך קאָן זיך ניט עראינערען וואָס ווייטער איז מיט מיר געווען, ווי אזוי איך בין דערגאַנגען צו מיין קעמערעל.

פאַר די אויגען שוועבט די תליה... אין קאָפּ און אין די אויערען קלינגט עפּעס אזוי טעמפּ, עס סקריפּען טהירען, א מין לאַנגע נסיסה... און איך פאַל... א טיעפער, פינסטערער תהום...

דאָס אויסריכטען אויף קאַטאָרגע.

איבער דער טורמע האָט זיך דורכגעטראָגען דער קלאַנג, אַז מען נעהט אויסריכטען אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטען קיין סיביר — אויף קאַטאָרגע. די גאַנצע טורמע איז אין אויפרעגונג. אַלע פּיהלען עפּעס אַ געהויבענע שטימונג.

די, וועלכע מען דאַרף אַוועקשיקען זיינען גערן, וואָס זיי ווערען ענדליך בעפרייט פון דער תפיסה־אומגעבונג, וועלכע האָט געננג דערעסען אין די לאַנגע, געפּלאָגטע מאָנאַטען און יאָהרען, ווען זיי האָבען איבערגעלעבט די שווערסטע מאָמענטען פון זייער לעבען.

די וואָס פערבלייבען זיינען אויך מונטערער. אייניגע ערוואַרטען זייער רייה, ווען מען וועט זיי אויך פון דאַנען אַוועקשיקען; אַנדערע זיינען גערן, וואָס זיי קענען זיך בענוצען מיט אַזאַ צופאַל און פערברענגען מיט זייערע פריינד און בעקאַנטע ביים אָבשיעד נעהמען.

אינ׳ם גאַנצען אָסטראָג האַלט מען נאָר אין רעדען וועגען דיעזער פּאַסירונג, וועגען קאַטאָרגע, וועגען יענע פּלעצער וואוהין מען שיקט די אַרעסטאַנטען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרטען אַלע די צייט, ווען מען לאָזט ארויס שפּאַצירען אין הויף, וואו אַן אַלטער קרימינעלער פערברעכער, וועלכער איז שוין עטליכע מאָל געוועזען דאָרט, דערצעהלט אַלעמען וועגען דעם לעבען פון אַ קאַטאָרזשניק, וועגען די דאָרטיגע מנהגים און וועגען די בעדינגונגען פון קאַטאָרזשנע אַרבייט.

אָט איז נאָר וואָס איינער פון דאָרט געקומען און גיט אונז איבער גאַנץ פרישע איינצעלהייטען וועגען יענעם ווינקעל.

און ווי פינסטער, ווי שוידערליך עס זאָלען ניט קלינגען די אַלע זייערע ערצעהלונגען, זיינען זיי אָבער ניט אימשטאַנד צו פערקלענערען די יום־טוב׳דיגע שטימונג פון די, וועלכע מען האַלט ביים פערשיקען.

די שטענדיגע האַרטקייט און שטרענגקייט ווערט אויף דיעזער ווײַלע אַביסעל ווייכער, נאָכגעלאָזט; די בעאַמטע ווייזען אויס ווי מילדער און מען בינדט זיך ניט צו אונז איבעריג. אַלע קעמערלעך

זיינען לענגער אָפּען און מען קאָן זיך גאָר ניט אָנרעדען; מען קאָן גאָר ניט געווינען זאַט ווערען מיט די געשפּרעכען, וועלכע גיהען אָן אין דיעזער צייט.

דער טאָג, אין וועלכען די פּאַרטיע דאַרף ארויסגעשיקט ווערען, קומט ענדליך אָן; די לעצטע פּאַרבערייטונגען ווערען שוין געמאַכט. מען שליסט די ארעסטאַנטען אין קייטען; מען צעהלט זיי איבער און מען גיט זיי ארויס נייע קליידער אין וועג אריין.

און איצט פאַנגט זיך ערשט אָן די געהיימע ארבייט: מען זוכט מיטלען און מען ברעכט די קעפּ ווי אזוי צו בעהאַלטען דאָס געלד, די פּאַספּאָרטען, זעגעלעך א. אז. וו.

דאָס לעצטע זעהן זיך מיט פריינד און אייגענע איז אריבער. עס צוגיסען זיך הארצרייסענדע געוויינען און יאָמערען פון מוטערס, ווייבער און קינדער, פּונקט ווי מען וואָלט עס בעוויינען טויטע און ניט די וואָס מען פערשיקט אין די טיעפּענישען פונ׳ם קאַלטען סיביר, אויף קאַטאָרגע.

באַלד פאַנגט זיך אָן די צערעמאָניע פון איבערגעבען די פּער־שיקטע צו זייערע בעגלייטער, צום קאָנוואָי, וועלכע קומט פאַר אין א בעזונדערע, ספּעציעלע אָבטיילונג. יעדען איינעם גיט מען ארויס אָן איבעריגען ארעסטאַנטסקען אָנצוג, פאַר וועלכען עס קומט די שווערסטע שטראָף, ווען מען זאָל עס פערלירען.

ווען זיי זיינען שוין אין זייערע פאָרמעלע קאַטאָרזשנע בגדים, זיינען זיי שוין אונטערוואָרפען צו זייערע נייע בעאַמטע, די קאָנ־וואָיגע, וועלכע שאַלטען און וואַלטען איבער זיי גרויזאַם, מיט אָן אונבעגרעניצטער מאַכט. איבערנעהמענדיג יעדען ארעסטאַנט, לויט ווי עס איז בעצייכענט אין די ביכער, קוקט מען פאָרזיכטיג איבער די קייטען, אַלע קאַזיאָנע זאַכען, ווי אויך די אייגענע זאַכען, וועלכע מען לאָזט גרעסטענטיילס ניט דורך.

נאַכהער טיילט מען אָב יענע ארעסטאַנטען, וועלכע זיינען פערצייכענט אין די ביכער פאַר שלעכטער אויפפיהרונג און וועלכע מען רעכענט פאַר פעהיג צו ענטלויפען. אויף זיי גיט מען מעהר אכטונג ווי אויף די איבעריגע, און אויסער דעם וואָס זייערע פיס זיינען געשלאָסען אין קייטען, קאָוועט מען נאָך אויך זייערע הענד, צו צוויי אָדער פיער מענשען, איינע צוגעשמידט צו די אַנדערע.

ווען אַלעס איז שוין פאַרטיג, פיהרט מען די פּאַרטיע אַרעס־טאַנטען אַרויס אין גאַס, וואו אַ מאַסע פריינד און אייגענע שטעהען און וואַרטען. דאָס זיינען זיי געקומען צום לעצטען מאָל אַ בליק געבען אויף זייערע טהייערע און הייס־געליעבטע, נאָר פערשאָלטענע און פון קיינעם ניט אַנערקענטע.

זייענדיג אַרומגערינגעלט פון מחנות קאָזאַקען, סאָלדאַטען און פּאָליציי, זוכען אומזיסט די אויגען. וויפיעל מען זאָל זיך ניט אָנשטרענגען, קומט אָן שווער צו כאַפּען אַ בליק אויף דעם, ווּעמען די אויגען זוכען אַזוי דורשטיג.

פריהער אַ רינג פון קאָנוואָינע מיט זייערע בלאַנקע שווערדען; אַרום דיעזען רינג אַ צווייטער, פון סאָלדאַטען מיט זייערע ביקסען אָנגעשטעלט גלייך אויף די אַרעסטאַנטען; און אַרום דעם רינג ערשט אַ דריטער, פון בעוואָפענטע קאָזאַקען. און אַרום דעם אַלעם ערשט אַ בעגלייטונג פון פערשיעדענע פּאָליציי־בעאַמטע. אַזוי איז בעוואַכט די פּאַרטיע.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז מען האָט מיט דיעזער איבער־שטרענגער שמירה ניט געמיינט די געשמידטע אַרעסטאַנטען, וועלכע האָבען זיך קוים געקאָנט ריהרען. דאָס האָט מען נור אָן איבעריגען מאָל געוואָלט ווייזען דעם זייטיגען עולם די מאַכט פון'ם געזעץ און די קראַפט פון דער הערשענדער מאַכט, כדי אַרויפצו־וואַרפען אויף זיי מעהר פּחד.

וואָס ווייטער די אַרעסטאַנטען געהען אַוועק פון די גרויסע שטעדט, אַלץ מעהר און מעהר ווערט פערקלענערט די וואַך, ביז וואַנען עס פערבלייבען נור די איינציגע קאָנוואָינע סאָלדאַטען...

בעגלייט פון דער מאַסע אייגענע און פון נייגעריגע, האָט דיע־זער פּאַראַדנער צוג דורכגעשניטען די שטאָדט, מאַרשירענדיג צום האַפען, וואָרום אין דעם געשילדערטען פאַל האָט דער וועג געדאַרפט זיין דורך דעם ים.

דער עטאַפּ אויפ'ן אייזענבאַהן.

דער עטאַפּנער וועג איז ווי אַ מין הקדמה פון קאַטאָרגע. דער מיליטערישער, קריעגערישער צושטאַנד, וועלכער האָט געהערשט ווען מען האָט אונז אַרויסגעפיהרט פון אָסטראָג, האָט נאָך די

ערשטע צייט אָנגעהאַלטען אויך אויף דער באַהן. אויב אָבער דאָ האָט מען אונז ניט געקאָנט פערשמיעדען צו פיער מיט אמאָל, האָט מען אָבער אייניגע פון אונז געהאַלטען געשמידט פּאָרווייז.

מיך האָט מען צוגעשמידט צו א חבר. מיין רעכטע האַנד איז געווען צוגעשמידט צו זיין לינקער, און ניט ווילענדיג האָבען מיר געמוזט פאָרשטעלען מיט זיך אַן עכטע טראַגי־קאָמעדיע. יעדער איינער פון אונז האָט געמוזט נאָכפאָלגען די בעוועגונגען פונ׳ם צווייטען, מיט וועמען ער איז געווען געשלאָסען. האָט זיך איינער געלעגט, האָט זיך דער אַנדערער אויך געמוזט צולעגען; האָט זיך וועער פון אונז אומגעקעהרט אויף א זייט, האָט דער אַנדערער עס געמוזט באַלד נאָכטהאָן. ע ר אהין — א י ך אהין; א י ך אהער — ע ר אהער. האָט וועער פון אונז געמוזט ערפילען זיינע נאַטיר־ליכע בעדערפעניסע, האָט זיך דער צווייטער געמוזט נאָכשלעפּען נאָך איהם. שמערצליך־טרויעריג, דאָך קאָמיש.

צום גליק האָט עס אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. דער נייער קאָנוואָי, וועלכער האָט אונז איבערגענומען, האָט אונז פונאַנדער־געשמידט, איינפיהרענדיג דערפאַר אַנדערע שטרענגע מיטלען.

פון די ערשטע טעג פון אונזער ארומשלעפּען זיך איבער די פערשיעדענע אָסטראָגען, האָט זיך אין אונזערע מוחות איינגעקריצט דער רעזשים פונ׳ם באַרקאָווער אָסטראָג. פאַר די עטליכע שטונדען וואָס מיר האָבען דאָרט פערבראַכט, האָט מען אונז דאָרט מערדער־ליך געשלאָגען און גייסטיג געפּייניגט.

אויפ׳ן וועג פון באַרקאָוו קיין פּענזאַ האָבען מיר זיך שטאַרק גענומען גרייטען צו ענטלויפען. עס פערשטעהט זיך, אַז מיר, פּאָליטישע, וועלכע האָבען זיך געפונען אין איין וואַגאָן, האָבען אַלע געדאַרפט נעהמען אַן אַנטייל אין דעם; אָבער אַזוי ווי אַלע האָבען דאָך ניט געקאָנט מיט אַמאָל ענטלויפען, איז דער גורל געפאַלען זעלבסטפערשטענדליך אויף די יעניגע, וואָס זיינען געווען פעראורטיילט אויף לאַנגע טערמינען: דאָס זיינען געווען צוויי אנאַר־כיסטען און צוויי ס. ר.׳אָווצעס.

סאָציאַלדעמאָקראַטען זיינען צווישען אונז אינגאַנצען געווען דריי און ניט אויף לאַנגע טערמינען.

מיר האָבען אויסגעאַרבייט א גאַנץ איינפאַכען פּלאַן: איבער־

זעגען די גראַטעס פון די פענסטער און אין מיטען וועג — אַרויס־שפרינגען. מיר האָבען באַלד איינגעטיילט די אַרבייט צווישען אונז אַלעמען, און האָבען זיך פלייסיג גענומען צום עסק. דער חבר פ., דער ווירקליכער איניציאַטאָר פון דיעזער אונטערנעהמונג, אַ העכסט ענערגישער און ענטשלאָסענער מענש, איז שנעל פאַרטיג געוואָרען מיט זיין טייל אַרבייט, איבערזעגענדיג די אייזערנע גראַטעס.

דאַן איז געקומען דער וויכטיגסטער מאָמענט. ווען די אייזערנע גראַטעס זיינען שוין געווען אויסגעבויגען צו דער אויס־ווענינסטער זייט, האָט מען געמוזט אויפהויבען דעם ענטלויפער אויף די הענד און צוהאַלטען איהם פאַר'ן קאָפּ און פאַר'ן גאַנצען קערפּער, געבענדיג איהם אויף אַזאַ אופן די מעגליכקייט אַרויסצו־שפרינגען.

דער ערשטער איז געווען פּ. אום אָבצוציהען די אויפמערק־זאַמקייט פון קאָנוואָי, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער פאָדערס־טער טייל פונ'ם וואַגאָן, האָבען איינינע חברים ביסלעכווייז איהם אַרומגערינגעלט און האָבען פערפיהרט מיט איהם געשפּרעכען. די איבעריגע האָבען גלאַט גענומען שרייען און ליאַרמען, האָבען גענו־מען צוזאַמענשפּאַרען זייערע בעטגעוואַנד אויף די אונטערשטע און אויבערשטע בענק, ווי זיי וואָלטען זיך גרייטען געהן שלאָפען. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג פאַר'ן וועכטער, ער זאָל ניט קענען צוקוקען זיך צו דעם פענסטערל אין ווינקעל, וואו דער־פלאַן האָט געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען.

דאָרט האָט מען דערווייל אויפגעהויבען דעם חבר פ., און איהם דורכגעשטופּט דורך דער געמאַכטער עפנונג. צו אונזער גרעסטען שרעק האָבען מיר דערזעהן, אַז ער איז פערבליבען דאָרט שטעקען אין דער מיטען — ניט אַהער, ניט אַהין. די געפאַהר איז געווען גרויס; איין רגע און מען דערשיסט אונז אַלעמען.

מיט גרויס מאַטערניס איז ענדליך אונז געלונגען אַריינצושלע־פּען איהם צוריק אין וואַגאָן.

פ. איז באַלד געקומען צו זיך, און האָט צורעכט געמאַכט די צובויגענע גראַטעס. אין דיעזער שרעקליכער געפאַהר, אין וועלכער ער האָט זיך נאָר וואָס געפונען, האָט זיך זיין אייזערנער ווילען

ווי נאָך מעהר פערהארטעוועט; דער שטארקער דורשט נאָך פריי־הייט האָט זיך נאָך מעהר פונאנדערגעברענט אין איהם, און ער האָט גענומען פאָדערען פון די דערשראָקענע און פערלוירענע חברים צו נעהמען זיך אויף דאָס נייע פאַר דעם פּלאַן.

דיעזען מאָל האָט מען שוין מעהרער און ברייטער פונאנדער־געבויגען די גראטעס, און אין איין רגע האָט מען איהם אויפגע־הויבען און ארויסגעשליידערט אויף דער אנדער זייט. נאָך איהם האָט נאָכגעפאָלגט א צווייטער און א דריטער. דער פיערטער האָט זיך אָבער, ווי עס ווייזט אוים, דערשראָקען און זיך בעהאַלטען; מען האָט איהם אָבער מיט געוואלד א כאַפּ געטהאָן און ארויסגע־שליידערט. דערנאָך האָט מען שנעל צורעכטגעמאכט דאָס גראטען־פענסטערל, כדי דער קאָנוואָינער סאָלדאט זאָל עס ניט בעמערקען.

בּיסלעכווייז האָבען זיך אַלע צולעגט אויף זייערע געלעגערס, מאכענדיג דעם אָנשטעל אז מען שלאָפט, און אין וואגאָן איז געוואָ־רען שטיל.

מיט א פערשטיקטער אונרוהיגקייט און אויפרעגונג האָבען מיר געווארט אויף דעם מאָמענט, ווען דאָס וועט ענטדעקט ווערען און מיט וואָס דאָס אלעס וועט זיך ענדיגען. דערווייל איז געקומען די צייט ווען די וואך בייט זיך. (דאָס קומט פאַר אַלע צוויי שטונדען, און אין פערלויף פון די צוויי שטונדען האָט דערום אַלעס געמוזט אָבגעטהאָן ווערען, ווייל די נייע וואך צעהלט איבער די ארעסטאנ־טען און קוקט־איבער פאָרזיכטיג די גראטעס, די ווענד, א. ז. וו.).

אין דער ערווארטונג פון דער „סמענא“ האָט דער וואך־סאָלדאט דערווייל גענומען איבערצעהלען די ארעסטאנטען און האָט דערזעהן אז פּיער פעהלען. זיין אויג האָט זיך גלייך אָבגע־שטעלט אויף די פיער לעדיגע בעטלעך נעבען ווינקעל פענסטער און, ווערענדיג צוטומעלט פון דער ענטדעקונג, האָט ער אָנגעהויבען שיסען.

אין איין אויגענבליק האָט זיך אויפגעהויבען אין וואגאָן א שרעקליכע טרעוואָגע. עס זיינען געקומען צו לויפען די איבעריגע קאָנוואָינע סאָלדאטען מיט׳ן אָפיציר. מיט רציחה האָט מען גענו־מען רייסען און שלעפען די כלומרשט פערשלאָפענע ארעסטאנטען פון זייערע געלעגערס און אָנגעהויבען זיי צעהלען.

יצחק פייגלמן

צו אונזער גרעסטען וואונדער האט מען זיך מיט אונז דאן בעגאנגען מיט רחמנות. דער אפיציר, א קליינ־געוויקסיגער און גוטמוטיגער, האט ניט ערלויבט מען זאל אונז בעהאנדלען גרויזאם. ער האט זיך צואוויינט ווי א קליין קינד, און מיט ביטערע טרערען האט ער אונז איבערגעגעבען אלעס וואס עס ערווארטעט איהם יעצט, פאר דעם ענטלויפען פון די קאטארזשניקעס.

וועגען די אלע טעלעגראמעס, וואס מען האט צושיקט איבער אלע סטאנציעס און ארומיגע שטעדט, איז אונז אויסגעקומען צו הערען פערשיעדענע קלאנגען. אט האט מען געזאגט, אז מען האט זיי געכאפט, און אט האט מען גערעדט, אז דאס גאנצע זוכעניש איז אומזיסט.

אזוי זיינען מיר אנגעקומען אין פענזא, וואו מיר האבען געדארפט בלייבען א געוויסע צייט, אהן פיער פון אונזערע חברים.

נעפינענדיג זיך אונטער דעם איינדרוק פון די פאסירונגען, וואס מיר האבען נאר־וואס איבערגעלעבט, האבען מיר ניט געקענט רעכט בעטראכטען די אלגעמיין־קרימינעלע קאמער, וועלכע איז געווען געפאקט מיט פערשיקטע. אזוי ווי עפעס ווייט פון אונז האט זיך פערשפרייט א געדיכטער טומאן, דורך וועלכען עס האבען געשוועבט גרויע פיגורען מיט בלייכע, אויסגעמאטערטע פנים׳ער, פערהילכענדיג די לופט מיט קללות און זידלערייען אויף פערשיעדענע שפראכען, געמישט מיט די קלאנגען פון קייטען.

אויסלעגענדיג זיך געדיכט איינע נעבען די אנדערע אונטער די נארעס, זיינען מיר אין יענער נאכט געזעסען ביז שפעט און האבען געשמועסט וועגען דעם שיקזאל פון די ענטלאפענע, ארויסזאגענדיג פערשיעדענע השערות. און ווי גרויס איז געווען אונזער שרעק און איבעררואשונג, ווען אויפ׳ן צווייטען פריהמארגען האט זיך געעפענט די טהיר און מען האט אריינגעפיהרט די אלע פיער ענטלאפענע, אויסגעמאטערט, צושלאגען און צוקאליעטשעט.

ווי עס האט זיך ארויסגעצייגט, איז די אורזאכע פון זייער דורכפאל געווען דאס, וואס זיי זיינען נעגאנגען אנגעטהאן אין זייערע ארעסטאנטסקע קליידער. פאסירט האט עס אזוי:

ווען זיי זיינען ארויסגעשפרונגען, זיינען א פאר פון זיי שטארק צושלאגען געווארען. זיי האבען זיך געפונען אין אן איינזאמען

פעלר, ווייט איינער פון צווייטען, און דארום האָבען זיי ניט געקאָנט זעהן איינער דעם אנדערען. מיט גרויס מיה איז דריי פון זיי געלונגען זיך צוזאמענצוטרעפען, אָבער דעם פיערטען האָבען זיי פאר קיין פאל ניט געקאָנט אויפזוכען. זיי האָבען די ערשטע זאך אראָבגעקלאפט פון זיך די קייטען און אוועקגעוואָרפען. נאָכהער האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צו א ישוב, וואס איז געווען ניט ווייט, און אלעס איז צוגעגאנגען גוט. האָט מען אָבער בעמערקט זייערע ארעסטאנטסקע קליידער. עס האָט לאנג ניט גענומען און זיי זיינען שוין געווען אין די הענד פון דער אָרטיגער פּאָליציי.

דער ווייטערדיגער וועג איז דורכגעגאנגען שטיל און רוהיג.

אויפ'ן וועג צו דעם סאמארער אָסטראָג זיינען צו אונז צוגע־קומען נאָך עטליכע פּאָליטישע פעראורטיילטע, צווישען זיי די קאטאָרזשאנקע ד., וועלכע איז פאר א טעראָריסטישען אקט געווען פער'משפּט צום טויט; מען האָט נאָכהער איהר אורטייל פער־ביטען אויף לעבענסלענגליכער קאטאָרגע. זי איז געווען זעהר אַן אינטעליגענטע, לעבעדיגע און קאמף־לוסטיגע מיידעל. צוזאמען מיט איהר אָנקומען האָט זיך ווידער פאר אונז אָנגעפאנגען א רייה פון פּאסירונגען. ווען זי איז נאָך געווען אויף דער סטאנציע, האָט זיך שוין דאָרט שיער ניט אָבגעשפּיעלט א בלוטיגע דראמע.

לויט'ן געזעץ דארפען אלע פענסטער אין די ארעסטאנטסקע וואגאָנעס זיין צוגעשלאָסען. דאָס פענסטער אָבער, נעבען וועלכען ד. איז געזעסען, איז געווען אָפען. איז צוגעגאנגען א סאָלדאט און האָט עס צוגעמאכט, מאכענדיג דערביי א גראָבע בעמערקונג. האָט זי ניט לאנג געקלערט און איז איהם אריינגעפאָהרען אין באק. דער סאָלדאט איז געוואָרען איבעררראשט און האָט אויסגעשאָסען. צום גליק איז אָבער די קויל פערביי געפלויגען און האָט זי ניט בעריהרט.

עס איז אריינגעלאָפען דער אָפיציר, מיט א רויטע, איינגע־פאלענע נאָז. ער האָט געכריפּעט ווי א צואווילדערטע חיה און האָט בעפוילען שיסען, שלאָגען. אלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און גענומען פערטיידיגען דאָס מיידעל. דער איינ־צירענט האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס ד. האָט בעקומען א זעץ פון א סאָלדאט מיט א ביקס, און דאָס זעלבע אויך עטליכע פון

איהרע פערטיידיגער. דער קאָנוואָי איז אומגעביטען געוואָרען און אַלעס האָט זיך איינגעשטילט.

צוליעב דעם וואָס די קאַטאָרזשאַנקע ד. האָט געטראָגען אויף די פיס קייטען, האָט זי געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָנוואָינע סאָלדאַטען. און כאָטש ניט לאַנג האָט מען אויף דעמזעלביגען וועג שוין דורכגעפיהרט אַ גאַנצע גרופּע פרויען, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די בעריהמטע ספּירידאָנאָ־וואַ, איזערסקאַיאַ, ביצענקאָ, איזמאַי־לאָווא, פּיאַלקאַ און שקאָלניק, — האָט מען יענע אָבער דורכגעפיהרט שנעל, אָהן אָבהאַלטונגען. אויב ווער פון זיי איז געווען געשמידט, האָבען דאָס די נייגעריגע סאָלדאַטען ניט בעמערקט. דעריבער איז פאַר זיי ד. געווען אַ זעלטענע ערשיינונג, דערמיט וואָס איהרע פיס זיינען געווען געשמידט. דאָס האָט זיי שטאַרק פעראינטערעסירט, און יעדער נייער קאָנוואָי האָט זיך אָבגעשטעלט בעטראַכטען דאָס מערקווירדיג בילד, — אַ פרוי געשמידט אין קייטען.

פון נאַטור אַן אגיטאַטאָרין, האָט זי זיך בענוצט מיט'ן צופאַל, און מיט איהרע ווערטער און ערצעהלונגען האָט זי זיי נאָך מעהר צוגעצויגען צו זיך. אונטער'ן איינפלוס פון איהרע ווערטער זיינען די סאָלדאַטען געוואָרען ווייכער און בארמהערציגער, האָבען אונז גענומען ברענגען צייטונגען און בעדיענען אונז.

אויפ'ן וועג קיין אירקוטסק האָט זי אויף אַזויפיעל געוואונען דעם צוטרוי פון די סאָלדאַטען, אַז זיי האָבען אָנגעפאַנגען אַרויסצו־ווייזען אַן אונצופריעדענהייט מיט זייער לאַגע און זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דער הארטהערציגקייט און אכזריות פון זייער אָפיציר, אָן וועלכען זיי האָבען זיך געוואָלט נוקם זיין. זייענ־דיג זיכער מיט זייער פערטרויען, האָט זי זיי פאָרגעשלאָגען אַ פּלאַן:

„איהר בעפרייט מיך“, — האָט זי זיי ערקלערט, — „און מיר וועלען זיך צוזאַמען בעהאַלטען. מען וועט אייך שוין בעזאָרגען מיט אַלעס וואָס נויטיג איז און מען וועט אייך אריבערשיקען קיין אויסלאַנד. איך וועל פערבלייבען דאָ און הרג'ענען אייער עלטסטען“.

דער פּאָרשלאַג איז די סאָלדאַטען געפעלען געוואָרען, און מען האָט אָנגעהויבען אויסארבייטען דעם גענויעם פּלאַן ווי עס דורכ־צופיהרען. לויט די אומשטענדען האָבען זיך אין דיעזען פּלאַן ניט געקענט בעטייליגען פיעלע פון די חברים. די חבר׳טע ד., די אמת׳ע איניציאַטאָרין פון דעם פּלאַן, האָט מיך און דעם אויבענ־דערמאָנטען חבר פּ. איינגעלאַדען אַלס איהרע פערבינדעטע. און אָט ווי אזוי דאָס האָט געדארפט אויסגעפיהרט ווערען:

אין דער צייט ווען די דאָזיגע סאָלדאטען וועלען שטעהן אויף דער וואַך, זאָלען די חבר׳טע ד., חבר פּ., ווי אויך איך און די סאָל־דאטען, ארויסשפּרינגען פונ׳ם וואגאָן און בעהאַלטען זיך.

ווען דער צוג האָט געדארפט צופאָהרען צו א געוויסער סטאַנ־ציע, איז צוגעקומען צו דער חבר׳טע ד. איינער פון די פערטרויטע סאָלדאטען און האָט איהר מיטגעטיילט, אז באלד וועט מען דאָ מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג, און אום צו זיין זיכער מיט די אַלע אונלעגאַלע זאכען, זאָל זי עס איהם איבערגעבען. ד. האָט ניט געמאַכט קיין איבעריגע שאלות און האָט איהם דערלאנגט א פּאַס־פּאָרט, זעגעלעך און נאָך אנדערע זאכען.

א קורצע ווײַלע שפּעטער איז אין וואגאָן אריינגעקומען אַן אָפיציר און האָט געהאַלטען אין האנד די אַלע אויבענדערמאָנטע זאכען.

די בעווייזע זיינען געווען פון אויבען־אויף; קיין בעזונדע־רעס איז אָבער ניט פאָרגעקומען. מען האָט זיך נור אומגעביטען מיט אונפריינדליכע בליקען. אָבער איצט האָט מען אונזער העלדין שוין אויך די הענד געשמידט. אזוי ווי מען האָט קיינעם מעהר ניט פערדעכטיגט האָט מען נור פערשמידט אונזער „סטאראָסטא“. מען האָט אויך פערשטארקט די וואַך. דעם פערערטהערישען סאָל־דאט האָט מען שוין מעהר ניט געזעהן.

ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען קיין סרעטענסק. דאָס איז געווען דער לעצטער פונקט פון אונזער רייזע אויפ׳ן באהן, און פון דאנען האָבען מיר זיך געשלעפּט צופוס אין פערשיעדענע אָסט־ראָגען פון דער נערטשינסקער קאַטאָרגע.

ווען דער עלטסטער האָט אָנגעהויבען איבערצעהלען די ארעס־טאנטען, האָט ער בעמערקט, אז די חבר׳טע ד. איז אָנגעטהאָן ניט

אין ארעסטאנטסקע קליידער, נור אין איהרע אייגענע. און כאטש די קליידער זיינען געווען גרויע, עהנליך צו דעם קאליר פון די ארעסטאנטסקע קליידער, האט ער אבער געפאדערט, אז זי זאל זיך באלד אויפ׳ן ארט איבערטהאן. זי האט געענטפערט, אז זי וועט עס פאר קיין שום פאל ניט טהאן, ווייל זי איז געווען ארומגערינגעלט פון דער גאנצער פארטיע ארעסטאנטען, ווי אויך פון א גרויסען נייגעריגען עולם פון די ארטיגע איינוואוינער. עס איז געווארען א געשלעג; די פריקלאדען האבען גענומען ארבייטען. אבער קיין צו־שטרענגע מיטלען האט מען ניט בענוצט, און ד. איז פערבליבען אין איהרע אייגענע קליידער.

דער עלטסטער איז אבער געווען שרעקליך בייז און אלס נקמה האט ער אין זיין רעפארט צו דעם סטרעטענסקען קאנוואי איבערגעגעבען וועגען אונז זעהר א שלעכטע מיינונג. די סטרעטענסקער בעאמטע זיינען אזוי אויך געווען בעריהמט אלס די ווילדסטע און ערגסטע טיראנען, און דאס איבערנעהמען אונז איז דארום געווען זעהר א „ליעבהארציגע״.

אין אלגעמיין דארף מען בעמערקען, אז די שווערסטע און ערגסטע צייט פאר דער פארטיע איז, ווען מען נעהמט זי איבער איינער פונ׳ם צווייטען. די שטונדע אדער צוויי פונ׳ם איבערנעהמען געהען דורך אין פיזישע און מאראלישע מאטערניסען און ערנידעריגונגען, וועלכע מען קאן פאר א לאנגע צייט ניט פערגעסען.

פון דיעזע אפטע אפעראציאנען פערליערט מען, דוכט זיך, א טייל פון אייגענעם „איך״ און די וועלט אינגאנצען הערט אויף פאר דיר צו עקזיסטירען. דיין קערפער ווערט אינגאנצען פערוואנדעלט אין איין געפיהל פון וועהטאג; אין די אויערען הערען ניט אויף צו קלינגען די קאזיאנע פראגען: „אונטערהויזען פאראן? א כאלאט פאראן? די קאנדאלען פאראן? די פאדקאנדאלניקעס פאראן? די פוס־טיכער פאראן?״ א. ז. וו.

אזוי ווי דאס הארץ האט אונז געזאגט, איז דאס איבערנעהמען אונז אין סטרעטענסק צוגעגאנגען זעהר שטרענג. דאס איז געווען אן עכטע אינקוויזיציע, וועלכע מען קען זיך נור ערלויבען איבער די בערויבטע פון אלע רעכטע קאטארזשניקעס. יעדען איינעם האט מען אויסגעטהאן נאקעט. לאנג און פארזיכטיג האט מען

דורכגעקוקט יעדען פּאַדימעל. אזוי ווי עס פיהרט זיך האָט מען געמאַכט דעם אזוי גערופענעם „מאַסאַזש“, ד. ה. איבערגעטאַפּט די קייטען. צוגעגאַנגען איז עס אויפ'ן פאָלגענדען אופן: איינער האַלט צו פאַר די אַקסלען און אַנדערע צוויי פּרובען אויס, צי די קייטען זיינען גאַנץ, צי זיי רוקען זיך ניט אראָב. נור דיעזען מאָל האָבען זיי עס געטהאָן אזוי פלייסיג און מיט אזא קראַפט זיי גערי־סען, אז עס האָט אויסגעוויזען, דאָס נאָך איין מינוט — און עס װעלען אויסגעריסען ווערען די פים מיט די קייטען צוזאַמען און װעלען אָבגעשליידערט ווערען ערגעץ ווייט, ווייט.

אין דער צייט ווען מען האָט מיך אזוי אונטערזוכט, האָב איך בעמערקט ווי א סאָלדאַט, וועלכער האָט דורכגעקוקט מיינע זאַכען, האָט אזוי ווי דורך א וואונדער ארויסגעשלעפּט פון דאָרט א פאָטאָ־גראַפישעם בילד, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. מיר האָט זיך עפּעס אָבגעריסען אין הארצען, ווען איך האָב דערזעהן דעם פּרע־כען שמייכעל, מיט וועלכען ער האָט דאָס בילד גענומען אין די הענד. טהייערעס, ליעבעס בילד! דער איינציגער טרייסט און די איינציגע פרייד, וואָס איך האָב געטראַכט צו האָבען נעבען זיך אין מיין געפאַנגענשאַפט! און דאָס בילד איז שוין ארומגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד, בעגלייט פון פערשיעדענע סאָלדאַטסקע בע־מערקונגען.

„וואָס איז דאָס פאַר א מין פאַדלע?“ — האָט זיך ציניש א וויצעל געטהאָן דער בעאַמטער און האָט דאָס בילד גענומען רייסען אויף שטיקלעך. איך האָב געפיהלט, אז דאָס רייסט מען ניט דאָס בילד, נור דאָס צופיצעלט מען מיין הארץ אויף שטיקלעך.

ווען מען האָט געענדיגט אונז אונטערזוכען, האָט מען מיט קלעפּ און זידלערייען גענומען טרייבען אונז אָבצורייניגען פּלאַץ פאַר אַנדערע. און מען בלייבט אין אזא אונמעגליכער לאַגע: מיט איין האַנד האַלסטו אונטער די אראָבגעלאָזענע אונטערהויזען, וועלכע דיענען אין דערזעלבער צייט פאַר הויזען, און מיט דער צווייטער קלייבסטו צונויף דיין ביסעל אָרימקייט, וואָס איז צו־וואָרפען ארום און ארום. אָנשטרענגענדיג זיך מיט די לעצטע כחות, הויבסטו זיך אָן צו ריהרען; גאָר ביים ערשטען טראָט צושיטען זיך די אַלע זאַכען, וואָס דו האָסט מיט אזוי פיעל מיה צונויפגעקליבען.

צחק פערגלמן

און דיין אונבעהילפליכקייט רופט ארויס פרישע בעליידיגונגען און דו פיהלסט וויעדער די שטענדיגע סאָלדאטסקע קלעפּ איבער׳ן קערפּער. ווי עס איז דערשלעפּסטו זיך צום שוועל פון דער ארעס־טאַנטען־געביידע, און מאַכטלאָז פאַלסטו אַנידער אויף דיינע שמאַטעס. דיר ווייזט זיך אויס, אז דו גערהסט נאָך אלץ צווישען די רייהען פון די האַלב־ווילדע סאָלדאַטען און ליידעסט גייסטיגע יסורים.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען אלע האָבען זיך שוין צולעגט אויף די נאַרעס און זיינען איינגעשלאָפען מיט יענעם אונזיכערען, אונ־רוהיגען שלאָף פון קאַטאָרזשניקעס, וועלכער איז פול מיט שווארצע און בייזע חלומות, האָט זיך פּלוצים צו אונז דערטראָגען א פער־שטיקטער, איבערגעריסענער יאָמער פון א פרוי. מיר האָבען אלע א ציטער געטהאָן, פונקט ווי מיר וואָלטען גאָר ניט געשלאָפען, נור געלעגען און ערווארט עטוואָס שרעקליכעס.

מיר האָבען אלע אויגענבליקליך דערפיהלט, אז די שטים קומט פון יענעם צימער, וואו די חבר׳טע ד. האָט זיך איינגעפונען.

אָהן א רעכענונג, ווי די משוגעים, האָבען מיר זיך אלע א וואָרף געטהאָן צו דעם הילצערנעם ווענטעל פון איהר קעמערעל. צו אונזער איבערראַשונג האָבען מיר בעמערקט א קליין לעכעל אינ׳ם ווענטעל, צו וועלכען איינער פון אונז איז באַלד צוגעפאַלען מיט׳ן אויג. נור גלייך האָט ער ארויסגעלאָזען א ווילדען געשריי, און ווי עפּעס וואָלט איהם א שליידער געטהאָן פון דאָרט. אינ׳ם שפּאַלט האָט זיך בעוויזען דער שפּיץ פון א באַיאָנעט. ווילד פער־צווייפעלטע האָבען מיר זיך גענומען וואַרפען פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן.

און צו דעם אלעמען האָבען נאָך די דערשראָקענע און בייזע „אונגאַלאָוונע" אונז גענומען צורעדען, אז מיר זאָלען בעסער גאָרניט טהאָן. זיי האָבען אונז ערקלערט, אז דאָס וועט נאָך מעהר וויי־ מאַכען די אויפזעהער און זיי וועלען האָבען א געלעגענהייט אוי אלעמען צו שלאָגען.

אין דער צייט וואָס צווישען אונז איז אָנגעגאַנגען דער טומעל, איז אויף יענער זייט ווענטעל אייגעטרעטען שטילקייט. מיר האָבען אָבער שוין מעהר ניט געקאָנט איינשלאָפען, מיר זיינען געלעגען און

צוגעהערט זיך צו די פערשטיקטע קלאַנגען פון דער נאַכט־שטילקייט.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָבען מיר ערוואַרט דעם פריהמאָרגען, צו דערוויסען זיך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט ד.

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט זי אונז אין דער פריה איבערגעגעבען פאָלגענדעס: ווען מען איז איהר געקומען אונטער־זוכען האָט מען זיך געכאַפּט, אַז זי טראָגט ניט קיין קייטען אויף די הענד, וועלכע עס איז איהר געלונגען אויסטהאָן. דיעזער פאַקט האָט פון די קאָנוואָיגע ארויסגערופען נייע גראָבע בעליידיגונגען, און זייער עלטסטער האָט זיך געוואָלט בענוצען מיט דעם וואָס ז' איז איינע אַליין און שענדען זי. אָבער איהר פערצווייפעלטער ווידערשטאַנד און אונזער אויפגעהויבענער טומעל האָבען איהם ניט ערלויבט אויסצופיהרען זיין טהיערישען צוועק.

ווען מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבען געמאַכט א טעות וועגען איהר שיקזאַל, האָבען מיר זיך אביסעל בערוהיגט און גענומען זיך אונטעראיילען מיט דער פּאַרטיע, וועלכע איז שוין געוועזען פאַרטיג זיך צו לאָזען אין וועג אריין.

מיט'ן עטאַפּ צופּוס.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, הויבט זיך פון סטרעטענסק אָן דער עטאַפּ צופּוס. אום צוצוקומען צום אָסטראָג קיין נערטשינסק, דאַרף מען דורכמאַכען א שטרעקע פון 250 וויאָרסט. אויף דיעזען וועג ליעגען צוואָוואָרפען אויף א מהלך פון 20 ביז 40 וויאָרסט איינע פון די אנדערע, עטאַפּנע הייזלעך. דאָס זיינען גרעסטענ־טיילס אַלטע, איינגעפאַלענע, קאַלטע געביידעס, וואָס שטעהען איינ־זאַם און אין מיטען פעלד, אָדער ביים עק פון א דערפעל.

געוועהנליך געהט מען נאָכאַנאַנד צוויי טעג, מען נעכטיגט וואו עס איז איבער, און דעם דריטען טאָג רוהט מען. דאָס ווערט אָנגערופען „דניאָווקא“. אזא רייזע געדויערט אונגעפעהר פון 11 ביז 12 מעת־לעת, און אויב דאָס פאָהרען מיט דער באהן גיט דעם קאַטאָרזשניק אזוי פיעל נחת, צייכענט זיך דער עטאַפּ צופּוס אויס מיט ניט וועניגער פערגעניגען.

ווי א לאַנגער קאַראוואַן שלעפּט זיך דער קאַטאָרזשנער עטאַפּ

איבער די סטעפּעס און בערגלעך פון דער זאבאיקאלער געגענד. פּאָראוים, אין אויסגעשטעלטע רייהען, געהען די קאטאָרזשניקעס ארומגערינגעלט מיט א געדיכטען קרייז פון סאָלדאטען. נאָך זיי פאָהרען פוהרען מיט ארעסטאנטען, וועלכע דער דאָקטאָר אנערקענט פאר קראנקע. הינטער זיי פאָהרען פוהרען מיט פרויען און קינדער און ערשט די לעצטע זיינען עס די פוהרען, אויף וועלכע עס געפינען זיך די זאכען פון די סאָלדאטען און די קאטאָרזשניקעס. ווי אויך שפּייז.

אָט אזוי ציהט זיך דיעזע פּראָצעסיע אונטער'ן קלאנג פון פיעלע קייטען, שטרענגע קאָמאנדעס און געשרייען פון די סאָלדאטען.

אין דער פריה, מונטער און לעבעדיג פון דער נאכט רוה און פון דער פרישער פריהמאָרגען לופט, פיהלט זיך נאָך אין דער פּארטיע אביסעל לעבען. צייטענווייז זאָגט איינער הויך ארויס זיין מיינונג וועגען די איינדריקע וואָס עס מאכט אויף איהם די סיבירישע נאטור. א צווייטער העלפט איהם ארויס מיט א בעמערקונג. איינער גיט זאָגאר אמאָל א זאָג א גלייכווערטעל, וועלכען אנדערע כאפּען־אונטער.

מיט נייגעריגקייט קוקט זיך די פּארטיע צו צו די אָרטיגע איינוואוינער, וועלכע מען רופט „גוראנעס“ אָדער „טשעלדאנעס“, צו זייערע וואוינונגען און צו אַלעס וואָס דאָס אויג קאָן נור כאפּען, ווען מען געהט פערביי זייערע דערפער; צו די קאָזאקישע „סטאנציעס“ און צו דער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער זיי בעטראכטען די ארעסטאנטען.

זיי האָבען זיך שוין, ווי עס ווייזט אויס, אויף אזוי פיעל צוגעוועהנט צו דיעזע אָפּטע בילדער, אז זיי שענקען דערויף ניט אפילו א ברעקעל אויפמערקזאמקייט. ווען ניט ווען סיידען בעווייזט זיך אַן אלטעטשקע אָדער אַן אלטינקער מיט קוילעטשעז, און אויב דער עלטסטער איז נור גוט אויפגעלעגט, רייסט מען עס ביי זיי פון די הענד פאר א קאָפּיקע א שטיק. יעדען קאטאָרזשניק איז ערלויבט צו האָבען זיין אייגענס ביז 99 קאָפּיקעס.

ווען מען געהט אזוי אָב א וויאָרסט 20—25, הויבען די כחות אָן ווערען שוואכער. די צאָהל פון די מיעדע, וואָס שטעהען אָב,

און וועלכע די בייזע, מיעדע סאָלדאטען קלאפּען אונטער מיט די פּריקלאדען אָדער מיט די קולאקעס, ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. א מרה־שחורה׳דיגע, געדריקטע שטימונג הערשט אין דער פּארטיע. מען בעמערקט שוין ניט און מען בעוואונדערט ניט ווי פריהער די שעהנע אומגעבונג פונ׳ם פּארנאכט.

לאנגזאם און ווי א טשערעפּאכע קריכט דער עטאפּ; עס דאכט זיך, אז די קייטען לאָזען פון זיך ארויס א קלעגליכען קלאנג און שלעפּען מיט אזא קראפט צו דער ערד, אז מאנכער האלט עס ניט אויס און אָט־אָט, דוכט זיך, וועט ער זיך אראָבלאָזען, צוזעצען זיך.

„לעבעדיגער געגאנגען!" — דערטראָגט זיך אונערוואַרטעט א שטרענגער בעפעהל, און אין א רגע ווערט געמאכט אן אָנשטרענגונג, ווי עס וואָלט פלוצלינג צוגעקומען א שטראָם נייע כחות, וועלכע ווערען אָבער באלד פערשוואונדען, אזוי גיך ווי זיי קומען. דיעזע מאָמענטאנע אָנשטרענגונג נעהמט נאָך מעהר אָב די לעצטע כחות.

דערווייל קומט אָן דער פּארנאכט. אלעס ווערט ארום דיר שטיל, יעדערער קלייבט זיך אויסצורוהען פון דער טאָגיגער ארבייט, נור דער עטאפּ זעצט פּאָרט זיין קאטאָרזשנעם וועג און — קיין ענדע און קיין גרעניץ צו די יסורים.

„אָן איז זי, די מאמעלע!" — דערהערט זיך פלוצלינג אן אויסגעשריי. אלע שטעלען אויס די אויגען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

„אָן איז זי, די פערפלוכטע!" — שטימט צו א צווייטער.

דאָס האָט זיך אויפ׳ן פינסטערען האָריזאָנט דערזעהן א פייערל און א רויך. דער פּאראוים ווינקענדער אברוה־פּלאַץ מונטערט אלעמען אויף. לעבעדיגער און פרעהליך נעהמט מען שפּאַנען און מען זוכט צו טרעפען די שטרעקע און די צייט וואָס וועט נאָך געדויערען ביז מען וועט אָנקומען צו דעם מקום מנוחה, צו דער עטאפּ־געביידע.

אָט איז מען שוין, דוכט זיך, גאָר נאָהענט צוגעקומען צו דיעזען כשוף־פייערל, ערשט מיט אמאָל איז עס פערשוואונדען, און

יעדער אנשטרענגונג צו דערזעהן עס וויעדער איז אומזיסט.. אין פאראויס זעהען זיך וויעדער בלויז דיזעלבע בערגלעך...

אונטער אזא שטימונג הויבען זיך אן הערען אויסדריקע פון פערצווייפלונג, פון ענטוישונג, און די שווערע זיפצען מישען זיך צונויף מיט טרייסטענדע פאראויסזאגונגען און מיט סתם קללות אין דער וועלט אריין.

ווען מיר זיינען אויף אזא אופן דערקראכען צום שפיץ פון א בערגעל, האבען מיר צו אונזער גרעסטער פרייד דערזעהן אויף א האלב וויארסט ווייטער די עטאפנע געביידע, מיט איהר גאנצען ארימען אויסזעהן.

ביי יעדען איינעם האט דער אטהעם פערכאפט ביים געדאנק, אז אט־אט וועלען מיר זיך אויסרוהען. די ארעסטאנטען האבען גענומען געהן פעסטער, און די פערד, דערשפירענדיג די נאהענט־קייט פון א שטאהל, האבען זיך פרעהליך צוהירזשעט און גענומען לויפען.

צוקומענדיג צו דער „עטאפקע“, האבען זיך אלע אויסגע־שטעלט אין גלייכע רייהען, און ווען מען האט געענדיגט אונז איבערצעהלען האט מען ערשט דאן פונאנדערגעעפענט די טהירען פון דיעזען גיהנום.

ווי ווילדע צורייצטע חיות ווארפען זיך אויף זייער רויב, אזוי ווארפען זיך די קאטארזשניקעס אין די אפענע טהירען, טרעטענדיג מיט די פיס און איבערלאזענדיג הינטער זיך די שוואכע, וועלכע קענען ניט נאכקומען אזא ווילדען געלאף. דיעזע אויסערגעוועהנ־ליכע דריקעניש ווערט בעגלייט מיט א משונה'דיגען ליארם, מיט ווילדע זידלערייען און א שרעקליכען קלאנג פון די קייטען. נאך פון נעבען שוועל הויבען אן צו פליהען אויף די נארעס שיך, היטלען און אנדערע שמאטעס, וועלכע דיענען אלס צייכען, אז דיעזע פלע־צער זיינען שוין פערנומען.

אויף דער פערכאפטער נארע צולעגט זיך דער גליקליכער העלד אין זיין גאנצען געוואוקס, און אויף אזא אופן פערכאפט ער אויך אייניגע פלעצער פאר זיינע חברים. דער דאזיגער מורא'דיגער קאמפף קומט פאר ניט נור פאר די ערטער אויף די נארעס, נאר אויך פאר אונטער די נארעס, פשוט אויפ'ן פארלאגע, ווייל אין די ענגע

און פערשטיקטע געביידעס, וועלכע זיינען בעשטימט פאר דרייסיג מענשען, שפארט מען אריין פון הונדערט ביז הונדערט און פופציג קאטארזשניקעס. עס פערשטעהט זיך, אז מאנכעסמאל איז פשוט ניטא וואו צו שטעהן און מען ליעגט אנגעווארפען איינע אויף די אנדערע.

אויף אן אנגעזעהענעם פלאץ שטעהט דא דער נאכט־צעבער („פאראשא"), אין וועלכען די ארעסטאנטען ריכטען אב זייערע נאטירליכע בעדערפענישען פאר אלעמען אין די אויגען. אין גיכען ווערט דער צעבער פול און גיסט זיך אריבער איבער די ברעגען, צופלייצט זיך איבער דער גאנצער פאדלאגע, פערשפרייטענדיג אן אונערטרעגליכען געשטאנק. און אויף דער ערד, אין אזא שמוץ, מוזען זיך וואלגערען מענשליכע בעשעפעניסען. די קאלטע און פייכטע געביידע ווערט גיך אנגעפילט מיט דעם אונערטרעגליכען עיפוש, די הונדערטקעפיגע „שפאנקא" קוויטשעט און רעוועט; עס הערען זיך די אונאויפהערליכע קלאנגען פון די קייטען און אלערליי משונה'דיגע קללות און פאסקודנע ווערטער.

אט דאס שטעלט מיט זיך פאר דאס אברוה־פלאץ נאך אזוינע לאנגע מאטערנישען. און דאך האפט מען און מעןווארט אויף איהם מיט אונגעדולד.

מען זאגט, אז בייטען א בעשעפטיגונג מיינט מאנכעסמאל רוה. ווי עס ווייזט אויס איז אויך דאס בייטען פון צרות און מאטערניסען א שטיקעל מנוחה.

פאר פרויען זיינען אין די עטאפ־הייזער פאראן בעזונדערע אבטיילונגען. מעהרסטענטיילס ווערען די קרימינעלע פרויען איינגעלאדען צו נעכטיגען מיט די סאלדאטען. ווען ניט ווען געלינגט עס די קרימינעלע ארעסטאנטען צו קריגען די ערלויבניש, אז עטליכע פרויען זאלען איבערנעכטיגען צוזאמען מיט די מענער.

עס צווישעט זיך דאן די הערשאפט פון גאט „אמאר" מיט איהר גאנצער מאכט. עס פאנגט זיך אן אן אפענער, אונפערשעהמטער האנדעל, דער קאטארזשנער ליעבעס־ספעקטאקעל מיט זיינע צערטליכקייטען און בעזונדערע שמוציגע אויסדריקע, ביז וואנען מען געהט אריבער צו טהאט...

א שרעקליכעס, א משונה׳דיג בארבארישעס בילד וויקעלט זיך פונאנדער פאר די אויגען.

ליעגט א פרוי אויסגעצויגען, ווי א שטיק האָלץ, ניט זי ריהרט זיך, ניט זי בעוועגט זיך, און ארום שטעהען צעהנדליגע נאָך דער רייהע, גרייט צו שטילען זייער טהיערישע תאוה. איינער טרעט אָב זיין פלאַץ פאר׳ן צווייטען, און אזוי ווייטער און ווייטער אָהן אָן ענדע.

איז דאָס ניט קיין חלום? ווי אזוי קען זי עס איבערטראָ־גען? לעבט זי נאָך? אפשר איז זי שוין טויט? אָט אזעלכע שוידערליכע פראַגען פלאָגען און עגבערן דעם מארך.

דו זוכסט צו פערטרייבען די רעיונות, זוכסט א מיטעל ניט צו טראַכטען וועגען דעם וואָס דאָ קומט פאָר, דו ווילסט זיך אויס־בעהאלטען און דיינע אויגען זאָלען ניט זעהן, אָבער — אומזיסט! וואוהין דיין בליק זאָל ניט פאַלען שטויסטו זיך אָן אויף זאכען, איינע ווילדער, מאוים׳דיגער פון דער צווייטער.

דאָ און דאָרט ווערען בעגאַנגען אוננאַטירליכע און משוגע׳נע אַקטען פון זנות און אָנאַניזם. עס דאכט זיך, אז דער פאַנטאַס־טישער לעגענדאַרער נעסט פון אויסגעלאַסענהייט, אין וועלכען „דאָריאַן גרעי" האָט זיך געפונען, איז א נאַקעטע ווירקליכקייט...

אין אַלגאַטשינער קאַטאָרזשנער טורמע.

אויסגעמאַטערטע, צובראָכענע און קוים מיט׳ן לעבען האָבען מיר זיך ווי עס איז דערשלעפּט צו דעם זערענטויער אָסטראָג.

זערענטוי איז דער צענטראַלער פּונקט, אין וועלכען עס געפינט זיך די פערוואַלטונג פּון דער נערטשינסקער קאַטאָרגע. דאָרט טיילט מען פונאַנדער און מען צושיקט די ארעסטאַנטען איבער פּערשיעדענע אָסטראָגען, ווי דער אָלגאטשינסקער, אקאטויער, קוטאָמאַרער און אַנדערע.

מיך האָט מען בעשטימט אין דעם אלגאטשינסקען אסטראג און אין א וואָך ארום האָט מען מיך אויסגעריכט אהין. אויף אזא׳ן אופן איז מיר ווידער אויסגעקומען דורכמאכען א שטרעקע פון הע־כער 200 ווערסט און איבערצולעבען נייע צרות.

אין זערענטוי נאָך האָב איך זיך שוין דערוואוסט, אז אין אלגאטשינסק ווילדעוועט דער בעריהמט־געווארענער מיט זיינע אכזריות, דער קאָזאק איזמאילאָוו, דער צייטווייליגער בעאמטער נאָך דעם בלוטדורשטיגען באראדולין.

אָנגעקומען בין איך קיין אלגאטשי אקוראט אין סאמע מיטען ברענענדען קאמפף, צווישען די פּאָליטישע קאטארזשניקעס מיט דעם דאָזיגען איזמאילאָוו.

ווי עס איז בעוואוסט איז אין אָנפאנג פונ'ם 6טען יאָהר דער נאַטשאלניק פונ'ם אלגאטשינער אָסטראג, באראדולין, אוועקגעשיקט געווארען אין אקאטוי איינצושטילען דארט די קאטארזשניקעס און איינפיהרען אָרדנונג.

אין פערלויף פון פיעלע מאָנאטען האָט דיעזער הענקער סיסטעמאטיש געשלאָגען און געפייניגט די פּאָליטישע קאטארזשניקעס. זיינע שוידערליכע מעשים זיינען אלעמען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען: „די אקאטויער דראמא“. דער סוף איז געווען, אז ער האָט א מאן פופצעהן, די וואָס האָבען זיך געהאלטען פעסט און זיך ניט אונטערגעגעבען, צווישען זיי אויך יעגאר סאזאנאָוו, אריבערגעפיהרט צו זיך אין אלגאטשינסקער אסטראג, אויסצובעסערען זיי.

ביי די טויערען פון'ם אסטראג האָט זיך שוין אָנגעפאנגען די בעשטראפונג. מען האָט זיי געוואלט מיט געוואלד אבשעהרען. ווי געוועהנליך האָבען זיי זיך ניט געלאָזט און דער רעזולטאט איז געווען פיעל צו'הרג'עטע און פערוואונדעטע.

דיזער הענקער האָט זיך ניט געגנארט אין דער עקשנות פון די פופצעהן אויסגעקליבענע, ער האָט נור א טעות געמאכט אין חשבון, ווען ער האָט געמיינט, אז עס וועט זיך איהם איינגעבען צוברעכען זייער ווילען. זיי האָבען זיך העלדיש און אנבעזיעגבאר צוזאמען געשלאָסען צו פערטיידיגען די עהרע פון די פּאָליטישע קאטאָרזשניקעס. אויף א שריט צוריק זיינען זיי ניט אָבגעטראטען פאר דער דראָהענדער געפאהר.

וואָס מעהר זייער פעסטע האלטונג האָט זיך אָנגעשטויסען אן דער ווילדער עקשנות פון'ם אונפעראנטווארטליכען הערשער פון דעם אסטראג, אלץ שטארקער און ענערגישער איז געווען דער ווי־

דערשטאַנד פון דער קליינער גרופּע העלדען. די בעשטראַפונגען האָבען זיך גענומען ווידערהאָלען אפטער און שארפער.

ארויסגעקומען איז דיזער ניט גלייכער קאמפף דערפאר וואס די פּאָליטישע האָבען ניט געוואלט אראבנעהמען זייערע היטלען פאר די נאַטשאַלניקעס, ניט געוואָלט זיך אויפהויבען פון זייערע ערטער, ווען די בעאמטע פלעגען צו זיי אריינקומען. זיי האָבען אויך שטארק ניט געוואלט ליידען, ווען מען פלעגט צו זיי זאגען „דו", געגען וואָס זיי פלעגען פראטעסטירען און ענטפערן גאנץ גראב.

אויף אזא'ן אופן פלעגט יעדעס מאָל, וואס דער נאַטשאַלניק פלעגט זיי בעזוכען, ענדיגען זיך מיט קלעפּ און אונמענשליכע הרינות. א חוץ דעם פלעגט ער אָנגעהמען געגען זיי אויך אנדערע מיטלען: פונאנדערזעצען זיי איבער די קרימינעלע קאמערען; יואַ־כען־ווייז ניט ארויסלאָזען זיי אויפ'ן הויף און האלטען זיי איבער דער „פּאראשא," וואָס דאָס מיינט, אז פאר אלעמען אין די אויגען דארף מען די גאנצע צייט אָבריכטען די נאַטירליכע בעדערפנישען אין קאמער. אמאָל פלעגט מען גאָר איבערפיהרען אין די טאָטער־שע קאמערן, וואו עס איז זעהר ניט אנגענעהם צו זיצען.

ענדליך האָט זיך אָנגעהויבען דאס מאטערען אין קארצער, וואו דו זיצסט אין פייכטקייט און אין דער פינסטער אויף ברויט און וואסער. אהין דרינגט ניט אריין קיין שום ליכט, און אזוי ליגסטו אין פיעבער אויף דער פייכטער ערד, וואס איז פול מיט שמוץ און האָסט קיין פאָרשטעלונג ניט ווען טאָג איז און ווען נאכט, און ווייסט קיין מאָהל ניט וועלכע צייט עס איז.

דיין אונרוהיגער שלאָף, אין וועלכען דער אויסגעמאטערטער קערפּער פאלט אריין, ווערט מאנכעסמאָל געשטערט פון די גרויסע מייז, די איינציגע איינוואוינער פון דיזער געדיכטער קבר־פינסטער־ניש, וועלכע טאנצען און שפרינגען ארום איבער אלע טיילען פון'ם קערפּער. און וועגען ביכער, אדער אפילו זיך דורכשרייבען מיט די איינגענע, קען גאָר קיין רייד ניט זיין.

ווען איך בין אָנגעקומען אין אלגאַטשי איז דאן פארגעקומען א הונגער־סטרייק צווישען די פּאָליטישע, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען צוליעב די אכזריות פון דעם קאָזאַק איזמאילאָוו. צו יענער צייט איז דער אויבענדערמאָנטער באראדולין געווען אוועק־

געפאָהרען אויסצורוהען זיך נאָך זיין גערעכטיגקייטס־ארבייט, און צונויפקלייבען פרישע כחות אום נאָכדעם פאַרטצוזעצען איינשטי־לען די קאטארזשניקעס. איהם איז אבער ניט בעשערט געוועז צו ערגרייכען זיין ציעל. לויט'ן אורטייל פון דער פארטיי סאָציאַ־ליסטען־רעוואָלוציאנערען האָט מען איהם היגגעריכטעט. זיין פּלאַן האָט דאן פערנומען דער קאָזאק איזמאילאָוו, וועלכער האָט אין מאנכע היגזיכטען נאָך איבערגעשטיגען באראדולינען מיט זיין לוטדורשטיגער אונמענשליכקייט.

מיט דער גאנצער קראפט פון זיין ווילדער נאטור האָט ער גע־האסט די פּאָליטישע קאטאָרזשניקעס. ווען ער פלעגט ווערן אויפ־גערעגט פלעגט ער זיך אין גאנצען פערליערען, ניט קענען זיך בע־הערשען. אין אזוינע מאָמענטען איז ער פעהיג געווען דער'הרג'־ענען א מענשען אויפ'ן אָרט. אין טורמע פלעגט ער אריינקומען אָהן א שווערד און אָהן א רעוואָלווער, ווייל ער האָט מורא געהאט אז אין כעס זאָל ער זיך מיט זיי ניט בענוצען. עס איז געווען א פאל, ווען ער איז איינמאָל ארויס פון די כלים און האָט ארויס־געכאפּט דעם שווערד ביי דעם נאדזיראטעל, וואס איז לעבען איהם געשטאנען, פערמעסטענדיג זיך מיט דעם אויף די קאטאָרזשניקעס. ער פלעגט מיט זיינע אייגענע הענד שלאָגען און פייניגען, דערביי פלעגט ער זיך ציניש זידלען מיט אלע ערגסטע שימפּף־ווערטער.

די לאגע פון דיזער פּאָליטישער גרופּע איז געווארען אונער־טרעגליך און שווער און זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען ארויסרופען א הונגער סטרייק.

אויפ'ן אכטען און ניינטען מעת לעת פון'ם סטרייק האָבען זיך שוין בעוויזען שווערע קראנקע און דער טורעמנער דאָקטאָר האָט זיך אין דער געשיכטע אריינגעמישט. ווען ער האָט זיך איבערצייגט אז זיין גאנצע מיה צו מאכען שלום צווישען ביידע קעמפּפענדע צדדים פיהרט צו גאָר ניט, האָט ער די הונגעריגע אריבערגעפיהרט אין האָספּיטאל אלס קראנקע. און ווי באלד זיי זיינען חולאים קען מען דאָך פון זיי שוין ניט פאָדערען נאָכצוקומען אלע קאפּריזען פון'ם קאזאק און זיין אונטערוואָרפען אונטער דיסציפּלין. נאָכהער האָט מען זיי ביסלעכווייז פונאנדערגעשיקט איבער אנדערע אָסטראָ־גען און אויף אזא'ן אופן זיינען זיי ארויסגעקומען די זיעגער פון

צ[illegible]ק ב[illegible]רגלמן

דיזען עקשנות'דיגען און אונ'ברחמנות'דיגען קאמפף. זעלבסטפערשטענדליך אז דער זיעג האָט זיי טייער געקאָסט; אייניגע זיינען פערבליעבען פערקריפּעלטע און צו'הרג'עטע אויף זייער גאַנצען לעבען.

בעשטאַנען זיינען דיזע פּופּצעהן מענשען פון אויף אויביג פערשיקטע, טיילווייז פּארטיי־ארבייטער. צווישען זיי זיינען געווען אייניגע אנארכיסטען, וועלכע זיינען פעראורטיילט געווארען אין 1905 אין אדעס, נאָך אין די ערשטע פּראצעסען פון די „אנארכיסטען־קאָמוניסטען." דאכ זיינען געווען די פארשטעהער און די טרעגער פון'ם אמת'ן, ריינעם און ערהאבענעם אנארכיזם, וועלכער איז נאָך דאן ניט געווען בעפלעקט מיט די מעשים פון די פערשיעדענע אויסוואורפען פון די לעצטע, שווארצע יאהרען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מעהר פון זיי אלעמען האָט זיך אויסגעצייכענט די מערקווירדיגע געשטאַלט פון יעגאָר סאזאנאָוו, דער הינריכטער פ.ן'ם מיניסטער פאָן־פּלעווע. דאס איז געווען אן אמת'ער טיפּ פון אן אידעאליסט־נאראָדניק פון די אכציגער יאהרען, וועלכער איז אין גאנצען געווען דורכגעדרונגען מיט גלויבען אין'ם אידעאל. און כאָטש פון דער באמבע אויפרייסונג איז ער א ביסעל אבגעשוואכט געווארען, אויך אביסעל טויבלאך, איז ער אבער נאָך אלץ פערבליעבען דערזעלבער. א הויכער, שלאנקער מאן מיט אזא שטאַטליכע, שעהנע פיגור. זיין געלבליך בערדעל, וואס איז אלעמאָל געווען אין אונאָרדנונג, מיט די גוטע, צוטרויליכע אויגען און צארטען געזיכט האבען ארויסגעוויזען זיין אויפריכטיגע, אמת'ע נשמה.

שטענדיג האָט מען סאזאנאָוו'ן געקענט טרעפען לייענען איינעם פון יענע ניט פיעל ביכער, וועלכע האָבען זיך אימער ביי איהם געפונען; דאָס זיינען געווען ווערק פון מיכאילאָווסקי, לואיס'עס געשיכטע פון פילאָזאָפיע, פוליע'ס ווערק און נאָך אנדערע.

ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען וועלכע עס איז סמנים פון כבוד־זוכעניש אדער גאוה. פון נאטור בעשיידען, האָט ער פיינד געהאט צו רעדען וועגען זיך אליין און וועגען זיין טהעטיגקייט. ווען ער פלעגט אין זיינע געשפּרעכען בעריהרען אמאָל די רעוואָלוציאנערע טהעטיגקייט, פלעגט ער מיט היץ נור איבערגעבען די ער־

צעהלונגען וועגען זיינע נאָהענטע בעקאנטע חברים־רעוואָלוציאָ־נערען.

איך געדענק איינמאָל, ווען ער האָט מיר געצייגט די פאָטאָגראַ־פישע בילדער פון באלמאשאָוו, קאליאיעוו און אנדערע. ער האָט וועגען זיי דערצעהלט מיט אזא ענטציקונג, איבערהויפּט וועגען קאָ־ליאיעוו'ן, וועלכען ער האָט זעהר גוט געקענט.

א רוהיגער, א שטילער, ווייך, מיט א מין צערטליכקייט פון א פרוי, האָט זיך געדוכט אז ער האלט זיך גאנץ פאסיוו צו דעם שטו־רעמדיגען לעבען פון דער קאטאָרזשנער קאָמונע. ווען מען האָט זיך אבער אביסעל בעסער צוגעקוקט, האָט מען זיך לייכט געקענט איבערצייגען, אז אָהן איהם ווערט קיין זאך ניט געטהאָן, און אין אלע אקטען, אונטערנעהמונגען פון דער קאָמונע, לעבט און ארבייט סאזאנאוו'ס גייסט.

זיין אידעאלע, איבערגעבענע, נאָבעלע און אויפריכטיגע נאַ־טור האָט ארויסגערופען צו איהם די אכטונג פון יעדען איינעם וואס האָט זיך מיט איהם בעגעגענט. אפילו די קרימינעלע ארעסטאַנ־טען, וועלכע, צוליעב פיעלע אורזאכען, האָבען שטארק פיינד די פּאָ־ליטישע, האָבען צו סאזאָנאָוו'ן אויך ארויסגעצייגט א בעזונדער העפליכקייט. וואס דארף מען מעהר, אפילו דער מערקווירדיגער־הענקער איזמאילאָוו גופא פלעגט זיך גאר אין גאנצען אומבייטען, ווען ער פלעגט מיט סאזאנאָוו'ן רעדען.

אָט, צום ביישפּיעל, אזא פאל.

מיר זיצען איינמאָל צוזאמען מיט סאזאנאָוו'ן און עסען וואר־מעס. אין מיטען קומט אריין איזמאילאָוו אליין אָנזאָגען סאזאָ־נאָוו'ן, אז מען וועט איהם אריבערפיהרען אין זערענטוי'ער אסטראָג. און צוגעגאנגען איז עס אויף אזא'ן אופן: ער געהט אריין און ווענדעט זיך גלייך צו איהם מיט די ווערטער: „איך האָב אייך עפּעס געוואלט דערצעהלען, נור זייט מוחל, וואס איך האָב אייך געשטערט; כ'וועל צו אייך אריינקומען שפּעטער א ווייל.“

פאר אונז איז עס געווען אן אמת'ע איבערראשונג, ווען מיר האָבען דערהערט פון דיזע שמוציגע און טהירישע ליפּען איינפאכע מענשליכע ווערטער.

בלויז אזוינע נאטורען ווי סאזאנאָוו'ס זיינען פעהיג ארויסצו־

רופען אכטונג צו זיך אפילו פון די גרויזאמסטע און פערביטערטסטע טיראנען.

דעמזעלבען קאמפף, וואס ער האט אנגעפיהרט אויף דער פריי־הייט, האט ער פארטגעזעצט אויך אין זיין געפאנגענשאפט מיט דערזעלבער ערנסטקייט און איבערגעבענהייט, בעדייט צו אפפערען מיט זיך. ער האט אויפגעפאסט אויף זיין אייגענע אויפפיהרונג און זיין יעדע טהאט. יעדער טראט איז ביי איהם געווען אויסגערע־כענט, פאראויסגעזעהן אויף אזוי פיעל, אז ער זאל זיך פאר קיין פאל ניט קאמפראמיטירען אדער ערנידעריגען זיין ווערטה און די עהרע פון דעם פאליטישען פערברעכער אין די אויגען פון די נארזירא־טעלעם פונ'ם אסטראג.

זיין טראגישער, העלדישער טויט איז דער אמת'ער לאגישער רעזולטאט פון זיין ארט לעבען, פון זיין נאטור.

סאזאנאוו האט זיך גענומען דאס לעבען אלס פראטעסט דער־פאר וואס מען האט זיינע חברים, פאליטישע קאטארזשניקעס, קער־פערליך בעשטראפט.

מען דארף זיך נור טיעפער פערטראכטען וועגען דיזער מאָרא־לישער טהאט!

זיין פיהלענדע נשמה האט ניט געקענט אריבערטראגען אזא שאנדע. דער איינציגער מיטעל צו פראטעסטירען געגען אזא ווילדקייט פון די אכזריות'דיגע הענקער און די טעמפע אונטער־טעניגקייט פון די פער'משפט'ע קנעכט, האט זיך איהם געדאכט, איז נור זעלבסטמארד, אפפערן זיין אייגענעם לעבען, דאס איינציגע וואס ער האט פערמאגט.

זיינע לעצטע ווערטער, וואס ער האט איבערגעלאזען אלס צוואה זיינען געווען:

"קאמעראדען! היינט וועל איך מאכען דעם פערזוך צו ענדיגען מיין לעבען.

„אויב עמיצענס טויט קאן ווירקען אויף אבצושטעלען וויי־טערע אפפער, איז דאס פריהער פון אלעם מיין טויט, און דארום מוז איך שטארבען.

„איך פיהל דאס מיט מיין גאנצען וועזען; עס טהוט מיר אזוי וועה וואס איך האב ניט בעוויזען אונמעגליך צו מאכען די צוויי

קרבנות, וואָס זיינען היינט געשטאָרבען. מיין בקשה, מיין דרינ־גענדעס געבעט צו אייך איז, חברים, אַז איהר זאָלט מיר ניט נאָכטהאָן: זוכט ניט אַ צו־שנעלען טויט. ווען ניט די קליינע האָפנונג, אַז מיין טויט קאָן ווירקען, אַז עס זאָלען מעהר ניט פאַלען קיין קרבנות, וואָס מאָלאָך פאָדערט, וואָלט איך אונבעדינגט געבליבען לעבען און קעמפּפען צוזאַמען מיט אייך, קאַמעראַדען! אָבער וואַרטען נאָך אַ טאָג וואָלט הייסען ווידער מאָרגען צוזעהן נייע קרבנות.

„אַ האַרציגער גרוס צו די פריינד און אַ גוטע נאַכט אייך.
„דעם 27טען. יעגאָר.“ *

און מיט זיין טויט האָט ער ווי געזאָגט דער וועלט: „אָ, איהר מענשען! ווי אַזוי ווערט איהר ניט פּערציטערט פון דער אונבעגרענעצטער שאַנדע, צו וועלכער איהר זייט אונטערוואָרפען, ווען מען פייניגט אייערע קעמפּפער, אייערע בעסטע מענשען, איי־ערע פאָרשטעהער. ווי אַזוי בעגרייפט איהר ניט דיעזע לעסטערונג, דיעזע פייניגונג איבער דער מענשליכער פּערזאָן, ווען מען שלאָגט איהם אַזוי באַרבאַריש, ווילד, ווען מען שמייסט איהם מיט ריטער. איך קען שוין ניט לעבען אין אַזא שוואַרצען, נידריגען און שענדלי־כען תהום, וואו דער מענש ווערט פשוט דערשטיקט. בלויז דער טויט גור וועט קענען בערוהיגען מיין געוויסען! לאָז־זשע מיין טויט דיענען אַלס פּראָטעסט, זאָל ער וועקען דעם בעוואוסטזיין און דאָס געוויסען, זאָל ער ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די מענשען אויפ׳ן שענדליכען שטעמפּעל וואָס איז אויף זייערע שטערענס. מיט זייער אייגענעם ווילען עקזיסטירט עס און מיט זייער אייגענעם ווילען קענען זיי זיך פון דעם ריין וואַשען!“

אין מינוטען, ווען פערצווייפלונג בעהערשט די נשמה און איך דערפיהל אַז איך בין ענטטוישט אין מענשען, העד אויף צו גלויבען אפילו אין זייערע אויפריכטיגע, ריינע געדאַנקען, ווען אומעטום ווייזען אַן די פאַקטען פון דער ווירקליכקייט אויף דעם אַלגע־

* דיזע שריפט, וועלכע סאַזאָנאָוו האָט איבערגעלאָזען פאַר׳ן טויט, האָט זיך איינגעפונען ביי חבר בריליאָן, וועלכער איז דאַן געווען אין נערטשינסקער קאַטאָרגע, און וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקאַ.

מיינעם עגאאיזם, אויף דער טהירישער זעלבסט־ליעבע, וועלכע רע־דען אונאויפהערליך וועגען דער אונמעגליכקייט פון אידעאלען און פון העכערע שטרעבונגען, דאן ערשיינט אין מיין פארשטעלונג די ליכטיגע, אידעאלע געשטאלט פון סאזאנאוו און שטארקט אין מיר דעם שוואנקענדען גלויבען אין מענשען.

אויסער די פופצעהן פאליטישע, וועלכע מען האט מיט דער צייט אריבערגעפיהרט אין פערשיעדענע אסטראגען, האבען זיך נאך אין יענער צייט אין אלגאטשי געפונען עטליכע ארבייטער רעוואלו־ציאנערען. די איבעריגע זיינען בעשטאנען פון געוועזענע סאל־דאטען.

אבוואהל זיי זיינען געוועזען פערטיילט אין בעזונדערע קאמערען, האבען זיי אבער ניט געקענט בילדען יענעם ספעציפישען קאטארזש־נעם לעבען, וועלכער צייגט זיך געוועהנליך ארויס, ווען עס קלויבען זיך צוזאמען פאליטישע ארעסטאנטען.

פערכאפט פון דער רעוואלוציאנערער כוואליע אין די 5טע און 6טע יאהרען, האבען זיי געהאט א שוואכע פארשטעלונג וועגען די ריכטיגע אידעען פון יענער בעפרייאונגס־בעוועגונג, אין וועלכער זיי האבען געשפיעלט אזא וויכטיגע ראלע. פיהלענדיג זיך אז זיי זיינען גאנץ אנדערש פון די קרימינעלע פערברעכער, האבען זיי אבער צו דערזעלבער צייט ניט געהאט קיין בעשטימטען גרונד פאר זיך און פלעגען דעריבער אפט אריינטרעטען אין זייערע אלטע רא־לען, ד. ה. ווערען צוריק סאלדאטען.

אויף זיי האבען, אהן שום צווייפעל, געקענט ווירקען די בע־וואוסטזיניגע ארבייטער, זיינען זיי אבער געוועזען זעהר ווייניג אין צאהל, צוואורפען איבער די קאמערען פון די קרימינעלע און האבען ניט געהאט קיין שום בעציהונגען ניט מיט זיי און ניט צווישען זיך אליין. מען קען זאגען, אז אין אלגעמיין האט נאך דאן ניט עקזיס־טירט קיין „פאליטישע קאטארגא.“

שפעטער, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין׳ם גארנא־זע־רענטויער אסטראג, וואו עס האט זיך געזומען זאמלען א היבשע צאהל פאליטישע, האט מען געקענט בעמערקען, אז עפעס אזעל־כעס האלט זיך אין פארמירען.

מיט דער צייט וועט מסתמא ערשיינען א בעשרייבונג פון דער

„פּאָליטישער קאטאָרגע״, וועלכע וועט טראָגען א בעזונדערען, ספּע־ציעלען כאראקטער, אנדערש פון יענע, וועלכע איז אונז בעוואוסט פון דאָסטאָיעווסקי׳ס : „שריפטען פון א טויטען הויז״ און מעלשין׳ס : „אין דער וועלט פון ארויסגעשטויסענע״.

איך וויל דאָ בעצייכענען איין אייגענארטיגען טיפּ פון די פּאָליטישע קאטאָרזשניקעס, כאָטש אין דער אמת׳ן צווייפעל איך, אויב מען קען איהם גאָר צורעכענען צו דיזער קאטעגאָריע :

די פאָרשטעהער פון דיזען טיפּ אנערקענען זיך גאָר ניט פאר פּאָליטישע ; פערקעהרט, זיי שטעלען זיך ארויס פאר די שארפסטע און ערגסטע געגנער פון די פּאָליטישע און ציינען צו זיי ארויס שנאה און האַס.

זיי רעכענען זיך נעהענטער צו די קרימינעלע, בעוואוסטזיניגע און פּראָפעסיאנעלע גנבים און מערדער. דאָס זיינען אלץ געוועזענע פּארטיי־ארבייטער, וועלכע האָבען געהערט צו פערשיידענע סאָציא־ליסטישע אָרגאַניזאציעס. צום גרעסטענטייל זיינען זיי בעשטאַנען פון אינטעליגענטע פּערזאָנען. צווישען זיי, למשל, איז געווען א פּאָלקס־לעהרער, א סעמינאריסט, א טעלעגראפיסט א. ז. וו.

זיי פלעגען זיך אליין רופען אינדיווידואליסטען, אָן אנדערש מאָל מיט א צונאָמען, ווי „אינדיווידואליסטען־אנארכיסטען״. זייער פילאָזאָפיע, זייער טעאָריע האָבען זיי געשעפּט ביי פרידריך ניטשע. איהם האָבען זיי געהאלטען פאר זייער לעהרער און גרינדער פון זייערע אידעען.

זייער גאנצער שטרעבען, פערשטעהט זיך, איז געווען בע־צוועקט צו פערפאלקאמען זיך אין ניטשע׳ס „איבער מענש״ און דארום פלעגט זייער אלמעכטיגער, אלהערשענדער „איך״, וועלכער שטעהט אויסער אלע געזעצען און מאָראלישע פּרינציפּען, אננעהמען א משונה׳דיגע פאָרמע.

די ליטעראַרישע טיפּען, וועלכע זיינען זיי מעהר נעפעלען געווען, זיינען געווען די העלדען פון פּשעבישעווסקי׳ס : „דעם שטן׳ס קינדער״ און פון אנדרעיעוו׳ס „סאַווא״. אָבער זיי האָבען מיט זייערע מעשים איבערשטיגען אפילו די דאָזיגע העלדען.

צווישען זייערע פּראיעקטען האָט זיך געקענט געפינען אזא מין פּלאן, ווי למשל פערגיפטען די וואסער׳ן פון א וועלכע עס איז

שטאדט מיט'ן רעזולטאט, דאָס אלע פערהאסטע שקלאפען וועלען אויסשטארבען מיט א שמערצפולען טויט.

אלס א ביישפיעל פון זייער פראקטישער טהעטיגקייט איז מיר בעקאנט דער פאלגענדער פאל:

דורך א פויער, וואָס איז געווען פער'משפט פאר אנטייל נעהמען אין א בויערן־אויפשטאנד, האָט מען איבערגענעבען פאר א געוויסען צוועק 300 רובעל, וועלכע ער האָט זיך נאכהער ענטזאגט אבצוגעבען. די אינדיווידואליסטען האָבען זיך דערפון דערוואוסט און אויפ'ן גרונד פון זייערע „איבערמענשליכע רעכטע" זיינען זיי בעפאלען דעם פויער מיט מעסערס און דראהונגען און האָבען צוגענומען ביי איהם דאָס געלד פאר זייערע אייגענע נוצען.

אין אַן אנדער פאל האָבען זיי אין א טשיטינסקען אָסטראָג, אין דער צייט פון א קריעג מיט פאָליטישע, דער'הרג'עט אויף טויט א סאָציאל־דעמאקראַט.

די קרימינעלע קאטארגע.

צו יענער צייט איז אין דער קרימינעלער קאטאָרגע פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג. עס האָבען זיך נאָך געפיהלט די שפורען פון דער ניט־לאנגאָניגער גרויסער שלאכט מיט די „איוואנעס", אין וועלכער זייערע גרעסטע פאָרשטעהער זיינען געפאלען.

„איוואנעס", — דאָס זיינען געווען געטער, קסרים אין דער קאטאָרזשנער מלוכה. זיי האָבען בוכשטעבליך געוואָרפען אויף אלעמען א פחד, יעדער האָט זיי געמוזט אין אלעס פאָלגען, צייטענווייז אפילו די אָרטיגע אדמיניסטראַציע אליין.

דאָס זיינען די זאָגענאנטע „אייביגע בירגער" און איינוואוינער פונ'ם אָסטראָג. דאָס גאנצע לעבען זייערס פערברענגען זיי אין אָסטראָג, וועלכען זיי רעכענען פאר זייער „אייגענעם ווינקעל". ווען זיי געהען פון דאָרט אוועק אָדער זיי אנטלויפען איז עס נור מיט'ן צוועק צו דורכלופטערען זיך אביסעל, „אַן ארבייט טהון" און זיי קעהרען זיך באלד אום צו זייער „אייגענער היים", אין אָסטראָג.
זיי זיינען גרעסטענטיילס אנערקענטע, בעריהמטע גנבים און

רויבער, — די „שטערען“ פון דער פערברעכערישער וועלט. זיי, מעהרסטענטייל, האלטען עס די „מיידאַנען“ — טורמע־קרעמלאך, וואו זיי אליין מענען נור פערקויפען שפייז און אנדערע זאכען פאר די קאטאָרזשניקעס.

מיט זייער אונבעגרענעצטער הערשאַפט זיינען זיי בעגאנגען די גרעסטע, אויסערגעוועהנליכע, געמיינהייטען און גוואלדטהאטען. א חוץ דעם וואס זיי פלעגען בעל הבית'עווען איבער דעם קאַ־טאָרזשניק'ס האָב און גוטס, פלעגען זיי איהם נאָך בערויבען פון אלע לעבענס־פּראָדוקטען, און דעם ארעמען קאטאָרזשניק פלעגט נעבאך אויסקומען הונגערען.

דאָס גאנצע פלייש פלעגען זיי איבערלאָזען פאר זיך און אינ'ם קאָך־קעסעל פלעגען זיי ארייננווארפען שטיקער האָלץ. דערפון בע־קומט מען די זאָגענאנטע „באלאנדא“, און דאָס פלעגט מען דער־לאנגען די ארעסטאנטען. ברויט און אנדערע שפייז פלעגען זיי ארויסגעבען אין זעהר א קליינער פּאָרציע. ווען זיי פלעגען זיך שוין אָנפרעסען ביז'ן האלז, פלעגען זיי דאס איבערגעבליבענע פאר־קויפען אויסער'ן אָסטראָג.

דעריבער פלעגען גאנץ אָפט פּאָרקומען טויטענפעלע פון הונ־גער און פון דער קראנקהייט „צינגא“.

פאר דאָס געלד וואָס זיי פלעגען לייזען פון די פערקויפטע זאַ־כען, אָדער געווינען אין קאָרטען, פלעגען זיי בעקומען בראָנפען און מען פלעגט שיכור'ן אויף'ן ווילדסטען אופן. דערביי פלעגען זיך אָבשפּיעלען אלערליי העסליכע סצענעס פון אויסגעלאסענהייט און זנות, אויף וועלכע בלויז אזעלכע קאטאָרזשניקעס זיינען פעהיג. זיי זיינען שטענדיג געווען בעוואפענט מיט מעסערס און פאר דעם קלענסטען פערזוך ניט צו פאָלגען זיי, האָבען זיי בעשטראָפט מיט'ן טויט.

יעדער איינער פון זיי האָט זיך געהאט א „ווייב“ (א זכר) און אויסקלייבען פלעגען זיי די „ווייבער“ פון די יונגע ארעסטאנטען.

פלעגט נור אָנקומען א פרישער, א „זשלאָב“, ניט קיין אייגע־נער, פלעגען זיי איהם באלד אברייניגען פון קאָפּ ביז די פיס, צו־נעהמען זיינע זאכען און געלד. און וועה איז געווען צו דעם יעניגען, וואָס האָט געוואגט צו שטעלען זיך אנטקעגען. מען פלעגט אזוינעם

שלאגען ביז'ן פערלירען דאס בעוואוסטזיין, נאכהער ארונטער־ווארפען אונטער די „נארעס" און דארט שענדען איהם. נאכדעם איז שוין ניט שווער געווען צו פערוואנדלען אזא אונגליקליכען אין א פראסטיטוטקע, אז ער זאל אויף אימער טראגען אויף זיך א שאנד־פלעק און זיין פעראכטעט און פערשפאט.

אזא מין ארעסטאנט איז פעררעכענט פאר דעם נידעריגסטען און אונווירדיגסטען מענשען; ער טאהר ניט לאזען הערען זיין שטים און יעדער איינער האט דאס רעכט צו בעליידיגען און צו שלאגען איהם אונבעשטראפטערהייט.

איבער אזעלכע פון רעכט בערויבטע ארעסטאנטען רע־בענט יעדער איינער פאר א חוב ביי יעדער געלעגענהייט לוסטיג צו מאכען זיך, מאכען איהם צו שפאט. דאס בעשטענדיגע פלאץ פון אזעלכען איז לעבען דער „פאראשא", אין בעסטען פאל — אונטער די נארעס. און א חוץ דעם איז ער נאך פעררעכענט ביי די „אי־וואנעס" פאר א דיענסט און איז געצוואונגען צו טהאן די שווערסטע און שמוציגסטע ארביים.

און דערפאר טאקע איז פאר'ן קרימינעלען ארעסטאנט די העכסטע בעליידיגונג און שאנדע, ווען מען גיט איהם א נאמען „זי", וואס עס מיינט, אז ער פערנעהמט דעם ארט פון א געפאלענער פרוי. פאר אזא בעליידיגונג איז אן ארעסטאנט גרייט צו שלאגען זיך ביז בלוט.

רעכענענדיג זיך פאר די געזעצמאכערס פון'ם קאטארזשנעס לעבען, האבען די „איוואנעס" צו דערזעלבער צייט אויך געהיט און אכטונג געגעבען אויף די מאראל און די מנהגים פון די קא־טארזשניקעס לויט זייער אייגענעם קאדעקס.

פאר יעדע זינד, פאר יעדען פערברעכען האבען זיי נור געהאט איין שטראף — טויט. איך אליין, צום ביישפיעל, האב בייגעוואוינט אזא מין אקט:

אלע גערענקען נאך, דאס אין די אונרוהיגע, רעוואלוציאנערע פאגראמען־טעג האבען אין פיעלע שטעדט עקזיסטירט די זעלבסט־שוץ גרופען. אין פערבינדונג מיט דעם פאקט האבען זיך נאכהער פערשפרייט קלאנגען, אז דיזע גרופען אדער אייניגע פון זייערע

מיטגלידער האָבען פערפאָלגט גנבים און האָבען עטליכע פון זיי אומגעבראכט.

און אָט אין דער צייט, ווען איך האָב זיך געפונען אין׳ם אַ—סקער אַסטראָג, האָבען די קרימינעלע אויסגעפונען, דאָס איינער פון די פּאָליטישע, א געוועזענער מיטגליעד פון׳ם זעלבסטשוץ, האָט געטויט א גנב.

די אנדערקונג פון זייער געפאלענעם חבר, ווי אויך דער הייליגער מנהג, האָבען געפאָדערט פאר דעם א בלוטיגע ראכע. נאָך לאנגע אויספאָרשונגען און בעראטהונגען האָבען זיי איהם אנערקענט פאר שולדיג און פעראורטיילט צו שטאַרבען.

פאר די פּאָליטישע איז געווען קלאָהר, אז קוים האָבען זיי נור ארויסגעטראגען אזא אורטייל, וועט שוין קיין זאך ניט זיין אים שטאנד אויסצולייזען איהם פון דיזען שרעקליכען טויט.

דער איינציגער מיטעל, וואָס איז נאָך פערבליבען, איז געווען, אז מען זאָל קענען ־ערווייזען און איבערצייגען זיי אין זיין אונשולד און דערמיט פּועל׳ן, אז דער אורטייל זאל אומגעביטען ווערען.

און די פּאָליטישע האָבען מיט זיי גענומען אריינ׳טענה׳ן און אויף פערשיעדענע אופנים ווירקען אויף זיי און דערווייזען די גרונדלאָזיגקייט פון דיזער בעשולדיגונג. איבערהויפּט האָט מען זיי געגעבען צו ערקלעהרען, אז א סאָציאליסט וועט אזא זאך קיינמאָל ניט טהון.

הייסע דעבאטען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אי שריפטליך אי מינדליך.ביידע צדדים האָבען געקראָגען פערשיעדענע דאָקומענטען און אזוי האָט עס אָנגעהאלטען א לאנגע צייט ביז וואנען, ווי עס האָט זיך געראכט, עס איז זיי געלונגען צו בערוהיגען און אלעס איז שטיל געוואָרען.

אָבער אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען מען האָט אונז ארויסגעלאזט אויפ׳ן שפּאציער, זיינען מיר איבערראשט געווארען פון א זאָנדערבארער ערשיינונג. אויפ׳ן הויף האָבען מיר געטראָפען עטליכע „איוואנעס“ מיט זייער סוויטע, וועלכע האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אין איין גרופּע, און האָבען זיך וועגען עפּעס געהיימניספול בעראטען.

אלעס האט פאראויסגעזאגט, אז עס דערנעהענטערט זיך עטוואס ניט פרעהליכעס.

מיר האבען נאך קיין צייט ניט געהאט זיך רעכט ארומצוקוקען, ווען איינער פון זיי איז צוגעגאנגען צום בעשולדיגטען פאליטישען און האט איהם א כאפ געטהאן פון הינטען ארום.

דאס ווערט אויסגעפיהרט אויף אזא׳ן אופן: מען גנב׳עט זיך אונטער צום קרבן און מען גיט איהם א כאפ פאר׳ן האלז אזוי, אז ער הויבט זיך באלד אן ווערגען און קען זיך בשום אופן ניט בע־פרייען און ניט פערטיידיגען זיך.

דורכפיהרענדיג דעם ערשטען אקט געשיקט, זיינען שוין די איבעריגע חברה געווען לעבען איהם. מען האט דעם קרבן אויפגע־הויבען אין דער לופטען, אייניגע האבען איהם געהאלטען פאר׳ן קאפ און די אנדערע פאר די פיס, די איבעריגע האבען זיך ארום־געשטעלט ארום זיין קערפער.

נאכדעם האט מען איהם גענומען פייניגען אויף א שרעקליכען, אינקוויזיטארישען אופן. סיסטעמאטיש, איינס נאך איינס, האט מען איהם גענומען שלאגען ווער מיט די קולאקעס, ווער מיט שטיקער אייזען איבער׳ן בויך און הארצען. און געשלאגען האבען זיי לאנגזאם, אויסגערעכענט און מיט ערנסט, פונקט ווי זיי וואלטען אבגעריכט א גאטעס־דיענסט.

מיר אלע זיינען געשטאנען פאראליזירטע אויף אונזערע ערטער; מיר האבען בעגריפען, אז יעדער פערזוך פון אונזער זייט צו שטערען זיי, וועט ניט נור זיין אומזיסט, נור קען נאך ווערען געפעהרליכער. אונז איז נור פערבליעבען מיט פערצווייפלונג צו בייוואהנען דאס שרעקליכע בילד, ווי קרימינעלע קאטארזשניקעס פיהרען דורך זייער אורטייל איבער זייער קרבן.

אפילו די נאדזיראטעלס אליין זיינען געשטאנען אויף זייערע פאסטען און האבען ניט געמאכט די קלענסטע בעוועגונג אבצו־האלטען זיי. איז דאס געווען צוליעב דערזעלבער אורזאכע וואס מיר האבען געשוויגען, אדער צוליעב עטוואס אנדערעס, — ווי די זאך איז, זיי האבען גארנישט געטהאן אין דער גאנצער צייט.

און די שלעגער האבען יעדעס מאל אונטערזוכט זייער קרבן, האבען זיך צוגעהערט צו זיין הארץ צי ער לעבט נאך. און ווען זיי

האָבען זיך שוין איבערצייגט, אז ער איז טויט, האָבען זיי איהם אוועקגעלייגט אויף דער ערד. עטליכע מאָל האָבען זיי זיך ארומגע־קוקט צי עס זעהען זיך ניט אין איהם וועלכע עס איז שפּורען פון לעבען און נאָכהער זיינען זיי זיך רוהיג־פּייערליך פונאנדערגעגאנגען.

דעם איבערגעלאָזענעם קערפּער האָט מען אוועקגעטראָגען אין קראנקען־הויז.

צום גליק איז דיזער חבר לעבען געבליבען. און אָט ווי אזוי דאס איז געשעהן.

ווען ער האָט בעגריפען, אז דער טויט איז דאָ אונפערמיידליך, האָט ער זיך פערשטעלט פאר געשטאָרבען. דאָס האָט געהאָלפען, אז זיי זאָלען איהם ניט ערמארדען אין גאנצען.

אָט אזוי בעשטראפען די קרימינעלע אן ארעסטאנט, וואָס האָט זיך געגען זיי מיט וואָס עס איז פערשולדיגט. בעזונדערס ווערען פערפאלגט די זאָגענאנטע „ליאגאוויע" — דאָס הייסט די, וועלכע גיבען ארויס פאר דער אדמיניסטראציע ארעסטאנטסקע סודות.

ס'איז נענוג ארויסצוכאפּען זיך מיט א וואָרט, (אויפ'ן ארעסטאנטען לשון הייסט עס „פּארשיטען") אָדער פעראורזאכען צופעליג א וועלכען עס איז שאדען צו עמיצען, — און מען זאָל שוין זיין פערערכענט פאר א „ליאגאווען". א ליאגאווער" — דאָס איז איינער פון די שווערסטע און פערהאסטע פערברעכער אין'ם לעבען פון דער קרימינעלער קאטאָרגע. דער וואס איז איינמאָל אנ־ערקענט פאר אזעלכען, וועט זיך שוין פאר קיין פאל ניט ארויס־דרעהען פון דעם טויט. ניט די אדמיניסטראציע, ניט קיינע אנדע־רע מיטלען וועלען איהם שוין העלפען. אויב ניט אין דיעזען איז אין אן אנדער אָסטראָג, אָדער אויף דער פרייהייט, אָבער פריהער אָדער שפּעטער און מען וועט איהם אומברענגען.

מען שלאָגט, מען דערשטיקט און מען ערמארדעט אויך פאר ברעכען איינגעפיהרטע ארעסטאנטסקע מנהגים.

גנבה, צום ביישפּיעל, רעכענט זיך אין'ם קאטאָרזשנעם גע־מיינשאפטליכען לעבען פאר דער שענדליכסטער און ערגסטסטער טהאט. דעם וואס מען כאפּט ביי אזא טהאט, וועט זיך שוין ניט ארויסמאכען פון דער פערדיענטער שטראָף.

אין אמאָליגע צייטען, ווען די בעציהונגען צווישען די ארעס־

טאַנטען און דער אדמיניסטראַציע זיינען געווען העכסט פּאַטריאַר־כאַליש; ווען דער נאַטשאַלניק — „דער לייבליכער טאַטע" — פלעגט מיט די ארעסטאַנטען צוזאַמען שיכור'ן און שפּיעלען אין קאָרטען, האָבען זיך די ארעסטאַנטען־געזעצע אויך בעצויגען אויף די בעאַמטע. ניט איינער פון זיי איז בעשטראָפט געוואָרען. עס ווערט דערצעהלט, למשל, אז אין אָלגאַטשי האָט מען אריינגעוואַרפען דעם דאָרטיגען „נאַטשאַלניק" אין אַן אונגעהייער גרויסען קעסעל, אין וועלכען עס האָט זיך געקאָכט געקעכטס פאַר עטליכע הונדערט מענשען. מען פלעגט אויך אנווענדען אנדערע מיטלען אויף צו בע־שטראַפען די פאָרשטעהער פון'ם אָסטראָג.

זעהר אַן אנגעזעהענעם פּלאַץ פאַרנעהמט דאָס קאָרטען־שפּיעל אינ'ם קאָטאָרזשנעם לעבען. די פערשטיקטע ליידענשאַפטען פון די ארעסטאַנטען שפּיעלען זיך פונאַנדער אין דעם ליידענשאַפטליכען קארטען־שפּיעל. קארטען זיינען די הויפּט־טהעמא פון'ם טאָג פאַר'ן ארעסטאַנט און דעריין איז פעראינטערעסירט יעדער ארעסטאַנט. איבער קארטען ווערט פערגאָסען בלוט, ווערען בעגאַנגען מאָרדען און אַנדערע פערברעכענס. אינ'ם קאָרטען־שפּיעל ווערט פער־שפּיעלט אלעס וואס דער ארעסטאַנט בעזיצט נור: אי די „קאַזיאָנע" קליידער, אי זיין שפּייז, און צייטענווייז אפילו זיין אייגענער „איך" — זיין קערפּער. ווען דער ארעסטאַנט פערשפּיעלט שוין זיינע אלע זאַכען, זיינע קליידער און זיין געלעגער און בלייבט אַ נאַקע־טער, שטעלט ער דאַן אוועק אין קאָן זיין פּאָרציאָן ברויט און פליייש, פון וועלכע ער מוז זיך ענטזאַגען פאַר גאַנצע וואָכען און מאָנאַטען. און ווען דאס אלעס איז פערשפּיעלט, הויבט ער דאַן אָן צו שטעלען אין קאָן זיין אַרבייט; בעסער געזאָגט, ער פערפּליכטעט זיך צו טהאָן פערשיעדענע אַרבייטען פאַר דעם געווינער.

ווען עס פערבלייבט איהם שוין גאָרניט אויף וואס צו שפּיעלען, שטעלט ער אין קאָן אַ וואָנצע, אדער אַ ברעם און אזא איין־וואָנ־ציגער אָדער מיט איין ברעם ווערט פון אלעמען אויסגעלאַכט. די גאַנצע „קאָבילקא"*) איזדעקעוועט זיך איבער איהם; ער איז שוין הפקר פאַר אלעמען.

*) מיט דעם נאָמען „קאָבילקא" ווערט בעצייכענט די גאַנצע מאַסע אַרעסטאַנטען.

א חוץ דעם וואס אזא פארשפּיעלטען בלייבט צו ליידען הונ־גער, קעלט און אלערליי ערנידעריגונגען, דארף ער נאך אבגעבען דין וחשבון פאר די בעאמטע פון'ם אסטראג פאר זיינע מעשים. פאר פערשפּיעלען „קאזיאנע" זאכען בעשטראפט מען געוועהנליך מיט 25 אדער 50 שמיטץ. ווער רעדט שוין וועגען אזא שטראף ווי אריינזעצען אין קארצער. אזוינער איז גערען צו זיין דארט, ווייל דארט איז ער כאטש פערזארגט מיט ברויט אויף עטליכע טעג.

עס טרעפט אמאל, אז די גאנצע קאמער האט זיך פערשפּיעלט צו איינעם, וועלכער איז א זשעניע אין זיין פאך. אזא איינער פערנעהמט איינגאנצען דאס שפּייז און רייצט זיך אהן א פונק פון רחמנות מיט די הונגעריגע. אויב איהם געלינגט ניט אלעס צו פערקויפען, צואוואַרפט ער און צושליידערט דאס איבעריגע, פערניכ־טעט עס כדי צו טהאן בלויז אלעמען צו להכעים.

דאס שפּיעל ווערט קיינמאל ניט אונטערבראכען. ביי דער ארבייט, אין קיך, אויפ'ן שפּאציער, — אומעטום וואו נור עטליכע ארעסטאנטען קומען זיך צונויף, מאכט מען גלייך א קערטעל. אפילו ביי נאכט, נאך א טאג פון שווערער, קאטארזשנער ארבייט זעצט מען זיך נאך שפּיעלען.

די אלגעמיינע קרימינעלע קאמער

ווי נור עס ענדיגט זיך דאס געשריי פון'ם רעווידירען אין אבענד די ארעסטאנטען, ווי נור עס ווערען איינגעשטילט די לעצ־טע קלאנגען פון'ם פעררוקען די אייזערנע ריגלען און עס הערט זיך מעהר ניט דאס קלינגען פון די שליסלען, אזוי הויבט אן ארייננצור־טרעטען די נאכט־אטמאספערע מיט איהר געוועהנליכער שטימונג.

די קארטען־שפּיעלער צולעגען זיך אונטער די נארעס און א גאנצע מחנה נייגעריגע רינגלען זיי ארום. דער „סטרעמשטשיק" גיט אכטונג, אז דער אויפזעהער אין קארידאר זאל ניט בעמערקען, וואס אין קאמער טהוט זיך. ערגעץ אין א ווינקעל אויף די נארעס זעצט זיך אוועק דער „אייביגער מעשיות־דערצעהלער" און ציהט צו זיך צו זיינע בעשטענדיגע צוהערער.

אליין איז ער א הויכער, א געזונדער נפש, א שווארצער, מיט וואנצעס און מיט שווארצע, פעדערדיגע ברעמען אויף זיין פער־הארטשועטען, פערברוינטען פנים.

זיין קאריערע האט ער אנגעפאנגען, ווען ער איז נאך געווען א סאלדאט און איז עטליכע מאל אנטלאפען פון דיענסט. דערנאך איז איהם אויסגעקומען פאר פערשיעדענע פערברעכענס צו זיצען אין אסטראג, ביז וואנען מען האט איהם פעראורטהיילט אויף קא־טארגא, פון וואנען ער איז אויך אנטלאפען. „אלץ — דערצעהלט ער — האב איך געזעהן אויף מיין לעבען, אומעטום געוועזן, די גאנצענע וועלט דורכגעגאנגען און דעריבער, ברידער, זיינען מיינע מעשיות דער ריינער אמת".

און מיט דיעזע ווערטער האט ער אין פערלויף פון מאנאטען און יאהרען אנגעפאנגען זיינע אונענדליכע, פאנטאסטישע מעשיות, וועלכע זיינע צוהערער פלעגען אויסהערען מיט'ן שפאנענדסטען אינטערעס.

און עס איז געווען צו בעוואונדערען פון וואנען נעהמט זיך עס ביי איהם דער אונערשעפליכער מאטעריאל פאר זיינע שטענדיגע און אלע מאל פרישע ערצעהלונגען.

האט מען זיך אבער בעסער צוגעהערט צו איהם, האט מען באלד געקענט פערשטעהן, האס ווערענדיג אליין היגנעריסען און בעגייסטערט פלעגט ער זיינע פאנטאסטישע העלדען מיט זייערע פאסירונגען שעפען פון זיין רייכער פאנטאזיע, שאפענדיג אויף אזא אופן ערצעהלונגען.

אין'ם צווייטען ווינקעל זיצט א בעריהמטער גנב, וועלכער שפיעלט א בעדייטענדע ראלע אין אסטראג, און דערצעהלט וועגען זיינע לעבענס־פאסירונגען.

דאס איז א שלאנקער, ברייטפלייציגער און שעהנער ברונעט. די שווארצע באָרד, דער הויכער שטערען, מיט שעהנע געזיכט־ציגע מאכען זיין אויסזעהן זעהר צארט און עדעל. אין איהם שפיעג־לען זיך אב אלע שפורען פון אן אינטעליגענטען מענשען. ער שרייבט שעהן און קארעקט, און קענטיג, אז ער איז בעקאנט מיט דער רוסישער און אויסלענדישער ליטעראטור. איבערהויפט האט ער ליעב אבצולאכען און קריטיקירען די פאליטישע ארעסטאנטען.

איצט האָט ער פעראינטערעסירט זיינע צוהערער מיט ער־צעהלען ווי אזוי ער האָט אבגעטהון „מעשים“, ווי ער האָט אָבגעֿנאַרט און דורכגעפיהרט פּלענער, און אָט האָט ער זיך איצט אב־געשטעלט אויף איינצעלהייטען פון א געוויסער גרויסער גנבה.

וואָס פאַר קונצען און שווינדלערייען ער האָט עס אָבגעטהאָן! אָט איז איהם אויסגעקומען פארצושטעלען זיך פאַר א רייכען סוחר, אָט פאַר א פּאָליציי־בעאמטען און אָט גאָר פאַר א טיטולירטען אריסטאָקראַט. דערנאָך האָט ער געמאַכט אונטערגראָבונגען, פעל־שונגען און נאָך אנדערע פערשיעדענע כיטרע קונצען, ביז ער האָט עררייכט זיין ציעל.

און פערענדיגט האָט ער זיין ערצעהלונג דערמיט, דאָס איהם איז געלונגען די גנבה צו פערקויפען פאַר א גרויסע סומע געלד, וועלכע ער האָט אין דרעזעלבער נאַכט פערשווענדעט. און מיט א בעזונדער בעגייסטערונג פּלעגט ער נעהמען מאהלען אלע איינ־צעלהייטען פון יענער הוליאַנקע מיט די טהייערסטע סאָרטען ווינען, שעהנע פרויען א. ז. וו. א. ז. וו. די גאנצע בעגייסטערטע און גליקליכע „קאבילקא“ האָט איהם אויסגעהערט מיט בעגייסטע־רונג און מיט סלינע אויף די ליפּען.

ווען ער פּלעגט פארטיג ווערען מיט זיין ערצעהלונג פלעגט זיין פּלאַץ פארנעהמען זיין נאהענטער שכן, א בייזער, פינסטערער קאַטאָרזשניק.

זיין פּנים האָט אויסגעדריקט א בעהאַלטענעם, פערשטיקטען כעס, זיינע בייזע אויגען האָבען זיך בעהאַלטען טיעף אונטער'ן שטערען, ווי ער וואלט געטראַכט וועגען ענטשיידען א געוויסע געהיימנים. אליין א שווייגענדיגער און ניט בערעדזאמער, האָט איהם דאָך יעדער איינער געפיהלט לעבען זיך און מען פלעגט איהם אויסמיידען ווי א שרעקליכע געפאהר.

ניט קוקענדיג אויף קיינעם האָט ער אנגעהויבען זיין ער־צעהלונג און דערביי מאַכען חוזק פון'ם פריהעריגען ערצעהלער.

„קיין שמעק טאַבאַק זיינען ביי מיר ניט ווערטה אלע אייערע קונצען און נאַרערייען“ — זאָגט ער. — „גאַנצענע יאָהרען „ארבייט“ איהר, מאַכט א סך הוצאות און דערנאָך — גיב א קוק, ארייגגעכאַפּט זיך, „פערשאַטען“ זיך. און איך, ווי איהר זעהט,

יצחק פײגלמן

„ארבייט" שוין א ראנק גאָט א יאָהר צוואנציג און אין גאנצען זיץ איך ערשט דעם צווייטען מאָל. דו, בחור, ביזט נאָך גאָר יונג און שוין א צעהן מאָל אריינגעפאלען — הא? האָס איז דערפאר וואָס אונזערער א מענש בעגעהט זיך אָהן איבעריגע צערעמאָניעס. מאכט זיך א שטיקעלע „ארבייט", איז טהוסטו זיך, און גאָרנישט. שטעלט זיך דיר אומיצער אין וועג — א רייב אין זייט און א סוף! רחמנות האָבען אויף „זיי"? צו וואָס?

„אייך, עזלען, האָט מען דעם קאָפּ גענדארפט אראָבדרעהען! וואָס דארפט איהר אויף „זיי" רחמנות האָבען? זיי, די פּער־פלוכסטע, האָבען עפּעס א סך רחמנות אויף אייך? הא! אָט, כאָטש נעהמען מיין לעצטע שטיקעל ארבייט, א צופאל, הייכט עס, אזעלכער, וואָס גיט מיר נאָך עד היום ניט קיין רוה. אָט וועגען דעם וויל איך עס אייך טאקע דערצעהלען:

„מיר האָבען זיך אמאָל פערקליעבען אין איין הויז. ערשט עס הויבט זיך אויף א טומעל. נו האָבען מיר זיי אלעמען אָזועקגעשיקט צום רבונו של עולם. ס'הייסט, האָבען מיר געטראכט, דאָרט וועט זיי זיין א סך בעסער און מיר זיינען דא דערווייל זיכערער.

„א גאנצע הויזגעזינד איז עס געווען, ביי א זעקס אָדער זיבען מענשען. איך זעה אין א בעטעלע ליגט א קינד פון א יאָהר דריי אדער פיער, איך ווייס ניט צי א אינגעל צי א מיידעל. איך קום צו צו איהם, ער קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין. עפּעס אזוינע גרויסע, שווארצע אויגען און אזוי מאָדנע קוקען זיי. די האנד הויבט זיך ביי מיר ניט. שטעה איך און קוק אויב'עט. זיינע אויגען אזוינע טיעפע און וואונדערליכע האָבען זיך אין מיר ווי איינגעגעסען. אָט אזוי, ברידער, האָט עס גענומען א מינוט דריי. איך האָב זיך אזוש דערשראָקען, און א ציטער איז מיר אריבער איבער'ן לייב. מיט איין קלאַפּ האָב איך איהם פארטיג געמאכט.....

„יע, עפּעס האָט זיך יענע נאכט מעהר ניט געארבייט, קיין זאך איז ניט געגאנגען. און אָט איז שוין אזא צייט פון דאן אריבער און די דאזיגע אויגען קוקען נאָך אלץ אויף מיר. וואוהין איך זאָל זיך קעהרען, אומעדום, צי איך שלאָף, צי איך עס, צי איך אר־בייט — שטעהען די אויגען פאר מיר.

„אָט זיץ איך נאָר און דערצעהל אייך גאָר, דוכט זיך, גאָרנישט

אָבער זיי קוקען אַלץ אויף מיר.... טפפו! דער טייוועל זאָל עס נעהמען!"

אנטקעגען אין א ווינקעל ליגט דער אַלטער „איוואַן", בעזווי־פען מיט מאָרפיום, און הערט ניט אויף צו בורטשען, צו זידלען זיך און צו שעלטען. און ער געברויכט דערביי א בעזונדער שמוציגע, קונציג־עקעלהאפטע זידעל־שפּראַך:

„ווי צולאָזען עס איז דאָס איצט די „שפּאַנקע" געוואָרען — זידעלט ער זיך — יעדער „זשלאָב", יעדער „זשיגאַן", יעדער סאָלדאַט קריכט וואוהין מען דאַרף ניט. אַט אזא נבלה פלעגט זיך ביי אונז וואַלגערען אונטער די נאַרעס און איצט מאכט ער זיך גאָר פאַן אַן אמת'ן אַרעסטאַנט".

און האָ דערמאהנט זיך איוואַן אויף זיין אַמאָליגער גדולה, אויף די אַלטע אַרעסטאַנטסקע מנהגים, ווי אַלעס האָט זיך געפיהרט ווי עס דאַרף צו זיין, ווי עס פּאַסט זיך באמת פאַר אַרעסטאַנטען, ווי יעדער האָט געוואוסט זיין פּלאַץ א. ז. וו.

אַלס אַן ענטפער אויף זיינע קלאָג־רייד הויבען זיך פון אַלע זייטען אויף אַלערליי משונה'דיגע קולות פון חזרים, פון בהמות און פון הינד. דאָס גיט מען אָנצוהערעניש וועגען זיינע ליעבעס־געפיהלען צו חיות.... אָבער דאָס מאַכט איהם נאָך ווילדער און ער הויבט זיך אָן נאָך שטאַרקער צו זידלען.

לעבען דער „פּאַראַשאַ" זיצט א דאַרער דערשלאָגענער פויער און בעקלאַגט זיך שוין אפשר דעם הונדערטען מאָל פאַר זיין פריינד, אַז מען האָט איהם אומזיסט פער'משפט און אַז ער איז אין דער צייט פון'ם מאָרד אפילו אין דאָרף ניט געוועזען, דער או־ריאַדניק איז אויף איהם געוועזען אין כעס א. ז. וו.

אין דעם זעלבען קאַמער זיצען מיר פיער פּאָליטישע; איינער איז א פּאָליאַק, א פּ־ס., אַן איינפאַכער, האָרעפּאַסנער אונגעהוי־בעלטער אַרבייטער. ער שטרעבט נור צו איין זאַך, צו בילדונג, און זיין גאַנצע פרייע צייט זיצט ער איבער זיינע לעהר־ביכלעך.

דער צווייטער איז א לאַטיש; נאָך א נאָר יונגער בחור. ער איז א געוועזענער סאָציאַל־דעמאָקראַט און איז איצט שטאַרק ענטטוישט אין'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל. א פערשלאָסענער און

צוריקגעהאלטענער, — זעהט זיך אָבער ארויס זיין ניט געקינצעלטע אָריגינאליטעט.

ניט אַכטענדיג אויף זיין הארטען און קאלטען כאראקטער און אויף זיין בעשטענדיגען אָבלאַכען פון זיינע חברים, די סאָציאַליסטען, ציהט ער אָבער צו צו זיך און רופט ארויס ליעבע און צוגעבונדענקייט צו זיך. מען זעהט איהם אלע מאל א צונויפגעדרעהטען אויף זיין געלעגער, וואו ער האלט נור אין שרייבען און פערצייכענען.... אלעמענס מיה אויסצוגעפינען וואס דיזע געהיימניספולע צעטעלאך ענטהאלטען אין זיך, איז געווען ארויסגעווארפען. זיי פלעגען נור צופלאקערען אונזער נייגעריגקייט.

דער דריטער איז א רוסישער ארבייטער, א סאָציאל־דעמאָקראט, וועלכער איז גע'משפט געווען פאר א פערברעכען, וואָס ער איז גאָר ניט בעגאנגען. ער האָט זיך איינגעפונען אין א הויז מיט אנדערע מענשען, וועלכע האָבען געמאכט אן עקספראפריאציע, און דערפאר האָט מען איהם פעראורטיילט. ער בעקלאגט זיך קיינמאָל ניט אויף זיין ניט פערדיענטער שטראָף און קיינמאָל הערט מען איהם ניט דערמאָנען די נעמען פון די אמת'ע שולדיגע. ער איז נאאיוו, אויפריכטיג און מען זעהט אין איהם אלע צייכענס פון'ם רוסישען פויער. ער ליידעט פון איין זאך, און דאָס איז „אגיטאציע". פאר יעדען אגיטירט ער, ארגומענטירט און גיט צו „פערשטעהן" א. ז. וו.

דער פערטער בין איך.

די אבענדען פלעגען מיר פערברענגען פערשיעדען. אמאָל פלעגען מיר זיצען און שפיעלען אין שאך (די נויטיגע פיגורען וועררען געמאכט פון ברויט). אָפטמאָל פלעגען מיר זיך גאָרניט צונויפקומען; יעדער זיצט זיך פאר זיך און איז פערנומען מיט זיך אליין. געוועהנליך אבער פאסירט דאָס אזוי: מיר טרינקען טהעע און שמועסען זיך וועגען מערקווירדיגע צופעלע פון'ם קאטאָרזשנעם לעבען. עס הויבט זיך אן א פערשיעדענהייט אין מיינונגען, א שטימעל האמפעריי און אונבעמערקטערהייט געהט מען אריבער צו דער פערשיעדענהייט אין אונזערע אידעען. און ווידער, אפשר דעם טויזענדען מאָל, ווידערהאָלען זיך און ווערען איבערגעקייט די אלגעמיינע ווערטער און פראזען. איך פערטיידיג מיינע אנארכיסטישע

פרינציפען, דער ס. ר. — זיינע; דער ס. ד. — זיינע. דער לעצטער, א פעסימיסט און סקעפטיק, מאכט אביסעל חוזק און דערווייזט די צוועקלאָזיגקייט פון די אלע טהעאָריעס.

די דעבאטען אונזערע ווערען דערווייל אזוי היציג, אז מען פערגעסט זיך אין יענעם מאָמענט וואו דאָס קומט פאָר, און נור דאן, ווען מיר הויבען אָן דערפיהלען די שטעכווערטלאך פון די איבעריגע ארעסטאנטען אויף אונזער חשבון, הערען מיר אויף זיך צו האמפערען.

מיט א דערשלאָגענעם געמיטה צוגעהען מיר זיך אויף אונזערע ערטער. דער פאָליאק, ווי דער שטייגער איז, כאפט זיך באלד פאר זיינע לעהר־ביכלעך; דער יונגער סקעפטיק נעהמט זיך שרייבען זיינע געהיימניספולע צעטעלאך; דער דריטער זעצט זיך אוועק לעבען זיין שכן און הויבט באלד אָן מאכען „ערקלעהרונגען“.

אונטער׳ן פרישען איינדרוק פון דעם ויכוח טרעט איך צו צו מיין געלעגער, זוכענדיג נאך אלץ ארגומענטען פאר מיינע געגנער. אָבער ווי נור איך בלייב אליין מיט מיינע רעיונות, פיהל איך אז איך בין ניט אימשטאנד אָבצוגעבען זיך מיט אזוינע געדאנקען, וואָס טראָגען אָן אלגעמיינעם כאראקטער. זיי הויבען זיך אָן צו פער־בייטען אויף די שטענדיגע הארציגע טרוימערייען, וועלכע גיבען מיר צו ערמוטיגונג און טרויסט. — איין געדאנק, דער געדאנק וועגען אנטלויפען, האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו פערוואנדלען אין א ווירקליכקייט און עס שטעלט זיך שוין פאָר ווי עס זיינען שוין געמאכט געווארען פראקטישע שריט פאר דער פערווירקליכונג פון׳ם נעפלאנטען אנטלויפען.

אין מיין פאָרשטעלונג געהט דורך אין גאנצען דער פראָצעס פון מיין אנטלויפען, וועלכער איז געקרוינט מיט ערפאָלג און ברענגט מיך אין דער ליכטיגער מלוכה פון פרייהייט. אין דער־זעלבער צייט לעב איך איבער די אלע שרעקען און געפאהרען וואס איז מיט דעם פערבונדען, ווי אויך דאָס גליק פון דער עררייכטער פרייהייט.

די אומגעבונג רייסט מיך אבער באלד אָב פון מיינע שעהנע חלומות... אונטער די נארעס איז די קאָרטען־שפיעל דערווייל אָנגעגאנגען און דערגרייכט צו דער העכסטער ליידענשאפט. די

אויפרעגונג פון די שפּיעלער איז שוין דערגאנגגען ביז'ן לעצטען גרענעץ; אָט אָט און עס וועט זיך ענדיגען מיט דער געוועהנליכער קאטאסטראפע: ווי ווילדע חיות, מיט צוקרימטע און ליידענ־שאפטליכע געזיכטער, מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען, מיט בליצענדע, בייזע אויגען — האָס אלעס זאגט פאראויס א גיכע ענדע צום שפּיעל.

דער פערשפּיעלטער ארעסטאנט, א האלב נאקעטער און א בענאסענער מיט שוויים, שטעהט א צורייצטער, א ווילדער און זי־דעלט זיך אויף אן עקעלהאפטען אופן. זיינע קללות זיינען משונה׳־דיג־מאָדנע. און זידלען זידעלט ער אלעמען: גאָט, דעם קיסר, דעם גלויבען, דאָס געזעץ און עפּעס דארט א „היילינגען“, א. ז. וו. און ניט בעפריעדיגענדיג זיך דערמיט ווארפט ער זיך אויף זיין געגנער אום כאָטש דערמיט אביסעל שטילען זיין אויפגעקאכטע רציחה. יענער שטעלט איהם אָבער באלד אָב ארויסכאפענדיג געגען איהם א לאנגען בלאנקען מעסער. די „קאָבילקא“ דערשרעקט זיך באלד, טאָמער וועט די גאנצע קאמער דערפון ליידען, מישט זי זיך אריין און דערלאזט ניט צו בלוטפערגיסונג.

דערמיט ענדיגט זיך דאָס שפּיעל און אלע הויבען זיך אן צו צולייגען שלאָפען.

שפּעט אין דער נאכט, ווען די גאנצע קאמער איז פערזונקען אין א שווערען שלאָף, דערהערט זיך פלוצלינג א שטארקע שיסעריי פון ביקסען. אלע כאפּען זיך מיט אמאָל אויף, אָבער קיינער הויבט זיך ניט אויף פון זיין אָרט, קיינער דריקט ניט אויס זיין פּחד, קיינער זאָגט ניט ארויס א וואָרט, — מען ליגט ווי געווען.

ניטאָ וואו צו געפינען קיין רעטונג, ניטאָ ביי וועמען צו זוכען הילף. יעדער איינער רוקט זיך טיעפער ארונטער אונטער'ן קאָלדרע און ווארט וואָס עס וועט זיין זיין גורל. און אין קאמער איבער די קעפּ פייפען די קוילען און עס דוכט זיך, אז אָט אָט און זיי וועלען אריינפליהען אין דיר....

אזוי געהט דורך א היבשע צייט פון פיינליכער און טויטליכער ערוואַרטונג.

די שיסעריי הערט אויף. פון דרויסען דערטראגען זיך עפּעס

מאָדנע קלאַנגען, א פייפעריי, א געלאַף, הויכע געשרייען. און באַלד ווערט אלעם צוריק שטיל.

אין קאמער איז שטיל; קיין גערויש, קיין בעוועגונג. יעדער איינער האָט שוין פאר זיך ערקלעהרט די פּלוצליגע פּאסירונג: אָדער מען האָט ענטדעקט דאס אנטלויפען פון וועמען עס איז, אדער ווער עס איז האָט נארישערהייט א קוק געטהאָן אין פענסטעריל, אָדער גיכער פון אלץ, ווי עס טרעפט גאנץ אָפט, האָט דער וואָס שטעהט אויף קאראאול אָנגענומען דעם שאָטען פון וועמען ניט איז פאר אַן ארעסטאנט, וואס קלויבט זיך אנטלויפען, און האָט דריבער אָנגעהויבען צו שיסען אין יענער ריכטונג.

דאָס איז דאָך אזוי געוועהנליך, אז די אויפגעוועקטע ארעס־טאנטען דארפען זיך גאָרנישט וואונדערען. און אויב ווער עס איז ווערט איבערראַשט, איז עס צוליעב דעם, וואס די געפאהר איז אריבער און ער איז פערבליעבען לעבען אום אויפ'ן צווייטען טאָג פיליכט ווייטער צו זיין אונטערוואָרפען דערזעלבער טויטליכער שרעק.

פארטאָג רייסען זיך ארויין די בעאמטע צו מאַכען די „פּאָווערקא“. יעדער איינער פון די אויפזעהער האָט שוין זיינע מיטלען ווי פונאנדערוועקען די פערשלאָפענע ארעסטאנטען. איי־נער שלעפּט פון זיי אראָב זייערע קאלדרעס, אַן אנדערער שלעפּט דעם שלאָפענדיגען פאר די פיס, א דריטער פּאַרקעט מיט'ן זעבעל איבער'ן קערפּער און דערביי מאַכט ער אלערליי שענדליכע בע־מערקונגען. ווען די פערשלאָפענע און האלב־נאַקעטע קאטאָרזשניקעס זיינען שוין אויסגעשטעלט, פאנגט מען זיי אָן איבערצעהלען.

און דאָ אויפ'ן שטעל טיילט אוים דער עלטסטער די פער־שיעדענע ארבייט פאר'ן טאָג. פריהער פון אלעם קומט די ווירט־שאפטליכע ארבייט פון'ם אָסטראָג, ווי פיהרען האָלץ, וואסער, מעהל א. ז. וו. מען שפּאנט זיך איין אין וועגלאך און מען שלעפּט אויף זיך דאָס וואסער פון א ברונען, וואָס געפינט זיך אין דאָרף, — די האָלץ פון'ם געהילץ־שפּייכלער. זומער ארבייט מען אין די גערטנער און ווינטער רייניגט מען דעם שנעע אינ'ם אָסטראָג, לעבען די הייזער פון די בעאמטע, און מען ארבייט אין די מינען.

ווען די נויטיגע צאהל ארעסטאנטען פאר דער ווירטשאפט־

ליכער ארבייט איז שוין אויסגעקליעבען, הויבט מען אָן ארויס־שיקען די איבעריגע צו טהאָן אזוינע ארבייטען, וועלכע זיינען אָהן נוצען און אָהן א צוועק, נור לויט דער מיינונג פון דער אדמי־ניסטראציע מוז מען דערמיט בעשעפטיגען די ארעסטאנטען, כדי צו מאכען זיי פאר בעסערע מענשען. דיזע גוט־טהוענדע ארבייט בעשטעהט אין איבערטראָגען שטיינער פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, אָדער אויסגראָבען גריבער און צוריק זיי באלד פערשיטען, אויסגלייכען בערגלעך א. ז. וו.

עס ווערט געטהאָן ארבייט אויך אין די גאָלד־גרובען פון „זיין מאיעסטעט"; אהין אָבער ווערען פּאָליטישע און אידען נים צוגעלאזען, ווייל פון דאָרט איז זעהר לייכט צו אנטלויפען.

איך וויל זיך ניט ערלויבען דא צו שילדערען די פּסיכאָלאָגיע פון די טיפּישע קרימינעלע קאטאָרזשניקעס, אבוואָהל איך האָב זיי בעאָבאכטעט; איך ערלויב זיך דאס ניט צו טהון כדי עס זאל ניט אויסקומען א מין פּראָפּאגירונג פון יענע געניאלע שילדערונגען, וועלכע עס האָבען אונז געליפערט אזעלכע אונשטערבליכע שריפט־שטעלער ווי דאסטאָיעווסקי, מעלשין און די טאלאנטפולע בעשריי־בונגען פון דאָראשעוויטש. די טיפּען, וועלכע זיינען ארויסגעבראכט געוואָרען אין זייערע ווערק, געפינען זיך נאָך אָהן צווייפעל עד היום, נור זיי ווערען בטול אין דער אונגעהייערער צאָהל פון דער קאטאָרזשנער מאסע, וועלכע איז גאנץ פערשיעדענארטיג אין איהר צונויפשטעלונג אין אין איהר כאראקטער.

צוזאמען מיט די פערצייכענטע פּאָליטישע און קרימינעלע טיפּען, די בעוואוסטזיניגע, אזוי צו זאָגען, און פּראָפּעסיאָנעלע „פערברעכער", געפינט זיך אין דער געגענווערטיגער קאטאָרגע דער גרעסטער פּראָצענט אזעלכע יאקבי שולדיגע, וואָס זיינען גאָר אפילו פונ'ם שטאנדפּונקט פון די הערשענדע אָנשויאונגען קיין פער־ברעכער ניט.

גרעסטענטייל זיינען עס אזעלכע, וואָס זיינען צופעליג אהער אריינגעפאלען און מען קען זיכער בעהויפּטען, אז ווען מען זאָל נור צופענען די טיהרען פונ'ם אָסטראָג, וועט זיך א גרויסע טייל פון זיי באלד נעהמען פאר זייער געוועהנליכער ארבייט: ווער אין זיין ווערקשטאט, און ווער ביים אקער־אייזען ביי זיך אין האָרף.

נור ווען זיי פערבלייבען אין דער סביבה פון יענע פראפעסיאנעלע פערדארבענע פערברעכער מוזען זיי ניט ווילענדיג אונטערפאלען אונטער זייער איינפלוס.

איבערהויפט נאך, ווען דער קאטארזשניק ווערט פערשיקט אין א ווילדער געגענד אין סיביר, ניט בעזארגט מיט מיטלען און אהן שום מעגליכקייט צו פערדינען עפעס דורך עהרליכער פראצע, מוז ער זיין געצוואונגען ארייןצולאזען זיך אין גנבה און רויב; ער מוז דאך ווי עס איז דערהאלטען זיין לעבען. אויף אזא'ן אופן קומט אויס, אז דער גאנצער סיסטעם פון קאטארגע איז נור געגרינדעט צו־ליעב דעם צוועק צו שאפען נייע פערברעכער.

קאטארזשנע משפטים איבער פאליטישע ארעסטאנטען

פאלגענדער פאקט וועט דיענען אלס א ביישפיעל, ווי עס קומט אפט אויס, אז דער פאליטישער ארעסטאנט, געפינענדיג זיך אין דער געזעלשאפט פון קרימינעלע, איז געצוואונגען אויפצונעהמען זייער מאראל און זייערע מנהגים.

אין דיעזען פאל איז דאס ניט יענע געוועהנליכע ווירקונג פון דעם קרייז, אין וועלכע דער מענש געפינט זיך, אדער די נאטירליכע אנפאסונג צו דער סביבה, וואס דאס איז די אייגענשאפט פון דער מענשליכער נאטור, ניין — דאס איז אזא צושטאנד, אין וועל־כען גאנץ בעוואוסטזיניג, מיט'ן אייגענעם ווילען קומט אויס צו האנדלען אקוראט געגען די אייגענע פרינציפען און מאראל. איך וואלט עס פערגליכען מיט יענער לאגע, ווען א מענש זאל זיין געצוואונגען אנשפייען זיך אליין אין פנים אריין.

געטראפען האט עס נאטירליך דאן, ווען איך צוזאמען מיט איי־ניגע אנדערע חברים, האב זיך איינגעפונען אין דער אלגעמיינער קאמער מיט די קרימינעלע ארעסטאנטען. אונזערע מיטוואוינער האבען עפעס געפראוועט א סעודה (און „פירושקעס" פלעגט מען מאכען יעדעס מאל, ווען נור עס איז געלונגען צו בעקומען בראנ־פען). צו דער שמחה האט מען איינגעלאדען געסט אויך פון אנ־דערע קאמערעס, וועלכע האבען זיך שוין אן עצה געגעבען, ווי ארייןצוקומען אהער.

יצחק פייגלמאן

עס האָט זיך צואוויקעלט דאָס בעקאנטע בילד פון א קאַטאָרזשנער הוליאנקע. אין אנפאנג, פיהלענדיג דעם תענוג וואָס מען וועט האָבען, זיינען אלע בעגייסטערט און מען דריקט איינער פאר׳ן צווייטען אויס ליעבעס־געפיהלען און איבערגעבענהייט. און ענדיגען ענדיגט עס זיך מיט קריעגערייען, געשלעגערייען, און אָפטמאָל מיט א מאָרד.

וואָס מעהר די וואָס בעטייליגען זיך אין דער „הוליאנקע“ ווערען שיכור, אלס מעהר צייגען זיך ארויס זייערע אמת׳ע נאטורען. עס ווערט ארויסגעזאגט אלץ, וואָס מען האלט געוועהנליכערהייט בסוד. עס צועפענען זיך פערשיעדענע געהיימע פלענער און סעקרעטען און עס ווערען אויסגעדריקט די בעהאלטענסטע געדאנקען. מען הויבט זיך אָן דערמאנען חטאים; מען קראַצט אויס א בעשולדיגונג געגען דעם אדער יענעם; מען נעהמט זיך פאר אלטע חשבונות און מען זוכט אבצורעכענען זיך איינער מיט׳ן אנדערען פאר אלטע קריוודעס. דער רעזולטאט פון דעם אלעם קאָן מען זיך פאָרשטעלען.

דעם מאָל זיינען מיר, פאָליטישע, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דערזעלבער קאמער, געוועזען די טהעמא פון זייער שיכור׳ער אָפענהערציגקייט.

צום אלעם ערשטען האָבען זיי זיך גענומען וויצלען איבער אונז. באלד איז עס אריבער אין זידלעריי, און נאָכדעם האָבען זיי זיך איינפאך גענומען איזדעקעווען איבער אונז. איבערהויפט האָבען זיי זיך פערנומען מיט מיר, דערפאר מסתמא, וואָס צווישען אלע פאָליטישע בין איך געוועזען דער איינציגער איד, ווארום מען האָט ניט וועניג וועגען דעם גערעדט. דערצו איז נאך צוגעקומען דער פאקט, וואָס איך בין געוועזען א שרייבער אין קאַנצעלאריע.

איך האָב זיך ניט געקענט צוריקהאלטען און געפאָדערט, אז זיי זאָלען אונז לאָזען צו־רוה.

זיי, ווי עס ווייזט אויס, האָבען אויף דעם נור געוואַרט. און באלד האָט איינער פון זיי דראָהענד אויסגעשריען:

„וואָס מיינסטו „זשיד“, וועסט דערצעהלען דעם נאטשאלניק?“

ווען ער וואָלט זיך נור בענוגענט מיט׳ן וואָרט „זשיד“, איז ווי

שטארק דאָס וואָלט מיך ניט בעליידיגט, ווי דאָס וואָלט ניט ווען געטהאָן, וואָלט דאָס אָבער נאָר אָנגעריהרט מיינע פריוואטע פערזענליכע אינטערעסען, אדער טיפער גערעדט, מיינע נאציאָנאלע אינטערעסען. איך וואָלט דאן פערשוויגען און וואָלט מיט זיי ניט געוואָלט פערפיהרען קיין עסקים. ווען אָבער דערביי איז דערמאנט געוואָרען דער נאָמען פון „נאטשאלסטוואָ", בין איך דערמיט שוין געוואָרען בעליידיגט און בעשולדיגט ווי אַן ארעסטאנט. דאָס האָט שוין אָנגעריהרט די אינטערעסען פון דער גאנצער „קאטאָרזשנער געזעלשאפט", און דעריבער האָט עס ניט געקענט פערשוויגען ווערען. איך האָב געפאָדערט אַן ערקלעהרונג און אלס אַן ענטפער האָט מיר יענער דערלאַנגט א קלאַפּ...

דאָס האָט געהייסען, אז די לעצטע גרעניץ פון דער עהרע פון אַן ארעסטאנט איז געווען איבערטראָטען און איז איצט בעפלעקט געוואָרען דורך דיזען אקט.

קיין בעזונדערס איז פערשטעהט זיך ניטא אין דעם, וואָס ארעסטאנטען רייסען זיך צווישען זיך. דאס איז אַן אָפטע ער־שיינונג, און מען שלאָגט זיך איבער פערשיעדענע וויכטיגע און אונוויכטיגע אנגעלעגענהייטען. נור אָבער ווען ער האָט מיך א זעץ געטהאָן אין פערבינדונג מיט אזא בעשולדיגונג, האָט עס שוין אָנגע־נומען א גאַנץ בעזונדערען, אויסשליסליכען כאראקטער. מיט'ן קלאַפּ איז די בעשולדיגונג ווי פעסטגעשטעלט און דערוויזען גע־וואָרען.

איך האָב אויפ'ן פלאַץ אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז דאָס איינציגע וואָס קען ראטעווען מיין עהרע פון אַן ארעסטאנט, איז צו געבען איהם א קלאַפּ צוריק. מיט דיזען בעשלוס האָב איך זיך א וואָרף געגעבען אויף מיין געגנער. באַלד האָבען זיך זיינע שנאַפּס־חברים אויפגעהויבען צו פערטיידיגען איהם. איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו ערפילען מיין וואונש, ווי איך בין שוין אבגעשליידערט געוואָרען פון איהם דורך פיעלע פויסטען און קלעפּ....

ווען איך האָב זיך ארומגעקוקט, האָבען מעסערס גענומען בלאַנ־קען פאר מיינע אויגען און איבער'ן קאָפּ האָבען געשוועבט שווערע שטיקער אייזען און אַנדערע כלי־זין. דיזעלבע ארעסטאנטען, וועלכע

האָבען זיך אימער צו מיר בעצויגען מיט אַזאַ עהרע און רעספּעקט, און מיט וועלכע איך בין שטענדיג געווען אין פריינדליכע בעציהונ־גען, זיינען איצט געווען פאַרטיג צו ערמאָרדען מיך, צו צורייסען מיך.

מעגליך, אַז זיי וואָלטען מיך דער׳הרג׳עט, ווען מיין חבר וואָלט מיך מיט גוואַלד ניט אַרויסגעריסען פון זייערע הענד.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב זיך געפונען אין זעהר אַ פּיינליכער און געפעהרליכער לאַגע.

„וואָס זאָל איך טהאָן? ווי זאָל איך האַנדלען?" — האָב איך געטראַכט, און מיין האַרץ איז צוריסען געוואָרען פון גייסטיגע יסורים. די גאַנצע טורמע, די „קאַבילקא", האָט דערוויל געליאַרעמט און געפּילדערט. דיזע פּאַסירונג איז נאָך בעזונדער געווען אינטערע־סאַנט און בעדייטענד, ווייל דאָס האָט נאָך געטראָפען מיט אַ פּאָלי־טישען. דערפאַר האָבען אַלע מיט אונגעדולד געוואַרט און געקוקט ביט וואָס דיזע ערנסטע זאַך וועט זיך ענדיגען.

געוועהנליך, ווען אַן אַרעסטאַנט ווערט בעשולדיגט אָדער פער־דעכטיגט אין „אַרעסטאַנטישע אונעהרליכקייט", ווערט עס באַלד בעוואוסט פאַר דער גאַנצער „געזעלשאַפט" — אַזאַ פראַגע ריהרט אָן יעדען איינעם.

אין דיזען פאַל איז געוועהנליך אַזאַ פראַגע ניט געווען. אַלע אַרעסטאַנטען, ווי אויך די וואָס האָבען אליין פערפיהרט דעם קריעג, האָבען פערשטאַנען, אַז די בעשולדיגונג איז אַ גרונדלאָזע און זאָ־גאַר פערברעכערישע פון זייער זייט. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז מיין שיכור׳ער בעליידיגער האָט נור אַרויסגעוויזען זיין כעס, זיין שנאה צו אַ פּאָליטישען „זשיד". דערצו האָט איהם נאָך ערמוטהיגט דער פאַקט, וואָס איך בין אַ שרייבער אין קאַנצעלאַריע.

דעריבער האָט זיך די „קאָבילקע" ניט אַריינגעמישט און האָט ווי איבערגעגעבען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט אין אונזערע אייגענע הענד, אויף אונזער פּערזענליכע פעראַנטוואָרטליכקייט. צו דער־זעלבער צייט האָבען זיי אָבער מיט גרויס נייגיריגקייט און אינטער־רעס אַכטונג געגעבען, אַז עס זאָל אָבגעהיט ווערען זייער „קאַטאָר־זשנע מאָראל".

אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער דורך דיזען צופאַל בין איך געוואָרען

בערויבט פון די רעכטע פון א ווירדיגען און געעהרטען ארעסטאנט. און ווער איז צו יענעם ארעסטאנט, וואס איז ניט אימשטאנד הערצושטעלען זיינע רעכטע און פערטיידיגען זיי.

אָבער ווי מאכט מען עס? דאָ העלפט ניט קיין לאָגיק, קיינע ערקלערונגען און קיינע ארגומענטען. לויט דער אָנגענומענער ארעסטאנטישער מאָראל האָב איך נור געקענט הערשטעלען מיין עהרע בלויז מיט דער הילף פון מיין פויסט...

דער ארעסטאנט, וועלכער האָט מיך בעליידיגט, האָט זיך איינגעפונען אין אן אנדער קאמער און מיין אויפגאבע איז געווען, אז איך זאָל איהם אָבווארטען און דערלאנגען איהם א קלאפּ, אָדער איינפאַך זיך צושלאָגען מיט איהם.

וואָס פאר א ווילדע, משוגע'נע פאָדערונג פון א ווילדער, בארבארישער מאָראל! און וואס פאר אן אונזיניגע, שענדליכע פערספּעקטיווע! געהן שלאָגען זיך, אז מען זאל מיך נאָך אפשר דער'הרג'ענען! צו שטארבען מיט אזא נארישען, ניט פערדיענטען און שענדליכען טויט!

און אויב עס געלינגט ניט צו בעהאלטען דאָס פון דער טורמע־אדמיניסטראציע, דאן בין איך נאָך אונטערוואָרפען צו קערפּערליכע בעשטראפונג, דערפאר וואס איך האָב פערפיהרט א געשלעג און געבראָכען די דיסציפּלין פון'ם אָסטראָג.

איך האָב דערפיהלט, אז איך געפין זיך אויף אן אראָב־בארג צו א תהום, און אז איין מאָל בין איך שוין אויף אזא געפעהרליכען פּונקט, וועל איך שוין מוזען קייקלען זיך ביז'ן סאַמע סוף.

עס זיינען אוועק טעג און נעכט און צו מיינע יסורים איז קיין גרעניץ ניט געווען. וואָס ווייטער האָט אלץ מעהר און שטרענגער דער „גאָט“ פון קאטאָרגא געפאָדערט פון מיר זיין קרבן.

זייענדיג געשטויסען פון דיזען „גאָט“ און פון יענעם אלגעמיינעם געזעץ: „אז דו וואוינסט צווישען ווילדע, מוזטו אליין אויך זיין א ווילדער“, האָב איך אויסגעפיהרט מיין מיסיאָן. און ערפילט האָב איך עס אזוי, אז ניט מיין געגנער, נור איך בין געוואָרען צושלאָגען. אָבער דער פאקט, אז איך האָב ריזיקירט מיט מיין בלוט און אז מיט מיין קולאק האָט איך געוואָלט פערטהיידיגען מיין ארעסטאנטסקע עהרע, האָט דיעזע עהרע מיינע הערגעשטעלט.

איך וויל דא דערצעהלען וועגען נאָך א געוויסען פאל, וואס האָט פאסירט מיט מיר אלס פּאָליטישער קאטאָרזשניק.

אין זיינע עראינערונגען „פון דער נאָהענטער פערגאנגענהייט" האָט שוין גערשוני אנגעמערקט דעם פאקט, אז צו פערדאנקען דער איינגענאָרטיגקייט פון'ם קאטאָרזשנעם לעבען, ווערען אָן די ארעס־טאנטען גאנץ אָפט זייער ערענסטקייט. זיי ווערען אזוי קליינליך, אז די קלענסטע און אונבעדייטענדסטע זאך אין'ם טורמע־לעבען רופט פון זייער זייט ארויס א געוואלדיגען אינטערעס. זאכען, אויף וועלכע קיינער וואָלט גאָר געוועהנליך קיין אויפמערקזאמקייט ניט גע־שאָנקען, פערנעהמען א וויכטיגען פּלאַץ אינ'ם לעבען פונ'ם גע־פאנגענעם.

און איינע פון אזעלכע קלייניגקייטען האָט זיך שיער פאר מיר ניט געענדיגט זעהר טרויעריג.

מען האָט ארויסגעגעבען פאר די ארעסטאנטען בלוזעס. ווי געוועהנליך, זיינען זיי פון א דונקעל־גרויען קאָליר. דעם מאָל זיינען אָבער צווישען זיי געווען עטליכע פון א ליכטיג־בלאָהען קאָליר, וועלכע זיינען געווען עהנליך צו דעם קאָליר פון גימנאזיסטען־צייג. צופעליג איז אָט אזא בלוזע אריינגעפאלען צו מיר.

אין די קאטאָרזשנע אָסטראָגען איז אנגענומען, אז מען נעהמט גאנץ אָפט איבער אזעלכע בלוזעס אין קורצע רעקלאָך, אזוי ווי פרייע מענשען טראגען. דאָס איז, זעלבסטפערשטענדליך, ריזיקא־ליש, נור אין שטילע, רוהיגע צייטען קוקט די אדמיניסטראציע אויף אזא זאך דורך די פינגער און די ארעסטאנטען פראנטעווען זיך רוהיג אין זייערע רעקלאָך.

אזוי ווי איך האָב בעקומען א בלוזע פון אן אויסערגעוועהנלי־כען קאָליר, האָט עס מיך גענומען רייצען צו איבערמאכען איהר אין א פּאָרמענעם רעקעל. איבערהויפּט נאָך, ווען דאס איז געווען ערב מיין אנטלויפען און איך האָב גערעכענט, אז דאס וועט מיר צונוץ קומען, הגם אום צו אנטלויפען פאדערען זיך גאָר ציווילנע קליידער.

אום אָבער ניט צו בלייבען אין גאנצען אָהן אַ בלוזע, האָב איך זיך בעזאָרגט מיט אן אנדערע, וועלכע איך האָב געקויפט ביי אן ארעסטאנט. „איך וועל דאָך מיט דעם", האָב איך געטראכט, „ניט שטערען דעם גאנג פונ'ם קאטאָרזשנעם לעבען ; קויפען און פערקוי־

פען „קאזיאַנע“ זאכען געהט דאָך שטענדיג אָן און וועט אַלע מאָל אנגעהן“. און אזוי, פערזיכערענדיג זיך פון יעדער מעגליכער גע־פאהר, בין איך געווען גאנץ רוהיג. דארף זיך אָבער צום אונגליק טרעפען א שטרענגע רעוויזיע און מען כאפּט זיך, אז יענער ארעס־טאנט האָט ניט קיין בלוזע.

אויפ׳ן שטרענגען פערהער האָט יענער, פערשטעהט זיך, באַלד געבראָכען דעם מנהג ניט צו מסר׳ן און האָט דערצעהלט, אז זיין בלוזע האָט ער מיר פערקויפט. די בעאמטע האָבען זיך געלאזען צו מיר און מען האָט אונז געפאקט סאמע אין דער צייט, ווען מיין חבר האָט אנגענעהט מיין נאמען אויף דער בלוזע. מען האָט די בלוזע, ווי עס פיהרט זיך, באַלד צוגענומען ביי מיר און מיינע האָט מען שוין געפונען א צושניטענע פאר א רעקעל.

עס האָט זיך אנגעהויבען א פערהער מיט פראַגען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און מען האָט מיך אויפגעפאדערט זיך מעלדען פאר׳ן נאטשאלניק.

פאר אזא פערברעכען בעשטראפט מען געוועהנליך מיט שמיץ, נור אז מען זאָל א פּאָליטישען בעשטראָפען מיט שמייסען פאר פטור׳ן קאזיאַנע זאכען האָט זיך עס גערעכענט פאר אונגעוועהנליך און אונמעגליך.

דער גאנצער אָסטראָג איז אויפגערודערט געוואָרען. די פּאָלי־טישע האָבען זיך ווי פערלארען, און די קרימינעלע האָבען מיט אונגעדולד און נייגעריגקייט געווארט וואָס וועט דאָ זיין. ווען מען האָט מיך ארויסגעפיהרט האָט מיך אפילו קיין איין ארעסטאנט ניט געזעהן, נור פון די פערמאכטע טהירען האָבען אַלע אָנגעווענדעט זייערע בליקען אויף מיר, ווי זיי וואָלטען וועלען לעזען פון מיין פנים, וואָס איך דענק צו טהאָן.

ווי איך בין נור אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון קאנטאָר, איז דער נאטשאלניק באַלד געוואָרען ווילד און האָט זיך שרעקליך צובייזערט. ערקלערענדיג מיך אין שולדיג אין פערשווענדען און פטור׳ן קאזיאַנע זאכען, האָט ער בייז און ענטשלאָסען ערקלערט, אז ער מוז מיך דערפאר בעשטראָפען מיט ריטער.

ווי ענטשלאָסען ער איז ניט געווען, האָב איך דאָך איהם גע־נומען אויפווייזען, אז דאס איז נישט מעהר ווי א צופאַל, דער איינ־

ציגער פעהלער פון מיין זייט. ער דארף דאך פערשטעהן, אז איך בין גאנץ ווייט פון אזוינע זאכען. יעדער בעשטראפונג, האָב איך גע־זאָגט, ווערט אויסגעפיהרט איבער'ן פערשולדיגטען ארעסטאנט מיט'ן צוועק אויסצובעסערען איהם. מיך אָבער דארף מען אין אזא פאל ניט אויסבעסערען, ווייל אזוינס קען מעהר מיט מיר קיינמאָל ניט פאסירען.

נור מיינע רייד האָבען איהם נאך בייזער געמאכט, און ער האָט בעפוילען צו ברענגען ריטער און מאכען די נויטיגע הכנות.

א וואהנזיניגער שרעק האָט מיך ארומגעכאפט, ווען איך האָב אויסגעהערט דעם אורטייל.

„שטראָפט מיך מיט וואס איהר ווילט, נור ניט שענדעט מיך“, האָב איך איהם דראָהענד געבעטען. „דער'הרג'עט מיך, דערשיסט מיך, נור ניט פיהרט אוים דיזע שענדליכע שטראפע איבער מיר!“ האָב איך היסטעריש אויסגעשריען.

אָבער ניט ווייט פון מיר זיינען שוין געלעגען די ריטער און די סאָלדאטען זיינען געשטאנען גרייט צוווארפען זיך אויף מיר, ווי זיי וועלען בעקומען דעם לעצטען בעפעהל.

ניט שוין זשע וועט עס טאקע געשעהן? ! אָ, הימעל! איך האָב זיך דערפיהלט ווי אויף'ן סאמע ברעג פון א שווארצען, אָפענעם אבגרונד. „וואָס טהוט מען! ווי רופט מען ארויס דעם צאָרען פון מיינע הענקער, אז זיי זאלען מיך אויפ'ן אָרט דערשיסען,“ — האָב איך געבראכען דעם קאָפּ זוכענדיג א גיכען טויט.

איך האָב בעשלאָסען א וואָרף צו טהאָן זיך אויפ'ן נאטשאלניק און דערלאנגען איהם א פאטש, אויסגראבלען איהם די אויגען, און מאָמער וועט זיך עס מיר ניט איינגעבען וועל איך זיך ווארפען אויף די סאָלדאטען.

כדי צו געווינען אביסעל צייט, אָבצוציהען זייער אויפמערקזאַמ־קייט אום צו קענען אויספיהרען מיין פלאן, האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך האָב די טעג דערהאלטען אביסעל געלד און האָב דארום א זאָג געטהאָן צום בעאמטען: „איך האָב צעהן רובעל, נעהמט זיי צו פאר דער בלוזע!“

„אָה!“ — האָט ער פרעהליך א פאטש געטהאָן מיט די הענד, — „ער האָט גאָר געלד, נו וועלען מיר שמייסען דאָס געלד!“

א צוטומעלטער האָב איך פון אָנפאנג ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט מיט דעם; נאָר ווען ער האָט בעפוילען מיך צו בעפרייען, האָב איך דערפיהלט, אז מען קאָן ווערען פון טויט לעבעדיג אפילו אינ׳ם „טויטען־הויז“.

טיפען פון דער קאַטאָרזשנער אדמיניסטראַציע.

אין די קאַטאָרזשנע אסטראָגען איז אָנגענומען צו בעשטימען ארעסטאַנטען, וועלכע ערפילען די פליכטען פון שרייבער אין די קאַנצעלאַריעס פון אָסטראָג. די דאָזיגע ארבייט טהוען זיי אונטער דער שמירה פון קאָנוואָינע סאָלדאַטען.

איך וויים ניט צי דאָס ווערט געטהאָן מיט דער ערלויבניש פון דער העכערער מאכט אָדער ניט, אָבער עס פיהרט זיך שוין אזוי פון לאנג, און אויף אזא אופן ווערען פערקלענערט די הוצאות פון די אָסטראָגען.

עס האָט אזוי געטראָפען, אז אינ׳ם אָסטראָג, וואו איך האָב זיך געפונען, האָט מען געדאַרפט האָבען א שרייבער. און גראָד האָט זיך צווישען די קרימינעלע ניט געמאַכט קיין פאַסענדער פאַר דיעזער ארבייט, האָט מען געמוזט נעהמען איינעם פון די פּאָליטישע.

מיט דער מיטווירקונג פון א צווייטען ארעסטאַנטען־שרייבער איז געלונגען, אז איך זאָל בעקומען דיעזע שטעלע, וועלכע מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט האָבען אום צו קענען ענטלויפען. און צו פער־דאַנקען דעם אומשטאַנד איז טאַקע נאָכהער געלונגען דורכצופיהרען דעם פּלאַן פון מיין ענטלויפען.

זייענדיג אין דיעזען אמט, כאָטש אונטער א שטרענגער וואַך, האָב איך בעקומען די מעגליכקייט דורכצולעגען א וועג אויף אויס־צופיהרען דעם פּלאַן. מיר האָט זיך איינגעגעבען איינצופיהרען א פערבאָרגענע קאָרעספּאָנדענץ, בעקומען געלד, קומען אין פערבינ־דונג מיט דער פרייהייט און דינגען פערד.

און דאָרט, אין קאַנצעלאַריע, אלס א שרייבער, האָב איך אויך געהאַט די געלעגענהייט צו בעקענען זיך בעסער מיט דער פּסיכאָ־לאָגיע פון דער אדמיניסטראַציע.

פערשיעדען זיינען די פאָרשטעהער פון דער קאטאָרזשנער אדמיניסטראציע אין זייער פסיכאָלאָגיע. מיר האָבען געזעהן אזא טיפּ, ווי דער אויבענדערמאָנטער נאטשאלניק באָראָדולין. דאָס איז דער טיפּ פון א טורמע־קאריעריסט, וועלכער האָט זיך ניט אָבגע־שטעלט פאר קיין זאך, אבי צו ערדייכען זיין קאריערע. ער קומט צו צו איהר טרעטענדיג אויף די טויטע קערפּערס פון דערשאָסענע און צוקאליעטשעטע קאטאָרזשניקעס, און דורך טייכען פון איהם אליין פערגאָסענע בלוט.

דער גרונד, אויף וועלכען ער שטיצט זיך, זיין אויסגאנגס־פּונקט און זיין ענד־פּונקט איז דאָס געזעץ. איינמאָל היט ער נור שטרענג אָב דעם בוכשטאַב פון געזעץ, ערפילט ער דאן זיין „חוב“ צו דער העכסטער וואוילטהאַט, צום געזעץ. וועיטער פון די אינסטרוקציאָ־נען פין אָסטראָג געהט ער ניט; אחוץ די געזעצע פון טורמע עקזיס־טירט פאר איהם קיין זאך ניט. זיין גאנצער מארך, זיין גאַנצע נשמה בעשטעהט פון איין זאך — געזעץ. אָבער זיך גוט צוקוק־קענדיג, שטעלט דאָס אלעס מיט זיך פאָר א בעשטימטע פּאָליציי־טורעמנע קאריערע.

ווייטער האָבען מיר זיך בעקענט מיט אזא עקזעמפּלאר ווי דער קאָזאק איזמאילאָוו. מיט איהם איז שוין פערקעהרט. פאר איהם עקזיסטירט שוין ניט דאָס געשריבענע געזעץ פון דער קאטאָרזשנער אינסטרוקציאָן. ער בעשאַפט אליין זיינע אייגענע געזעצע. זיינע ווילדע, בלוטדורשטיגע קאפּריזען שטעלען צונויף זיין „זאקאָן“. פאר איהם עקזיסטירט ניט קיין העכערע מאכט, ער אליין איז דער גאָט, ער אליין איז דער צאר פון דער קאטאָרזש־נער מלוכה.

זיין קאריערע איז שוין עררייכט.

דאָ, איבער די רעכטלאָזע, שוצלאָזע, אוים־מענשליכע קאַ־טאָרזשניקעס, האָט ער די מעגליכקייט ארויסצואווייזען זיין באַר־באַרישען, קאָזאצקען כאראקטער און אויספיהרען זיין מיליטערישע בלוטיגע אויסגעלאסענהייט.

ווייטער פאָלגט דער סאַמע פערשפּרייטעסטער טיפּ פון אָסטראָג, פון דער פּאָליציי און אין אלגעמיין פון דער וועלט פון טשינאָווניקעס.

פאַר דעם דאָזיגען מין אדמיניסטראַטאָרען בעשטעהט די דיענסט אין „אָנשטאָפּען די קעשענעס“ מיט אַלע ערלויבטע און ניט־ערלויבטע מיטלען, ניט אָבשטעלענדיג זיך ניט פאַר אונעהרליכ־קייט און ניט פאַר פערברעכען. צוליעב זייער ציעל זיינען זיי פאַרטיג צו פערקויפען זייערע עלטסטע, דאָס געזעץ און זייערע פליכטען.

איך וועל ברענגען אַ פאַל, וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען, און וועלכער כאַראַקטעריזירט דיעזען טיפּ:

צוויי פון אונז האָט מען אַרעסטירט. בשעת דעם אַרעסט האָבען מיר געשאָסען. ווען מיר האָבען זיך אונטערגעגעבען, האָט מען, פערשטעהט זיך, צוערשט אָבגענומען ביי אונז די רעוואָלווערען. ביי מיר האָט צוגענומען דעם רעוואָלווער אַ פּאָליציייסקער נאַדזי־ראַטעל און ביים חבר אַן איינפאַכער פּאָליציייסקער. ווען מען האָט אונז געבראַכט פאַר דער ערשטער אויספאָרשונג צום פּריסטאַוו אָדער עפּעס אַן אַנדער טשינאָווניק, איז ביי איהם שוין נאָר געווען איין רעוואָלווער.

„ווער האָט אָבגענומען דיעזען רעוואָלווער?“ — האָט ער געפרעגט די פּאָליציייסקע, וועלכע האָבען אונז אַרעסטירט.

„איך“ — האָט זיך אָבגערופען איינער פון זיי.

„ביי וועמען פון זיי ביידען?“ — האָט ער ווייטער געפרעגט.

„ביי דיעזען“ — האָט ער אָנגעוויזען אויף מיר.

„דאָס איז אייער רעוואָלווער?“ — האָט ער זיך אַ ווענד געטהאָן צו מיר.

איך האָב בעטראַכט דעם רעוואָלווער און דערזעהן, אַז ער איז ניט מיינער, נור מיין חבר'ס. איך זוך מיט די אויגען מיינעם, אָבער ער זעהט זיך ערגעץ ניט.

„וואָס טהוט זיך דאָ?“ — קלער איך. איך קוק מיט אַ פראַגע אויפ'ן נאַדזיראַטעל, וועלכער האָט ביי מיר אָבגענומען מיין רעוואָל־ווער, ער איז עפּעס אויפגערעגט, אָט ווערט ער בלייך און אָט רויט.

„ער האָט עפּעס געוואָלט דורכפיהרען און עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען“ — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן. איהם האָט הפּנים אויך געשראָקען דאָס, וואָס דער פּאָליציייסקער האָט אָנגע־וויזען ניט אויף דעם ריכטיגען אייגענטימער פונ'ם רעוואָלווער.

איך בין געשטאנען פערווירט און ניט געוואוסט וואס צו ענט־פערען אויף דער פראגע, וואס מען האט מיר געשטעלט. ענטפערען אז דער רעוואלווער איז ניט מיינער, וואלט דאך געמיינט צו זאגען, אז ער געהערט צו מיין חבר.

קאנטדאלירענדיג שטרענג מיינע ענטפערס, בין איך אלע מאל געוועזען דורכגעדרונגען מיט איין געדאנק: זיך ניט ארויסצובאפען מיט א ווארט, טאמער קאן וואס שאדען אנדערע חברים. און דא איז פאר מיר אזא שווערע און געפעהרליכע אויפגאבע. קיין פיעל צייט האב איך אויך ניט געהאט צו בעטראכטען, צי די רעוואלוציא־נערע מאראל, צי די עהרליכקייט ערלויבט מיר אין דיעזען פאל צו זאגען דעם אמת וועגען רעוואלווער, ד. ה. אז דער חבר איז דער אמת׳ער אייגענטימער.

ענדליך האב איך געענטפערט, אז דער רעוואלווער איז מיינער. איך האב געפיהלט, אז אלע האבען לייכטער אבגעאטעמט, אי דער נאדזיראטעל, וועלכער האט בעהאלטען מיין רעוואלווער, אי דער גאראדאוואי, וועלכער האט בעגריפען זיין פלאנטער, אי דער אונ־טערזוכער, וועלכער האט בעקומען אזא צופריעדענשטעלענדען ענטפער.

איך וויל דא בעמערקען, דאס מיין רעוואלווער האט זיך אין מיטען שיסען פערהאקט, ד. ה. האט ניט אויסגעשאסען און דעם חבר׳ס האט יא איין מאל אויסגעשאסען. אויף אזא׳ן אופן האב איך מיינע שונאים געגעבען מיט מיין אייגענעם ווילען א שטארקען בעוויז אנטקעגען זיך און האב גענומען אויף זיך אזא שווערע בעשולדיגונג, וואס דאס בעווייזט צווישען אנדערעם די קראפט פון רעוואלוציאנערער טראדיציאן.

דאס כאראקטעריסטישע און וויכטיגע אין דיעזען פאל איז די טהאט פון דעם טרעגער פון פאליציי־פליכטען, דעם דיענער פון געזעץ. ער האט בעשלאסען, אז איך אליין וועל דאך ניט זאגען, אז ביי מיר איז געוועזען א רעוואלווער, נו האט ער געוואלט מאכען א פאר רובעל און האט בעהאלטען מיין רעוואלווער, ד. ה. בעהאל־טען די בעווייזע פון א פערברעכער, און דערמיט דעם פערברעכער אליין אויך. ד. ה. פאר עטליכע רובעל האט ער פערראטען דאס געזעץ און זיינע אייגענע הייליגע דיענסט־פליכטען.

אָבער איך וויל איבערגעהן צום נאטשאלניק פון דעם אָסטראָג, וואוהין מען האָט מיך נאָכדעם אריבערגעפיהרט און פון וואנען איך בין ענטלאָפען.

ער איז א טיפישער קאטאָרזשנער טורמע־נאטשאלניק, א פאָרשטעהער פון יענער אלטער, אָשטארבענדער קאטאָרגע, וועלכע האָט שוין אָבגעלעבט און וועלכע איז פערביטען געוואָרען אויף א פ אָ ל ק אָ מ ע נ ע ר קאטאָרגע. דעריבער איז דער טיפ אויך אַן אָבשטארבענדער און אונזער נאטשאלניק האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט איינעם פון די לעצטע עקזעמפּלארען פון יענעם מין.

ער שטאמט, קען מען זאָגען, פון א קאטאָרזשנע משפחה. ד. ה. זיין גאנצע משפחה האָט זיך געפונען אין דיענסט אויף קאטאָרגע. זיין פאָטער איז זיין גאנץ לעבען געווען דער נאטשאלניק פון דער קאראישער קאטאָרגע און האָט איבערגעלאָזען זיין אמט ווי א מין ירושה צו זיין זוהן. די ערשטע צייט איז ער געווען דער נאטשאל־ניק פון „קארא“, און ווען דיעזער פלאץ איז שפּעטער אָבגעשאפט געוואָרען האָט מען איהם איבערגעפיהרט אין נערטשינסק, וואו ער האָט געדיענט די גאנצע צייט.

אויסוואקסענדיג און האָרעווענדיג זיך זיין גאנצען לעבען אין דער קעניגרייך פון קאטאָרגע, צווישען קאטאָרזשניקעס, זיינען שוין זעלבסטפערשטענדליך זיינע בעציהונגען צו זיי געווען אנדערע. פאר איהם זיינען די קאטאָרזשנע ארעסטאנטען ניט געווען דאָס, וואָס זיי זיינען פאר די נאטשאלניקעס, וואָס ווערען געשיקט אהער פון רוסלאנד. ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף מענשען, וועלכע זיינען ניט בלויז דורכגעדרונגען פון פערברעכען און געגען וועלכע מען דארף אָנווענדען בעשטראָפונגס־מיטלען און אויספיהרען אלע אינסטרוקציאָנען פון אָסטראָג, נור זייענדיג מיט זיי שטענדיג אין בעריהרונג, האָט ער געוואוסט די ארעסטאנטען לויט זיינע פערזענליכע ערפאהרונגען און בעאָבאכטונגען. ער האָט געקענט אי די פּאָזיטיווע זייטען, די מענשליכע זייטען, אי די פערברעכערישע, נעגאטיווע, געפעהרליכע זייטען פון זייער נאטור.

מענשליכע צי ניט מענשליכע, אָבער לעבעדיגע בעשעפע־נישען זיינען געווען פאר איהם, ניט נור אבסטראקטע ציפערן, וועלכע זיינען געווען פערשריבען אין די ביכער פון דער קאנצע־

לאריע. און די בעציהונגען צווישען איהם און די קאטאָרזשניקעס זיינען געוועןּ אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען, „פּאטריארכאַ־לישע“.

אלס אזעלכע, זיינען די פּאטריארכאלישע בעציהונגען פון דער אַלטער גוטער צייט אויף בארבאריש און ווילד פונ׳ם איצטיגען שטאנדפּונקט, און זיי זיינען ניט בעסער פון דעם איצטיגען קולטו־רעל־דעספּאָטישען צושטאנד.

די פּאטריארכאלישע האנדלונגען פון אזא פּאטריארך־נאטשאל־ניק זיינען געווען דיזעלבע, ווי די בעציהונגען פון אן אונוויסענדען מענשען צו זיין הונד. ער איז צו זיין הונד צוגעבונדען, ער האָט איהם אפילו ליעב, אָבער דאָס איז דאָך א הונד, א חיה. ער דארף זיך וואלגערען ביי איהם צו די פיס, זיין אָרט איז אונטערן טיש; ווען מען דארף וועט ער די חיה א זעץ טהאָן מיט׳ן פוס, געבען מיט א פלאָקען, מיט א בייטש...

ווי אן עכטער פאָרשטעהער פון אזעלכע פּאטריארכאלישע און פּאָטערליכע בעציהונגען צו די היימישע קאטאָרזשנע חיות, וועלכע מען קאָן אמאָל צולאשצען, געבען אביסעל פרייהייט, אָבער דערפאר זיין „שטרענג“ ווען מען מוז, האָט אונזער נאטשאלניק געהאט אין זיך אלע איינענשאפטען פון יענער סיסטעם. די סיסטעם פון יענער פּאטריארכאלישער קעניגרייך, וועלכע איז בע־שריבען געוואָרען צו יענער צייט, איז אָבער בעשטאנען אויך אין דעם, וואָס א נאטשאלניק פלעגט שפּילען מיט די ארעסטאנטען אין קאָרטען אויף די נארעס אָדער אונטער די נארעס. אויך האָט ער אָפט געטרונקען מיט זיי און געליהען זיי געלד, אָדער פלעגט אמאָל לייהען געלד ביי די קאטאָרזשניקעס. די זאכען האָט אונ־זערער ניט געטהאָן.

דערפאר האָט ער אויסגעמידען יענע „שטרענגקייט“, וועלכע די ארעסטאנטען האָבען צו יענער צייט ארויסגעוויזען צו זיינע פאָרגענגער, ווען מען האָט עס נור בעדארפט. אויב למשל דער נאטשאלניק האָט זיך מיט עפּעס פערזינדיגט, האָט ניט געוואָלט וואָס עס איז ערפילען, האָבען איהם די ארעסטאנטען מיט מעסערס ארומגערינגעלט אין אָסטראָג און מיט געוואלד איהם געצוואונגען צופריעדענשטעלען זיי.

מיט דער אויסנאהמע פון דיעזער שוין צו־נאָהענטער פריינד־שאפט, איז ער אָבער פערבליבען געטריי צו די פאטריארכאלע קאטאָרזשנע טראדיציעס. „שמייסען", קערפערליכע בעשטראָפונ־גען, מיט וועלכע אזעלכע תליונים ווי באָראָדולין און איזמאילאָוו פלעגען זיך זעלטען ווען בענוצען, זייגען פאר איהם געווען א געוועהנליכע זאך.

עס איז ניט אריבער א טאָג, אז מען זאָל וועמען עס איז ניט שמייסען אונטער זיין פאָטערליכער „השגחה אויף די קינדער". אפילו די פאָליטישע, וועלכע ער האָט גערופען נאָכ'ן אלטען מנהג „מלוכה־פערברעכער", און וועגען וועמען ער פלעגט געהיימניספול און מיט שטאָלץ דערצעהלען פון דער צייט ווען ער איז נאָך מיט זיי געווען אויף „קארא", — איז ער פונדעסטוועגען געווען פארטיג נאָכ'ן אלטען מנהג צו אונטערווארפען זיי צו קערפערליכע בעשטראָפונגען.

אינ'ם אויבענדערצעהלטען פאל, וואו ער האָט מיך געוואָלט שמייסען, איז כאראקטעריסטיש פאָלגענדעס: ער האָט מיך געוואָלט קערפערליך בעשטראָפען ניט פאר דעם פערברעכען, וואָס איך האָב בעגאנגען, פאר ברעכען דאָס געזעץ פון אָסטראָג, נור דערפאר וואָס איך האָב איבערגעפיהרט „קאזיאָנעם מאטעריאל" און אָנגעטהאָן א היזק. וואָרום ווען איך האָב איהם פאָרגעלעגט צו דעקען דיעזען שאָדען מיט מיין אייגען געלד, וואָס איך האָב געהאט אין קאָנטאָר, האָט ער מיך באלד בעפרייט פון דיעזער שענדליכער און ערנידע־ריגענדער שטראָף.

אבער דאָס מערקווירדיגסטע אין איהם איז געווען דאָס, וואָס ער איז נאָר געווען דער אפיציעלער, פאָרמעלער נאטשאלניק, און די פאקטישע הערשער זיינען געווען עטליכע, פון וועלכע איינער האָט פערנומען דעם הויפט פלאץ און האָט געהערשט איבער'ן נא־טשאלניק אליין.

די פערוואלטונג און דאָס פיהרען דעם אסטראָג ווערט איינ־געטיילט צווישען עטליכע עלטסטע נאדזיראטעלעס. דער עלטסטער נאדזיראטעל אין אסטראָג בעל הבית'עוועט איבער איהם און אי־בער די קאטאָרזשניקעס; א צווייטער איבער דער ווירטשאפט, שפייז און זאכען; א דריטער פערוואלטעט די „פרייע קאָמאנדא";

ד. ה. מיט די ארעסטאנטען, וואס געפינען זיך אויסער'ן אסטראג א. ז. וו.

און אט די אלע עלטסטע האבען פערוואלטעט ניט אונטער זיין פיהרונג, ווי עס דארף זיין, נור האבען געפיהרט ווירקליך די בעל־הבית'קייט פונ'ם אסטראג, בעהאלטענדיג זיך אונטער זיין נאמען. דערפאר זיינען זיי געווען די פאקטישע הערשער און האבען זיך אויפגעפיהרט זעלבסט־הערשעריש, יעדער איינער אין זיין אבטיילונג.

אויף אזא'ן אופן האט דער פאטריארכאלישער נאטשאלניק געוואוסט וועגען די אלע מעשים אין אסטראג אויף אזויפיעל, וויפיעל דער דאקטאר פון אסטראג ווייסט וועגען דעם געזונדס־צושטאנד פון די קראנקע קאטארזשניקעס.

זיינע פעראנטוואָרטליכע פליכטען פון א נאטשאלניק פון א קאטארזשנעם אסטראג האבען זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס ער האט, אויב ער האט זיך ניט פערשלאפען אדער געווען פערנומען מיט עפעס אנדערעס, אויסגעהערט די רעפארטען פון זיינע ארויסהעלפער, האט גוטגעהייסען זייערע פעראָרדנונגען און האט צוגעשטימט צו זייערע פאָדערונגען.

ניט איין מאל זיינען אין קאנצעלאריע פארגעקומען אזוינע סצענעס: דער נאטשאלניק פון אסטראג האט געבעטען ביי זיין עלטסטען נאדזיראטעל, אז ער זאל רחמנות האבען אויף דעם אדער אויף יענעם קאטארזשניק, וועלכען דער נאדזיראטעל האט בעשלאסען שמייסען, אדער אנדערש בעשטראפען, און וועגען וואס ער איז עס געקומען מעלדען זיין נאטשאלניק, אויב ער האט איהם נור געטראפען.

געוועהנליך פלעגט ער זיך אין אזוינע פעלע ניט שטארק בעטען אדער צושטעהן, ווייל ווען ער האט נור געוואלט ארויסווייזען זיין מאכט פון א נאטשאלניק, האט ער עס אלע מאל געקענט. אין דעם פאל האט ער עס ניט געפונען פאר נויטיג, ווייל איבעראל האט צווישען זיי געהערשט כמעט הארמאנישע איינשטימונג.

זיין האלע אין קאנצעלאריע איז בעשטאנען אין אונטערשרייבען פאפיערען, וועגען דעם אינהאלט פון וועלכע ער האט געוואוסט

אזויפיעל, ווי וועגען דעם טורמע־שפייכלער, דעם טורמע־קעסעל און די טורמע־רפואות. די קאנצעלאריע האָט אויך פערוואלטעט א נאדזיראטעל, וועלכער האָט ערפילט די פליכטען פון דעם עלט־סטען שרייבער. ער האָט געענטפערט אויף אלע פאפיערען און האָט געפיהרט די רעכענונגען, און דער נאטשאלניק האָט זיי אונ־טערגעשריעבען.

אויב דער נאטשאלניק האָט אפילו ניט אויסגעהערט די רע־פּאָרטען, האָט ער אָבער די פאפירען דאָך געמוזט אונטערשרייבען, ווייל די העכערע בעאמטע האָבען זיי דאָך געקענט איבערקוקען, ניט נעהמענדיג אפנים אין אנבעטראכט, אז די העכערע בעאמטע האָ־בען דאָך אויך שרייבער־עלטסטע.

דעריבער פלעגט ער קומען אונבעדינגט אלע טאָג אין קאנ־צעלאריע. דאן פלעגט איהם שוין אויסקומען ארבייטען אביסעל שווערליך, ווייל איהם פלעגט ערוואַרטען א גאנצער בארג מיט פא־פיערען, וועלכע ער פלעגט אונטערשרייבען ניט איבערלעזענדיג אפילו די קעפּלעך. ניט אומזיסט האָט ער אָבער געשפּאָרט דיעזע צייט; ער האָט זי פערברויכט מיט גרויס ניצליכקייט פאר דעם אינטערעס און פערגניגען פון אלעמען.

זיין צייט אין קאנצעלאריע פלעגט ער פערברענגען אין שטענ־דיג דערצעהלען מעשיות וועגען די קאטאָרזשנע בעאמטע, ווי פון די קלענערע, אזוי אויך פון די העכערע, ווייל פון די קלענערע ווערען דאָך העכערע בעאמטע. דערצעהלען פלעגט ער עס אזוי, פונקט ווי ער וואלט איבערגעגעבען היסטאָרישע פאקטען: ווי אזא און אזא פון א געוויסען ראנג איז מיט אמאָל אריבער אין אנ׳אנדער ראנג; ווי א געוויסער טשינאָווניק איז דורך א געוויסער פאסירונג געוואָרען א געהיימראטה; אז זיין הויכגעבורטה, דער גובערנאטאָר, האָט, בעזוכענדיג דעם אסטראג, זיך אויסגעדריקט אזוי און אזוי איבער א געוויסער אנגעלעגענהייט; אז דער נאטשאלניק פון דער קאטארגא עקס... האָט ליעב געהאט זיך שארף אויסדריקען; און דער נאטשאלניק פון קאטארגא או... האָט געהאט אזא און אזא טבע; און אז דער אלטיטשקער איוואן איוואנאָוויטש האָט ליעב געהאט אזא מין וויץ. און טאקע אויפ׳ן אָרט פלעגט ער דעם וויץ אי־בערזאגען און פלעגט בעוועגען צום לאכען די גאנצע קאנצעלאריע.

ער פלעגט אויך דערצעהלען וועגען פערשיעדענע קאטאָרזשניקעס, וועגען בעריהמטע פערברעכער, וועגען וועלכע מען פלעגט איבערגעבען מאָדנע לעגענדעס. וועגען זיי האָבען געזאמעלט איינצעלהייטען בעוואוסטע שרייבער און פסיכאָלאָגען, וואס פלעגען בעזוכען די קאטאָרגע. ער אָבער האָט זיי געקענט אַזוי ווי געוועהנליכע איינפאכע ארעסטאַנטען און האָט דערצעהלט אזוינע זאכען וועגען זיי, וואס האָבען בעוויזען זייער עהנליכקייט מיט דער מענשליכער וועלט...

ווען ער פלעגט דערצעהלען וועגען „מלוכה פערברעכער“, פלעגט ער שוין דאַן אויך צוציהען מיין אויפמערקזאמקייט און איך פלעג אַוועקלעגען אָן א זייט מיין פעדער, גלייך מיט די איבעריגע שרייבער, וואס האָבען שוין לאנג אויפגעהערט ארבייטען. דערצעהלען פלעגט ער איבערהויפט וועגען די פאָליטישע קאטאָרזשניקעס אויף „קארא“. דאס זיינען אלע געווען בעוואוסטע און בעריהמטע „נאראדאוואָלצעס“. א חוץ זיין בעקאַנטשאפט מיט זיי ווי דער נאַטשאַלניק פון דער קאטאָרגע אויף „קארא“, פלעגען נאָך צוקומען ערצעהלונגען, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין פאָטער. דאס אלעס איז געווען זעהר אינטערעסאַנטער מאטעריאל, אַבוואָהל פון די ליפען פון א קאטאָרזשנעם טשינאָווניק. יעדעס מאָהל ווען ער פלעגט נעהמען דערצעהלען, פלעגט זיך זיין ראלע אונבעמערקטערהייט בייטען: פון אן ערצעהלער פלעגט ער פערוואנדעלט ווערען אין א צוהערער.

דער קאטאָרזשנער שרייבער, דער צווייטער נאָך מיר, וועלכער פלעגט דעם נאַטשאַלניק שטעלען פראגעס וועגען דעם וואס ער פלעגט דערצעהלען, פלעגט ביסלעכווייז אליין אָנהויבען צו דערצעהלען. און דערצעהלען פלעגט ער אַזוינע געשיכטען, פלעגט בריענגען אזוינע „פאקטען“, אז דעם אלטען קאטאָרזשנעם נאַטשאַלניק'ס מעשיות פלעגען ווערען בלאַס. און ער פלעגט נעבאך דארפען אַבטרעטען זיין פּאָזיציע דער אויטאָריטעט, — זיין שרייבער.

ווען יענער פלעגט אריינקומען אין זיין ראלע, שטעהענדיג, ווי זיין געוועהנהייט איז געווען, אין מיטען צימער מיט דער פען אין האנד, פלעגט ער טיעפזיניג דערצעהלען וועגען אזעלכע פעלע, אזעלכע וואונדער, פון וועלכע עס פלעגט פערכאפען דעם אָטהעם ביי די

קאנצעלאריסטען. און דער נאטשאלניק פלעגט אויסגלאָצען די אוי־
גען און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פערקערפּערטע אויפמערק־
זאמקייט.

דער דאָזיגער שרייבער איז געווען איינער פון די הויפּט איינ־
פלוסרייכע פאקטאָרען אין דער קאטאָרזשנער פערוואלטונג. דאס
איז נאטירליך ניט געווען אנערקענט און קיינער האָט זיך וועגען
דעם ניט ארויסגערעדט. אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען
דער הויפּט מאכער פון אלע אונטערנעהמונגען און פאסירונגען פון
דער טורמע־אדמיניסטראציע. און עררייכען אזא שטופע האָט ער
נור געקענט א דאנק זיינע אויסשליסליכע „טאלאנטען“ און בע־
זונדערע „מעלות“.

ערשטענס איז ער געווען פערבונדען מיט פערשיעדענע מאָ־
נאסטירען, האָט זיך דורכגעשריבען מיט פיעלע מאָנאכען, מאָנאש־
קעס, און אפילו מיט אן עפּיסקאָפּ. די קאָרעספּאָנדענץ איז גע־
וועהנליך געווען פון א רעליגיעזען כאראקטער, אלץ וועגען הייליגע,
געטליכע זאכען. וועגען דיזער קאָרעספּאָנדענץ האָבען אויך גע־
וואוסט דער נאטשאלניק און אלע נאדזיראטעלעס, וועלכע פלעגען
ביים לעזען פון די בריעף קוקען אויפ’ן שרייבער, ניט אזוי ווי אויף
א קאטאָרזשניק, נור אזוי ווי אויף איינעם וואס דריקט אויס היי־
ליגע חכמה. ווייטער איז ער נאָך געווען אן עהרען־מיטגליעד פון
א „ספּיריטואליסטישער געזעלשאפט“, פלעגט מאכען סעאנסען.
און לויט דער בעהויפּטונג פון „פערטרויטע“ האָט ער געהאט פער־
בינדונגען מיט די „גייסטער“.

ווען דער נאטשאלניק פלעגט אמאָל קומען אין קאנצעלאריע
אביסעל פריהער אין־דער־פריה, האָבען מיר שוין געוואוסט, אז
מיט איהם האָט פּאסירט עטוואס אונגעוועהנליכעס. נאָך אויפ’ן
שוועל שטעהענדיג, פלעגט ער פערזאָרגט און אונרוהיג דערצעה־
לען, אז איהם האָט זיך לעצטע נאכט גע’חלום’ט א זאָנדערבארער
חלום, האָבענדיג אין זינען מיט זיין ערצעהלונג א בעשטימטע פער־
זאָן. די בעשטימטע פערזאָן האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען.
דער ארעסטאנט־שרייבער פלעגט באלד אויפשפּרינגען פון זיין
אָרט און פייערליך א זאָג טהאָן: „אָט באלד וועל איך פאר אייך
אנפּלעקען א געהיימנים.“

מספרי
יצחק פייגלמן

ארויסשלעפענדיג איינע פון די פיעלע פאפיערלעך און פא־פיערען, וואס זיינען געהאנגען איבער זיין טיש פלעגט ער זאָגען: „לעזט, דאָ האָב איך נאָך פון לאנג שוין פערצייכענט אייער חלום". און פלעגט נעהמען לייענען דאָס פאפירעל. און דערנאָך פלעגט ער ארויסשלעפען א צווייטען פאפירעל און פארטזעצען לייענען: „אין אזא און אזא נאכט, אזא און אזא טאָג, האָט זיך אייך גע־חלומ'ט אזא חלום. ניט אמת?" פלעגט ער זיך ווענדען צום נא־טשאלניק.

און יענער, צי ער פלעגט געדענקען אָדער ניט, אָבער ער פלעגט א שאָקעל טהון מיט'ן קאָפּ אז יאָ.

„און אזוי ווי איהר זייט געבוירען געוואָרען אין אזא טאָג, אין אזא יאָהר" — פלעגט ער פאָרטזעצען, ארויסשלעפענדיג א דריטען פאפירעל, — „דעריבער בעדייטעט אייער חלום".... דאָ פלעגט ער מאכען די נויטיגע אויספיהרונגען. דער נאטשאלניק, און מיט איהם די גאנצע קאנצעליאריע, פלעגען אבאטהעמען פרייער. און דער שרייבער פלעגט א צופריעדענער צוריק פארנעהמען זיין פּלאץ ביים טיש.

א חוץ זיינע געניאלע קענטניסע וועגען רוחות, איז נאָך דיזער ארעסטאנט־שרייבער געווען פאר דער קאטארזשנער אדמיניסטרא־ציע א לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע. ער איז אבסאָלוט געווען געניט אין אלעם. ער האָט געקענט אלע ארעסטאנטען ביז איינעם: ווער עס פיהרט זיך אויף גוט און ווער שלעכט; ווער עס איז פעהיג אויף עפּעס און ווער ניט; ווער עס צייכענט זיך מיט עפּעס אויס, ווער עס מאכט זיך פערדיענסטליך א. ז. וו...

דעריבער פלעגען די אלע פראגען פון דער קאטאָרזשנער פער־וואלטונג, וואָס פלעגען בעשפּראכען ווערען אין קאנצעלאריע, ענט־שיידען ווערען לויט זיין מיינונג. פיעלע קאטאָרזשניקעס זיינען דעריבער געוועזן מיט זייער שלעכטען אדער גוטען אורטייל פער־פליכטעט צו דיזען שרייבער־ארעסטאנט.

צו פערדאנקען איינינערמאסען דיעזען טיפּ איז מיר אויך גע־לונגען דורכפיהרען מיין אנטלויפען פון קאטאָרגא. א דאנק זיינע בעמיהונגען בין איך געוואָרען א שרייבער און האָב נאכהער געקענט דורכפיהרען מיין אנטלויפען מיט זיין אנטייל נעהמען. זיין מיט־

ווירקונג האָב איך געקראַגען דורך דעם, וואס איך האָב איהם פער־טרויט און גע'פועל'ט, אז מיר זאָלען צוזאמען אנטלויפען.

עס איז געווענהליך געווען זעהר ריזיקאליש צו פערבינדען זיך מיט אזא טיפ, אָבער קיין אנדער וועג איז ניט געווען. איך האָב זיך דערנאך איבערצייגט, אז עס איז אבסאָלוט אונמעגליך צו טהאָן עס מיט איהם, און נאכדעם ווען מיט זיין מיטווירקונג איז שוין כמעט אלעס געווען פארטיג צו מיין אנטלויפען, איז מיין הויפט אויפגאבע געווען ווי אזוי פטור צו ווערען פון איהם.

איך האָב איהם געדארפט איבערצייגען, אז איך האָב געביטען מיין בעשלוס צו אנטלויפען, אז אינזער פּלאַן איז אן אוטאָפּיע און אז אונזער גאנצע ארבייט איז גאָרנישט ווערטה. איך ווייס ניט אויף וויפיעל מיר איז געלונגען איהם איבררעדען צו ענדערען דעם בעשלוס, ווייל ביז דער לעצטער מינוט האָב איך אלץ ערווארטעט, אז איבער איהם וועל איך דורכפאלען.

אויף אזא'ן אופן האָט די קלענסטע און צו דער זעלבער צייט די וויכטיגסטע פּרוזשינע פון דער טורמע־אדמיניסטראציע גופא מיטגעווירקט צו מיין אנטלויפען.

צווייטער טייל.

דאָס אַנטלויפֿען פֿון קאַטאָרגע

איך געה אריבער צו מיין אַנטלויפען.

צוליעב אורזאַכען פון אַ ריין קאָנספּיראַטיווען כאַראַקטער, ווי אויך צוליעב דעם, אַז געוויסע מיטלען, מיט וועלכע מען וועט זיך נאָך קענען בענוצען, זאָלען ניט דורכפאַלען, וועל איך וועגען פיעלעס אין גאַנצען פערשוויייגען.

עס פערשטעהט זיך, אַז עס איז ניט גרינג אָנגעקומען בעזאָרגען זיך מיט געלד און אַדרעסען אין דער געפאַנגענשאַפט, און איבער־הויפּט נאָך דורכשרייבען זיך אויף אַן אונלעגאַלען אופן.

ניט ווייניג שוועריגקייטען און אַנשטרענגונגען האָבען פאַר־געשטעלט מיט זיך, צום ביישפּיעל, דאָס דינגען פון'ם פויער, וועל־כער האָט מיך בעדאַרפט אָוועקפיהרען אויף זיינע פערד, ווען איך וועל שוין זיין אויסער די ווענד פון'ם אָסטראָג. מיט צרות איז אָנ־געקומען דאָס צוגרייטען פון ציווילע קליידער, געוועהר, גיפט, אַ געאָגראַפּישע קאַרטע פון יענעם געגענד, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם הויפּט־פּונקט, וואו דאָס אַנטלויפען האָט בעדאַרפט פאָרקומען.

וועגען בעפרייען זיך, וועגען אַנטלויפען הויבט מען אָן צו טראַכטען, נאַטירליך, אין די ערשטע טעג נאָכ'ן אורטייל, און אַזוי האָבען אין דיזען פאַל די פּראַקטישע צוגרייטונגען געדויערט העכער צוויי יאָהר.

און אָט קומט אָן דיעזער פאַטאַלער מאָמענט. עס ווערט דורכ־געפיהרט דאָס, פון וואָס דו האָסט געטראַכט אין פערלויף פון'ם לאַנגען, פינסטערען קאַטאָרזשנעם לעבען. די חלומות פון שלאָפלאָזע און מאַטערענדע נעכט ווערען פערוואַנדעלט אין אַ ווירקליכקייט. די אונעררייכבאַרע מחשבות און פאַנטאַזיעס ווערען אַ ווירקליכער פאַקט.

דאָס איז געווען אַ מאַי־נאַכט פון'ם יום טוב פון דעם הייליגען „ניקאָלאַי", אָבער אין אונזער קאַטאָרזשנער קעניגרייך איז עס גע־ווען אַ דרייפאַכער יום־טוב: ערשטענס איז עס אַ יום־טוב אַן אַלגע־מיינער, פון'ם גאַנצען רוסישען פאָלק, צו וועלכען עס געהערען אויך די בעאַמטע און אונזערע דאָרפישע שכנים; צווייטענס איז דער דאָר־פישער קלויסטער געווען געגרינדעט אין'ם נאָמען פון דיזען היי־

ליגען; און דריטענס האָט דער נאטשאלניק געפייערט אין יענער נאכט זיין געבורטס־טאָג, ווייל ער האָט געטראָגען דעם נאמען פון דיזען הייליגען.

דערפאר איז דיזער טאָג פון אלגעמיינער שמחה, שיכרות און בעגייסטערונג אויסגעקליבען געוואָרען, כדי מען זאָל זיכערער און בעקוועמער קענען דורכפיהרען דעם פּלאַן.

מיר זיינען צוויי. דער ערשטער הויפּט־אקט איז דורכגעפיהרט. מיר קריכען שוין דורך שטילערהייד די ארומצאמונג פון'ם אָסטראָג. אויסציהענדיג זיך אין גאנצען געוואוקס פּ׳יזען מיר אויפ'ן בויך און ווענדען אָן אונזערע קרעפטען צונויפצוגיסען זיך מיט דער אויבערפלעכע פון דער ערד, כדי מען זאָל ניט בעמערקען אונזערע בעוועגונגען.

דער שווארצער שאָטען, וואָס די הויכע ווענד פון'ם אָסטראג ויארפען פון זיך, בעשיצט אונז מיט זיין געדיכטע פינסטערניש. פון'ם נאַטשאַלניק'ס הויף דערטראגען זיך אונהאַרמאָנישע, פער־פּלאָנטערטע קלאַנגען פון מוזיק, געזאנג און געלעכטער. די צאַרטע, קלינגענדע טענער פון א פיאנאָ ווערען איבערגעשלאָגען און מישען זיך אויס מיט דאס פרעהליכע, לעבעדיגע געזאַנג פון א גראַמאָפאָן און דאָס קלאַפּען פון די דאָרף־שומרים. דאָס אלעם רייסט איבער א זאָרגלאָזער, זעלבסטצופריעדענער, גליקליכער געלעכטער פון פיעלע שטימען; שאַרפע, הילכענדע און פאלשע פרויען־שטימען גיסען זיך צוזאמען מיט די שיכור'ע באַסאָווע קולות פון די מענער. פונ'ם גאַנצען דאָרף דערטראָגט זיך אן אונגעוועהנליכער טומעל און גערויש. עס הערט זיך ווי מען פרעהט זיך שיכור'ערהייד, ווי מען הוליעט.

אָט זעהען מיר אנטקעגען אונז ליגט די „פרייע קאָמאנדא", אזוי ווי אן אונגעהייער גרויסע גרוב. די קאַטאָרזשנע ערדישע הייזלעך, פונקט ווי בערגלעך מיסט, ליגען צוואווארפען ניט ווייט איינע פון די אנדערע. וואו ניט וואו פון ערגעץ א לאָך וואס דיענט אנשטאַט א פענסטער, קומט ארויס א שוואכער שיין. אויף א רגע לויפען דורך אין געדאנק די אלע אימה'דיגע און בלוטיגע עפּיזאָדען, וועלכע שפּיעלען זיך אָב אין דיזע קאַטאָרזשנע הייהלען. אביסעל אָן א זייט שטעהט איינזאם די געביידע פון דער „פרייער קאָמאַנ־

דאָ". עס זעהט אויס אויף'ן אַנבליק, ווי דאָס וואָלט געווען דער אָסטראָג אליין. עמיצער האָט פון דאָרט צוגענומען דעם צאַהם און די איבעריגע זאַכען, און ער איז אזוי פערבליבען שטעקען אליין אין סטעפּ.

און אָט ביי דער ווייסליכער, צודרעהטער סטעזשקע טרעט ארויס דער בעוואוסטער, ווייסער, הויכער שטיין, וועלכער ווערט דערמאָנט אין דער היסטאָריע פון דער קאטאָרגא. דאָס איז דער קבר פון אַן אַנטלאָפענעם קאַטאָרזשניק, וועלכען מען האָט, יאָ־גענדיג זיך נאָך איהם, דער'הרג'עט און אויפ'ן זעלבען פּלאַץ בע־גראָבען און אוועקגעשטעלט דעם ווייסען שטיין פאַר א מצבה.

רעכטס הויבט זיך צו דער הויך א מרה שחורה'דיגער ריעזיגער פעלז, וועלכער בילדעט, דוכט זיך, ווי א מורא'דיגען באַלקאָן איבער דער קעניגרייך פון קאַטאָרגע. ער הענגט אזוי ווי אין דער לופטען און דראָהעט, אז אָט אָט וועט ער זיך אבררייסען און בעגראָבען אונטער זיינע חורבות אלע קאַטאָרזשנע געביידעס מיט זייערע איינוואהנער צוזאמען.

און דאָרט אויף דער אַנדער זייט, אויף איינעם פון די בערג־לעך, זעהען זיך די קברים פון די „נאראָדאָוואָלצעס“ און פון די פּוילישע מיאטעזשניקעס, וועלכע זיינען דא געשטארבען אין פער־שיעדענע צייטען. שוין לאַנג ווי עס רוהען דא דיזע גרויסע פער־שיקטע און קיין זכר וואָלט שוין ניט פערבליעבען פון זיי, ווען ניט די בעמיהונגען פון מעלשין'ען, וועלכער האָט דאָ פערבראכט און וועל־כער האָט גע'פועל'ט, אז מען זאל די מצבות בענייען. ווען איוואַ־נאָוו, א פּאָליטישער, א סטודענט פון מעדיצין, איז געשטאָרבען און איז אויך אויף דיזען פּלאַץ בעגראָבען געווארען, איז מעלשין'ען גע־לונגען, אז מען זאָל די איבעריגע איינגעאפלענע קברים צורעכט מאַכען.

און איצט, אויף א הויכען אָבגעהאקטען שטיין, צווישען די נאקעטע און ווילדע בערגלעך, טהיילען זיך אב איינזאם און שטאָלץ א גאַנצע גרופּע צלמים־מאָנומענטען.

צוקוקענדיג זיך צו דיזע מאָנומענטען בעמיהסטו זיך דורכ־שטודירען און אוועקטראגען מיט זיך די אלע ערצעהלונגען, וואס מען האָט זיך אָנגעהערט וועגען דעם לעבען פון אָט דיעזע מארטירער־

פערשיקטע, די „מלוכה־פערברעכער“, וועמעס גערעכנים איז פער־בליעבען און געהט איבער פון דור צו דור ביי די בויערן־איינוואהנער און דרינגט אויף אריין אין די קאטאָרזשנע אָסטראגען.

פיעלע לעגאנדארישע ערצעהלונגען גיבען אויף איבער די אלטע איינוואוינער פונ׳ם דאָרף וועגען טשערנישעווסקי׳ן און מיכאילאָוו׳ן, וועלכע האָבען זיך דא איינגעפונען אין דער צייט, וואָס דער בע־ריהמטער ראזגולדייעוו האָט דאָ געשאַלטעט און געוואַלטעט.

ווען דו קעהרסט זיך אום מיט׳ן פנים פון׳ם צופוסען פון׳ם מרה שחורה׳דיגען פעלז, לעבען וועלכען עס געפינט זיך דאס דער־פעל, צווישען חורבות פון שטיינער, גראניט־פעלזען, זעהען זיך ארויס אָט די זילבער־שיכטען מיט זייערע קוימענס און נאכט־פליג־לען און אנדערע געביידעס.

זייער פינסטערער אויסזעהן טרייבט אויף דיר אָן טרויעריגע מחשבות און דערמאָנט, אז גאר נים לאנג האָבען דאָ אין פינסטערע, אונטעראירדישע לעכער, אין דונקעלהייט און פייכטקייט, מיט אי־בערמענשליכע יסורים, געשמידטע אין אייזען, געארבייט מענ־שען, אונטער דער געפאהר פון׳ם באיאָנעט און ריטער האָבען זיי געקלאפט אין די שטיינער און ארויסגעקראגען פון דאנען די זילבער־רודע, דורכגעזאפט מיט מענשליכע בלוט.

ווי א שטורם טראָגען זיך דורך אין דער פארשטעלונג דיזע איינדריקע און בילדער פון דער דאזיגער סביבה אין יענער פאטאַ־לער נאכט און גיסען זיך צונויף צוזאמען מיט דעם געפיהל, אז דו געפינסט זיך אויף דער גרענעץ פון פרייהייט און געפאנגענשאפט, אויפ׳ן ורענעץ פון לעבען און טויט.

קריכענדיג אזוי אויף אלע פיער פארוועךטס, ווי א ראק, און לאנגזאם, האָבען מיר זיך שוין אבגערוקט אויף אזא בעדייטענדער שטרעקע, אז עס האָט זיך שוין דערזעהן דער אָסטראָג.

דער שווארצער און גרויסער אסטראג, מיט זיינע פיעלע, שוואך־בעלויכטענע פענסטערלאך, האָט אויף אונז א קוק געטהאָן בייז. אזוי ווי ער וואלט זיך מיט זיין חושך־שווערקייט אָנגערוקט אויף אונז און פערפאָלגט, וועלענדיג אונז אין גאנצען צודריקען. אויף אלע זיינע פיער ווינקלען זיינען אין זייערע הויכע ביידלאך גע־שטאנען די וואך־פאָסטען מיט זייערע ביקסען אויף די אקסלען.

יצחק פייגלמאן

זייערע פנים'ער זיינען געווען גערִיכטעט ווער צום הויף פונ'ם נאַטשאַלניק און ווער צו דעם יום טוב'דיגען דאָרף. זיי זיינען גע־שטאַנען אונבעוועגט, פערטראַכט, קענטיג, דאָס זיי האָבען זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו די פרעהליכע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך פון דאָרט דערטראָגען.

די יום טוב'דיגע און הייליגע שטימונג האָט זיי אָבגעצויגען פון זייערע הייליגע דינסט־פפליכטען. עס קען זיין אז זיי האָבען זיך אין יענעם מאָמענט עראינערט אָן זייער היים, זייערע קרובים און האָבען געטרוימט וועגען יענער גליקליכער צייט, ווען זיי וועלען זיך אויך קענען משמח זיין און געניסען פון הייליגען יום טוב.

אונז האָט עס אבער אויף קיין האָר ניט בערוהיגט. מיר האָבען אָנגעשטרענגטערהייט נאָכגעפאָלגט זייער יעדער בעוועגונג, ווייל ווען זיי וואָלטען אונז נור בעמערקט וואָלטען זיי אונז גלייך דערשאָסען, ניט אכטענדיג וואָס זיי זיינען געווען אזוי יום טוב'־דיג געשטימט.

מיר האָבען געדאַרפט פערבייגעהן עטליכע אזעלכע געפעהרלי־כע וואַך־ביידלאַך, איידער מיר זאָלען דערגרייכען דעם נויטיגען גרויסען וועג אין פעלד. פריהער האָבען מיר בעדאַרפט דורכ־געהן די געגענד פונ'ם אסטראָג, דערנאָך די קאָנוואָינע קאָמאַנדאָ, וואו עס איז אויך געווען א וואַך, נאָכהער די געגענד פון דער אדמיניסטראַציע און צום סוף דורכגעהן דעם דאָרף פערביי די בויערשע הייזלעך. ערשט דאַן וועלען מיר צוקומען צום וועג, וועל־כער פיהרט צו יענעם אָבגערעדטען פונקט, וואו אונז האָבען ער־וואַרטעט די פערד.

לאַנגזאַם און גערוישלאָז, אָנשטרענגענדיג זיך ניט צו מאַכען דעם קלענסטען קלאַנג, ניט ארויסצייגענדיג קיינע לעבענס־שפורען, האָבען מיר זיך שטיל אונטערגע'גנב'עט פון איין פונקט צום צוויי־טען, ביז וואַנען מיר האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו שטעלען זיך אויף די פיס.

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך צורעכט געמאַכט האָבען מיר אָנ־געלאָדען אונזער געוועהר און האָבען נאָכאַמאָל ווידערהאָלט אונזער אָבמאַך אין פאַל טאָמער כאַפּט מען אונז. דער אבמאַך איז בעשטאַ־נען, אז מיר זאָלען זיך לעבעדיגערהייד ניט אונטערגעבען, פאַר

קיין שום פאַל ניט לאָזען זיך נעהמען געפאַנגען צוריק; און אויב זיי וועלען אונז ניט דער'הרג'ענען, זאָלען מיר זיך איינע די אנדערע אומברענגען. צוליעב דיעזען צוועק האָבען מיר זיך פער־זאָרגט אויך מיט גיפט.

צונויפנעהמענדיג אַלע אונזערע כחות, בענוצענדיג זיך מיט פּלענער, וואס מיר האָבען געהאט און אנווענדענדיג אונזער אייגע־נעם סטראַטעגישען שכל, האָבען מיר זיך געלאָזען געהן ווייטער. ניט איין מאָל איז אונז אויסגעקומען בלייבען שטעהן בעוועגלאָז, ווי פערשטאָרבענע, ווען מיר פּלעגען דערזעהן עפּעס א שאָטען, אָדער א וועלכע עס איז פיגור, אין דער ווירקליכקייט אדער אין אונזער פאַנטאַזיע.

צוקומענדיג נעהענטער צום דאָרף, האָבען זיך די קלאַנגען און געשרייען פון מענשליכע קולות דערהערט אַלץ העכער און שטאַרקער. צייטענווייז האָט זיך געדאַכט, אז דאָס זיינען קולות פון וועכטער און סאָלדאַטען, וואָס יאָגען זיך נאָך אונז.

מיט א פערהאַרטעוועטען ווילען, וואָס איז געקומען פון דער געפאַהר און שרעק, און וועלכער ווייסט ניט פון אויסקלייבען און פון צווייפלען, האָבען מיר פּאָרטגעזעצט אונזער וועג, וועלכער איז יעצט פאַר אונז פערבליעבען דער איינציגער און האָט ניט געקענט זיין קיין אנדערער, ווי בלויז דער, וועלכען מיר האָבען פאַר זיך.

מיינע פיזישע קרעפטען האָבען מיך אָנגעהויבען צו פערלאָ־זען אַקוראַט דאַן, ווען עס האָט זיך געפאָדערט א בעזונדערע אנ־שטרענגונג. אָבער מיין חבר, א שטאַרקער און געזונדער יונג, האָט מיך א כאַפּ געטהאָן אונטער'ן האַנד און מיך געפיהרט נאָך זיך מיט זיין גאַנצער קראַפט.

צוקומענדיג צום עק דאָרף, האָבען מיר זיך צום ערשטען מאָל אָבגעשטעלט אביסעל אבצורוהען זיך. אויף אונז האָט א בלאָז געטהאָן דער סטעפּ מיט זיין פרישקייט און ברייטקייט. פּאָראויס, אין אונאָרדנונג, האָבען זיך געהויבען צום הימעל ווי מורא'דיגע קופּאָלען, די זאַבייקאַלער בערג. נור יענע פון זיי וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע פערשאַרפּטע, צוגעשניטענע פעלזען און גרויסע שטיינשטיקער, וועלכע האָבען ארויסגעקוקט אין'ם רוים, האָבען בעוויזען זייער ווירקליכע נאַטור.

די נאַכט איז געווען א שטילע, א ריינע און א לבנה'דיגע;

א קאַלטער, שאַרפער ווינטעל האָט פריי און מיט א פּייפעריי זיך צושפּיעלט און אבגעפרישט אונזערע מיעדע כחות.

איצט האָבען מיר זיך אומגעקוקט אויף צוריק און בעטראַכט דעם דורכגעגאנגענעם וועג. פאר אונז האָט זיך פאַרגעשטעלט אַן אונבעקאַנטעס בילד.

טיעף אין דער ניעדער, אין אן ענגען, פינסטערען טאָהל, האָט זיך געצויגען ווי א גראָהער פּאַס דער דאָרף, ארומגערינגעלט ביי די זייטען פון'ם האָריזאָנט מיט טרויעריגע, שאַרף־שפּיציגע בערג־לאַך. די אַלטע, ארימע און האַלב־איינגעפאַלענע חורבות האָבען זיך צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע, אזוי ווי זיי וואָלטען מורא גע־האַט פאר די בערגיגע גיגאַנטען, וועלכע האָבען ארומגעכאַפּט זייער אָרימען און פערגעסענעם דערפעל.

שווער איז פון אנפאנג געווען צו דערקענען די אלע בעקאַנטע פּלעצער און פּונקטען, וועלכע האָבען איבערגעלאַזען אזוי בולט דעם איינדרוק אין אונזערע געהירען. נור דער שיין פון פּיעלע פייערלעך אין איין אָרט האָט באַלד אָנגעוויזען, אז דאָס איז די קאַטאָרזשנע סביבה. און ווען מיר האָבען זיך איינגעקוקט אין יענער זייט, האָבען מיר באַלד דערקענט די לאַנגע הילצערנע, קאַטאָרזשנע געביידעס. די געשטאַלטען פון די וואַך־פּאָסטען, וועלכע האָבען גע־שטעקט ווי אין דער לופטען און אויך אנדערע בעקאַנטע זאַכען. די פערשטיקטע, משונה'דיגע און געמישטע קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך צו אונז דערטראַגען, האָבען געציינט, אז דאָרט בעוועגט זיך עפּעס און לעבט.

דאָס ביסעל אברוהען זיך האָט נאָך מעהר געווירקט אויף אונזער אויסגעמאַטערטקייט. מען האָט אָבער ניט געטאָרט א מינוט פערליערען. מיר האָבען געמוזט פאַרטזעצען אונזער וועג. דערצו האָט זיך נאָך געפאָדערט א געוויסען טייל פונ'ם וועג דורכ־צומאַכען מיט אַן אונגעוועהנליכער שנעלקייט.

א קלאָרע לבנה־נאַכט איז עס געווען, און דעריבער איז דאָס גאַנצע פּלאַכע פעלד אין יענעם פּלאַץ געווען העל בעלויכטען. ביז אהער האָבען מיר זיך נאָך ווי עס איז געקענט בעהאַלטען אינ'ם שאָטען פון די קאַטאָרזשנע און דאָרפישע געביידעס. איצט אבער, ווען אימיצער זאָל אהער א קוק טהאָן, וואָלט ער באַלד בעמערקט צוויי געהיימניספולע, איינזאַמע געשטאַלטען, וואָס בעוועגען זיך.

און די אונגעוועהנליכע צייט און אזא אויסערגעוועהנליכער פאקט וואָלט באלד דערוועקט א חשד. מיר האָבען אָבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און מיט די לעצטע כחות האָבען מיר זיך גע־לאָזט לויפען, ביז מיר האָבען דערגרייכט דעם לעצטען בערגעל, וועלכער האָט אונז פערשטעלט פון געפעהרליכע בליקען.

כאָטש לויט'ן אויסגעארבייטען פלאן איז אויסגעקומען אויף זיכער, אז מיר געפינען זיך אויפ'ן ריכטיגען וועג, האָט אָבער דאָס אויסגעמאטערטע הארץ זיך געשראָקען און אלערליי צווייפלונגס־געדאנקען האָבען געעגבערט דעם מח: וואָס טהוט מען, ווען דער פלאן אליין איז גאָר ניט ריכטיג, אָדער ווען מיר פיהרען איהם ניט ריכטיג דורך? עס פאסירט דאָך אָפט, דאָס אנטלאָפענע פער־בלאנדזשען און דרעהען זיך אזוי לאנג איבער די בערגלעך, ביז וואנען זיי קומען צוריק צו דער קאטאָרזשנער טעריטאָריע, וואו מען כאפט זיי דאן לייכט.

ניט בערוהיגענדיג זיך וועגען דעם, שפרינגען שוין די געדאנקען אריבער אויף אן אנדער חשד און פייניגען אָהן רחמנות און מאטע־רען די נשמה: „ווער ווייס, אויב דער פויער ווארט אויף אונז אויפ'ן בעשטימטען פלאץ? טאָמער האָט ער אונז גאָר גע'מסר'ט? עס קען דאָך זיין, אז ער האָט אונז פערראטען און דאָרטען ווארטען שוין אויף אונז די אויפזעהער מיט דעם נאטשאלניק?" דאָס איז דאָך דער געוועהנליכער טראגישער רעזולטאט פון די אבמאכונגען מיט די פויערים.

ערשט ניט לאנג האָט פאסירט אזא פאל. מען האָט געדונגען א פויער, וועלכער האָט בעדארפט אבווארטען צוויי אנטלאָפענע אויף א בעשטימטען אָרט. ווען די צוויי ארעסטאנטען זיינען ער־שיענען אויף יענעם פלאץ, האָבען זיי דאָרט געטראָפען א קאָמפּאַ־ניע סאָלדאטען מיט נאדזיראטעלעס, וועלכע האָבען צוי טאקע אויפ'ן אָרט דערשאָסען.

ניט שוין זשע ערווארטעט אונז אויך דאָס זעלבער שיקזאל? דאכט זיך מיר זיינען געווען אזוי פארזיכטיג, אלעס אזוי גוט אויס־גערעכענט און פאראויסגעזעהן! מיר האָבען קודם כל פערשפּראָכען אונזער פויער, אז מיר וועלען איהם בעזאָרגען מיט אזא דאָקומענט, וועלכער וועט איהם שטעלען אויסער יעדע געפאהר; דיעזען דאָ־קומענט האָבען מיר טאקע איצט מיט אונז. דאָס איז א געפעלשטער

צושריפט פון׳ם נאטשאלניק, וואו אויף א פּאָרמענעם פּאפּיער און מיט דעם זיעגעל און אונטערשריפט פונ׳ם נאטשאלניק איז געגעבען די פולע ערלויבניש פאר אזא און אזא פויער אָבצופיהרען אויף א געוויסען פלאץ צוויי ארעסטאנטען צוליעב א געוויסער אנגעלע־גענהייט. אז דער פויער האָט מיט זיך אזא צושריפט, איז ער אין גאנצען אונפעראנטווארטליך, ווען מען זאָל אונז כאפּען. דערצו האָט ער נאָך פון אונז בעקומען גאנצע הונדערט רובעל. פאר א „טשאלדאָן" איז אזא סומע גלייך ווי 100 טויזענד רובעל. אָבער ער קאן דאָך פריהער אויסנארען ביי אונז דאָס געלד און דערנאָך ערשט אונז אויסליפערען צום נאטשאלניק? ער קאן דאך נאך דער־צעהלען וועגען אונזער צווייטען פערברעכען, די פעלשונג פונ׳ם דאָקומענט? און אפילו ווען דיזער פונקט פון אונזער אנטלויפען זאָל שוין אראָב גלאט, טו וויפיעל אנדערע געפאהרען ערווארטען נאָך אונז? איין געדאנק טרויסט נור, און דאָס איז, אז לעבעדיג וועלען מיר זיך בשום אופן ניט לאָזען פאנגען.

און ווי אונרוהיג אונזערע געדאנקען זיינען ניט געווען, און ווי טרויעריג מיר האָבען זיך ניט געפיהלט, האָבען מיר דאָך פיעבער־האפט געשפּאַנט פאָראויס. מיר זיינען שוין פערגאנגען טיעף אין דער ווילדער און בערגיגער סטעפּ. ארום און ארום האָט זיך צו־ווארפען א ים פון טרויעריגע בערג, בעדעקטע מיט שנעע, וועלכע האָבען ארומגעכאפּט דעם גאנצען האָריזאָנט מיט זייערע אייז־גרויע בערג־שפּיצען. פון גאנץ ווייט האָט זיך דערטראגען א טויבער, איינטאָניגער גערויש פון׳ם געדיכטען וואלד. ביים זייט פון וועג בעמערקען זיך שפּורען פון די „טונדרעס", וועלכע מען קאן ניט דורכגעהן. די שנעע־שטיקער אויף די בערג האָבען געבילדעט זאָנ־דערבארע פיגורען, געהיימניספולע, וועלכע, דוכט זיך, פערפאלגען און דראָהען אונז. צייטענווייז הערט זיך פון ערגעץ א שארפער און בייזער אויסגעשריי פון א הונגעריגער חיה.

מיר האָבען זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דער פינסטע־רער ווייטקייט אום צו דערזעהן יענעם צלם, וואו עס דארפען ווארטען אויף אונז די פוהרען.

ווער קאָן וויסען, וואָס אזוינס בעדייטעט יענער געהיימניס־פולער און אונבעוואוסטער קבר, אין אזא איינזאמען פלאץ; מיר האָבען בלויז געוואוסט, אז לעבען צלם פון דיעזען קבר האָבען מיר

זיך געדארפט בעגעגענען מיט'ן פויער. די בעגעגעניש האָט גע־דארפט פּאַרקומען דורך דער הילף פון א פריהער אבגעמאכטען ציי־כען, וועלכער איז בעשטאנען אין פאלגענדעס: אויף א געוויסער שטרעקע פון'ם צלם האָבען מיר בעדארפט אנצינדען א שוועבעלע און דער פויער פון זיין זייט האָט אויך בעדארפט טהאָן דאָס־זעלבע.

עס האָט ניט גענומען לאנג און פון אונטער א בערגעל האָט זיך בעוויזען דער שפיץ פון א צלם. דאָס הארץ האָט מעכטיג גע־נומען קלאַפּען, ווען מיר האָבען איהם דערזעהן און, ניט אבריי־סענדיג אונזערע בליקען פון דיזען פּינטעלע, וועלכע האָט זיך אלץ מעהר גענומען פערגרעסערען, האָבען מיר זיך צו איהם דער־נעהנטערט. ווען פאר אונזערע אויגען האָט זיך בעוויזען כמעט אין גאנצען דער צלם, האָבען מיר זיך אבגעשטעלט און אָנגעריבען א שוועבעלע.

אין איין מינוט האָבען מיר אלס אָן ענטפער דערזעהן אזא פּייערל אויך דאָרט.

ארום אונז האָט געהערשט א בית־עולם שטילקייט. די כחות וואָס האָבען ביז אהער געארבייט, זיינען ווי שטיל געוואָרען, ווי זיי וואָלטען וועלען שטומע עדות זיין פון אלעם וואס דא קומט פאָר.

נעהמענדיג אין איין האנד דאָס גיפּט און אין דער צווייטער די צורעכטגעמאכטע געוועהר, האָבען מיר זיך שנעל געלאָזען לויפען אין דער ריכטונג פון'ם אויסגעלאָשענעם פּייערל.

בלייך ווי דער טויט איז פאר אונז געשטאנען דער פויער פּיאָטר וואסיליטש און טרייסלענדיג זיך פון אויפרעגונג, האָט ער א זאָג געטהאָן זעהר שטיל:

— לעבעדיגער, קינדער!

מיר זיינען ארייגעשפרונגען אין וואָגען. ער האָט אונז גיך אויסגעלייגט, ארויפגעווארפען אויף אונז א גרויסען בארג הייה, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אונז און האָט גענומען טרייבען די פערד.

גוטער פּיאָטר! ווי דאנקבאר מיר זיינען איהם געוועזען אין יענער מינוט! זיין אויסזעהן און זיין אויפפיהרען זיך האָבען אין גאנצען בעזייטיגט יעדען פערדאכט, וואָס האָט אונז די גאנצע צייט אזוי גענאָגט.

דריי מעת־לעת דורכאנאנד האָט ער זיך אויסבעהאלטען צווי־שען די בערג, אין דער וויסטעניש, ליידענדיג פון יסורים און שרעק. אוועקגעפאהרען איז ער מיט דריי מעת לעת בעפאָר אונ־זער אנטלויפען, כדי קיין פערדאכט זאָל נאכדעם אויף איהם ניט פאלען.

אויף אזא'ן אופן האָבען מיר ניט איבערגעלאזען נאָך זיך קיינע שפורען.

ווי געיאָגט פון רוחות האָט זיך דאָס פאָר פערד געטראָגען, דאָס אויפהויבענדיג זיך אויף א בארג און דאָס אראָבלאָזענדיג זיך אין טיעפע גראבענס. אום אויסצומיידען ניט געווינשטע בעגע־גענישען, זיינען מיר ניט געפאהרען מיט'ן געוועהנליכען וועג, נור מיט א זייטיגען, א שווערען און פול מיט גריבער.

אונטער'ן שווערען בארג שטויביגע היי זיינען מיר געלעגען און זיך צוגעהערט צו דעם גערויש פון די רעדער און צו דער קלאפעריי פון דעם וואָגען, אנשטרענגענדיג זיך צו כאפען וועלכע עס איז קלאנגען.

די געדאנקען זיינען ארומגעשפרונגען פון איין זאך צו דער צווייטער. „וואָס טהוט זיך איצט דאָרט? האָט מען זיך שוין גע־כאפט? יאָגט מען זיך שוין נאָך אונז?" דיעזע פראגען האָבען מיר זיך איינער דעם צווייטען געשטעלט.

„און ווי פיהלט זיך איצטער דער חבר ק.?" האָבען מיר זיך גע־נומען דערמאָנען אויף דעם און אויף יענעם פון אונזערע חברים, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין אונזער אנטלויפען, און אויף פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען, וואס זיינען דערמיט געוועזען פער־בונדען. דיזע עראינערונגען האָבען אָבער ניט לאנג פערנומען אונזערע געדאנקען און מיר האָבען גענומען בעקלעהרען אלעס דאָס, וואָס עס שטעהט אונז יעצט פאָר. און דערווייל האָבען מיר שוין פונאנדערגעשארט אביסעל די היי און געמאכט א לאָך, אז מיר זאָלען האָבען אביסעל פרישע לופט און זאָלען קענען זעהן, וואָס עס טהוט זיך ארום אונז.

מיט אמאָל האָט זיך צו אונז דערטראָגען פון ערגעץ וויים דאָס בילען פון הינד. מיר האָבען זיך שטארק פערוואונדערט און זיך געווענדעט צו פיאָטר'ן, ער זאָל אונז ערקלערען וואָס דאָס בעדייטעט. ער האָט אונז געזאָגט, דאָס מיר וועלען באלד דארפען

דורכפאהרען א קאָזאַצקען דאָרף. אַלע אָרטיגע דערפער שטעלען כמעט פאָר מיט זיך „סטאַנציעס“ פון די זאַבייקאַלער קאָזאַקען.

עס האָט אנגעהויבען ווערען ליכטיגער, עס האָט שוין גע־טאָגט. אַלץ נעהענטער און העכער איז געוואָרען דאָס בילען. אין גיכען האָבען זיך אין דער ליכטיג־בלאַהליכער ווייטקייט בעוויזען אַלע סמנים פון א מענשליכען ישוב: זיילען פון׳ם שווארצען רויך, דער שפּיץ פון א קלויסטער און די גרויע הילצערנע דעכער פון די דאָרפישע הייזלעך.

מיר האָבען זיך גוט איבערגעדעקט און האָבען אָנגענומען אזאַ פּאָזע, אז אי מיר זאָלען זיך קענען בעקוועם ליגען, אי מען זאָל אונז די גאַנצע צייט ניט בעמערקען.

מיר זיינען אריינגעפאהרען אין דאָרף. מיר האָבען באַלד דערהערט א טופּעריי פון פיעל פיס און מענשליכע שטימען; עפּעס האָט מען געזאָגט אונזער פּיאָטר׳ן און ער האָט געענטפערט. באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט א געלעכטער מיט בעזונדערע אויסגעשרייען, אָבער מיר האָבען גאָרנישט געקענט פערשטעהן. דאָס שנעלע און אָפטע קלאַפּען פון אונזערע הערצער האָט, דאכט זיך, אזוי ווי געשטערט, אז מיר זאָלען קענען פערשטעהן, וואָס דאָ קומט פאָר.

די מענשליכע קולות זיינען מיט אמאָל שטיל געוואָרען. דער־פאַר האָבען מיר אָבער געפיהלט, אז דאָס בילען פון פיעלע הינד ווערט אַלץ נעהענטער.

ווי פּיאָטר האָט אונז נאָכדעם דערצעהלט, איז עס דורכגע־גאַנגען א מחנה קאָזאַקען, פון וועלכע פיעלע זיינען געוועזען זיינע גוטע בעקאַנטע. ער האָט זיך מיט זיי געגריסט, געמאַכט אייניגע בעמערקונגען, געזאָגט גלייכגילטיג עפּעס און דערמיט האָט זיך דאָס בעגעגעניש געענדיגט.

ווען מיר זיינען דורכגעפאהרען די גאַסען פון דעם שלאָפענדען דאָרף האָבען אונזער וואָגען ארומגערינגעלט גאַנצע מחנות הינד, וועלכע האָבען אויפגעהויבען א שטאַרקען בילען און סקאַוויוטשען. זיי האָבען מיט אזא ווילדע רציחה זיך געריסען און געוואָרפען, אז אונז האָט זיך געדאַכט, דאָס זיי וועלען אויפוועקען דעם גאַנצען דאָרף און מען וועט אויף אונז אנהויבען קוקען פון די טיהרען און פענסטער.

מעהר האָבען מיר שוין ניט געקענט אויסהאלטען און האָבען א קוק געטהאָן אויפ'ן דאָרף. איבעראל זיינען טהירען און פענסטער געווען פעסט צוגעמאכט; קיין איין מענשליכע געשטאלט האָט זיך ניט געזעהן. עס האָט געהערשט א שטילקייט, וועלכע בלויז די הינד מיט זייער בייזען בילען האָבען געשטערט.

ווען מיר זיינען בשלום דורכגעפאהרען דעם דאָרף, האָבען זיך די פערד ווידער גענומען טראָגען איבער'ן אָפענעם און גלייכען וועג. זיבעציג וויארסט זיינען מיר אויף אזא אופן אבגעפאהרען. די פערד זיינען געווען שטארק אויסגעמאטערט און מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל אבגעשטעלט רוהען. הגם מיר האָבען נאָך געדארפט זיין אויף דער וואך, האָט אָבער די נאטור גענומען פאָדערען איהרס. אויסגעמאטערטע פון די אלע איבערגעלעבטע שרעקען, זיינען מיר אנטשלאָפען געוואָרען, ניט בעקענענדיג זיך אפילו רעכט מיט דער סביבה, וואו מיר האָבען זיך געפונען.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאפט נאָך א שווערען שלאָף, פול מיט חלומות, האָבען מיר זיך געפונען ביים ברעג פון'ם טייך ארגון. די גלאטע אויבערפלעכע פון דיזען טייך האָט זיך געצויגען ווייט, ווייט און האָט זיך ווי צוזאמענגעגאסען מיט'ן האָריזאָנט און הימעל. דער רוישענדער מורמעל פון די טיעפע וואסערען האָט אָנגעפילט די לופט מיט איינטאָניגע קלאנגען. די נאטור ארום האָט גאָר ניט געוואָלט אנערקענען, אז עס איז שוין פריהלינג און האָט זיך נאָך געפונען אין די ארעמס פון דעם בייזען, קאלטען ווינטער. א שניידענדע קעלט האָט דורכגענומען מיין קערפער און איך האָב פיבעריש געציטערט.

אין גיכען האָבען זיך אויך אויפגעכאפט מיינע בעגלייטער. מיר האָבען צולעגט א פייער, האָבען זיך ארומגעזעצט ארום איהם און מיט אפעטיט גענומען צובייסען פון די שפייזען, וואָס פיאָטר'ס ווייב האָט פאר איהם צוגעגרייט.

ווען דער הונגער איז שוין געווען געשטילט, האָבען מיר זיך אביסעל צורעכט געמאכט און נאכהער אָנגעטהאָן די פעלצען, וואָס פיאָטר האָט צוגעגרייט, אין וועלכע מיר האָבען געדארפט שפיעלען די ראָלע פון סוחרים.

אין'ם גאנצען ווייטערען וועג, אין אלע דערפער און סטאנציעס, וואו אונז איז אויסגעקומען זיך אבשטעלען, האָבען מיר זיך אָנ־

נעגעבען פאר סוחרים פון טארבאגאנער פעלכלאך. טארבאגאנעס זיינען אזעלכע חיה׳לעך, וועלכע געפינען זיך אין יענע פלעצער. זייער פעל ווערט הויך געשאצט אין רוסלאנד, און אט מיט דעם האבען מיר עס געהאנדעלט.

איינמאל איז אונז אויסגעקומען אבצושטעלען זיך ביי אן אטאמאן (דער עלטסטער פון קאזאקען) אין א קאזאצקען דארף פיאטר, וועלכער איז געווען מיט איהם גוט בעקאנט, האט אונז פארגעשטעלט פאר איהם אלס סוחרים און פארשטעהער פון א געוויסער פירמע. דער אטאמאן האט אונז זעהר גאסטפריינדליך אויפגענומען.

באלד האט מען אויפ׳ן טיש אוועקגעשטעלט א גרויסע פלאש בראנפען, און די בעל הבית׳טע האט גענומען פאר אונז צוגרייטען א פיינעם ווארמעס. דער ווירטה, זעהר א בערעדזאמער, האט אונז פערוואָרפען מיט שאלות, זיך פונאנדערגעפרעגט וועגען אונזער פירמע און וועגען פיעלע אנדערע זאכען. מיר, פון אונזער זייט, האבען איהם דערצעהלט וועגען דעם ערפאלג פון אונזער פירמע און וועגען די אבטיילונגען, וועלכע זי האט אין אלע גרויסע שטעדט פון איירא‍פעאישען רוסלאנד, סיביר און אפילו אין מאנדזשוריע. נאכהער זיינען מיר אריבער צו אונזערע אייגענע געשעפטען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט זיינע אייגענע פעלכלעך ארום א טויזענד, וועלכע ער וויל פערקויפען. אבער מיר האבען ניט געקענט איינשטימען מיט דעם פרייז. ער האט אפילו גענומען ארא‍בלאזען פונ׳ם מקח, ווייל איהם האט זיך געוואלט שטעהן אין פערבינדונגען מיט אונזער פירמע און אנהויבען אונז צושטעלען סחורה, מיר האבען אבער אלץ ניט געקענט מושוה ווערען. לאנג האבען מיר זיך געדונגען, און אזוי ווי מיר האבען איהם נעבאטען זעהר א קליינעם מקח, האבען מיר, ווי געוועהנליך, ניט געקענט צונויפגעהן זיך.

ענדליך האבען מיר אויפגעהערט צו דינגען זיך און האבען איהם ערקלעהרט, אז מיר וועלען נאך צו איהם פערפאהרען אויף צוריקוועגס, ווייל, האבען מיר איהם געזאגט, מיר פאהרען איצט אין א פלאץ איינקויפען סחורה און ארויסשיקען עס, וועלען מיר

צוריקפאהרענדיג פערפאהרען צו איהם און דאן ווי עס איז צונויפ־געהן זיך וועגען מקח.

נאָכדעם האָט זיך ביי אונז ווידער פערבונדען א זייטיגער געשפרעך, און צווישען אנדערעס האָט דיזער קאָזאצקער אָטאמאן אונז דערצעהלט, אז ער האָט בעקומען א נאכריכט וועגען צוויי אנטלאָפענע קאטאָרזשניקעס, און האָט זיך פונאנדערגעפרעגט ביי אונז צו האָבען מיר אויפ׳ן וועג ניט בעגעגענט קיין פערדעכטיגע פּערזאָנען. ער האָט אונז אויך געפרעגט, צי מיר האָבען ווען עס איז אמאָל געזעהן ארעסטאנטען, קאטאָרזשניקעס, און ווען מיר האָבען איהם געזאָגט אז ניט, האָט ער פאר אונז גענומען מאָהלען זייער אויסזעהן, זייערע קליידער א. ז. וו.

ער איז געווען שטארק אויפגעבראכט אויף דער נאכלעסיגקייט פון דער אדמיניסטראציע, וועלכע נעהמט ניט פאָר קיין גוטע מיטלען אקעגען דאָס אָפטע אנטלויפען פון די קאטאָרזשניקעס. דערפאַר האָט ער זיך אָבער געטרויסט מיט דעם געדאנק, דאָס די אנטלאָפענע וועלען זיך פאר קיין פאל ניט ארויסדרעהען פון דיזע פלעצער. פריהער אָדער שפעטער — מען וועט זיי כאפּען.

מיר האָבען זיך נאטירליך כלומרשט שטארק געוואונדערט וועגען דאָס אלעס, וואָס ער דערצעהלט אונז און מיר האָבען איהם נאָך געשטעלט פערשיעדענע פראגען. און דערביי איז אונז אויס־געקומען איבערצולעבען א זעהר אונאנגענעהמען צושטאנד. מיר זיצען אזוי און ריידען. מיט אמאָל גיט ער א פרעג ביי מיין חבר זיין פאמיליען־נאָמען. מיין חבר האָט זיך אָבער הפנים פערגע־סען אָן דעם אין יענעם מאָמענט און גענומען פּלאָנטערען זיך אין זיינע ענטפּערס אויף דעם אטאמאנ׳ס פראגען.

די לאגע איז געוואָרען זעהר א קריטישע, אויב ניט קיין גע־פעהרליכע. צום גליק האָט זיך פיאָטר ארייגגעמישט און אונזביידען איז געלונגען צו בעזייטיגען די געפאהר. מיר האָבען זיך מיט איהם ווארעם צוזעגענט מיט דער האָפנונג אין גיכען זיך ווידערזעהן.

דעם האנדעל מיט די פעלכלעך האָבען מיר שוין אזוי אָנ־געפיהרט אין אלע ערטער וואו מיר האָבען זיך בעראָפט אָבשטעלען.

אויף דעם פערטען מעת־לעת פון אונזער רייזע איבער דעם

זאוואדסקען אויעזד פון נערטשינסק, זיינען מיר צוגעפאָהרען צו דער גרענעץ פון מאנדזשוריע. דאָס איז די גרענעץ פון מזרח־סיביר און דער כינעזער טעריטאָריע, וואו עס בעל־בית'ועט נאָך די רוסישע מאכט. די אָפיציעלע גרענעץ איז די סטאנציע מאנ־דזשוריע און מיר האָבען ניט געדארפט פאהרען מיט דיזען וועג, נור מיט אַן אנדער זייטיג וועגעל, מיט וועלכען עס קענען זיך נור בענוצען זעהר זעלטען די אָרטיגע איינוואוינער.

מיר האָבען אפילו דא געדארפט ערווארטען א שטערונג, ווייל ווי באלד אז די אנטלאָפענע קאטאָרזשניקעס קענען זיך בענוצען מיט אזא וועגעל, ווייסען עס מן הסתם די בעאמטע אויך און זיי האָבען עס שוין געווים בעזאָרגט מיט א וואך. מיר האָבען אָבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט און אזוי ווי אזוי האָבען מיר בע־דארפט געהן דער געפאהר אנטקעגען. מיט דער גרעסטער פּאָרזיכ־טיגקייט האָבען מיר זיך אָנגעהויבען דערנעהענטערען צו דעם פער'כשופ'טען פּלאץ.

עס איז שוין געווען פארנאכט, ווען מיר זיינען אריינגעפאה־רען אין מאנדזשוריע. פון ווייטען נאָך האָבען מיר בעמערקט, אז די גאַס, פערביי וועלכער אונזער וועג איז געלעגען, איז פול בע־לעבט מיט מענשען. שטארקער און שווערער האָט גענומען קלאַ־פען דאָס הארץ און די שלייפען.

אויף א זייט פונ'ם וועג האָבען מיר פּלוצים דערזעהן א כי־נעזער ארבייטענדיג. עס האָט א בליץ געטהאָן א געדאנק, אז מיר זאָלען זיך מיט דיזען כינעזער בענוצען אלס א בעשיצונג. מיר זיינען צו איהם צוגעגאנגען און פערפיהרט א געשפּרעך. און צו זיין גרעסטער צופריעדענהייט האָבען מיר גענומען רעדען צו איהם אין זיין שפּראַך. מיר האָבען איהם געזאָגט „חאָ“ — גוט, „פּוחאָ“ — שלעכט, און נאָך עטליכע כינעזישע ווערטער. אין גיכען זיינען מיר פערטיג געוואָרען מיט אונזער זאפּאס ווערטער, וועלכע מיר האָבען זיך אויסגעלערענט אין דער צייט, ווען מיר האָבען פער־בראכט מיט זיי צוזאמען אין די אָסטראָגען. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אונז אָנגענומען פאר אָרטיגע איינוואוינער און איז זעהר גערן געווען וואָס מיר פארברענגען מיט איהם אזוי פריינד־ליך.

די צייט איז שוין געווען נאָך דער ארבייט. דער כינעזער האָט

גענומען קוקען אויף אונזער וואָגען און אזוי ווי מיר האָבען דאָס טאקע געוואָלט, האָבען מיר איהם באַלד איינגעלאדען צו אונז אויפ'ן וואָגען, וואו ער האָט זיך צווישען אונז ביידען אוועקגעזעצט. לעבעדיגער און מונטערער האָט פּיאָטר גענומען טרייבען די פערד. לאַכענדיג און וויצלענדיג זיך זיינען מיר אזוי ארייננעפאָהרען אין מאַנדזשוריע.

אויפ'ן וועג זיינען געשטאַנען מענשען און האָבען אויף אונז גענומען קוקען. דער הויכער כינעזער, וועלכער האָט זיך ארויסגעזעהן צווישען אונז, האָט אָבער הפנים אָבגעצויגען פון אונז זייער אויפמערקזאַמקייט.

מיט בעזונדער דאַנקבאַרקייט און א געפיהל פון פרייד האָבען מיר זיך צושיידט מיט'ן כינעזער און זיך געלאָזט פאָהרען צו פּיאָטר'ס א בעקאַנטען, וועלכער האָט געהאַלטען א שענקעל, אָדער א מין אכסניה, וואו מיר האָבען גערעכענט אבצושטעלען זיך.

ווען מיר זיינען שוין צוגעפאָהרען צו יענעם הויז, איז פּיאָטר אריין אינוועניג, כדי זיך צונויפצורעדען מיט'ן בעל הבית וועגען אלעס וואָס מען דאַרף. אין גיכען זיינען זיי ביידע ארויסגעקומען און דער ווירטה האָט אונז ערקלעהרט, דאָס ער קען אונז פאַר קיין פאַל ניט ערלויבען אבצושטעלען זיך ביי איהם. דיזע נאַכט איז בעגאַנגען געוואָרען א מאָרד, די גאַנצע פּאָליציי איז אויף די פיס, און אזוי ווי מיר האָבען ניט קיין פּאַספּאָרטען, איז עס פאַר אונז אלעמען געפעהרליך צו פערבלייבען דאָ.

ער האָט אויף אונז געקוקט מיט פערדאַכט און האָט ניט גע־וואָלט, אז מיר זאָלען זיך געפינען נאָהענט לעבען זיין הויז. מיר האָבען זיך געשראָקען, אז דיזער בעל אכסניה זאָל אונז אליין ניט מסר'ן, דערפאַר האָבען מיר שנעל גענומען אבציהען פון דאָרט. פיעלע מענשען, וואָס זיינען גראַד געשטאַנען דאָרט, האָבען אונז בעגלייט מיט זייערע נייגעריגע בליקען.

מיר זיינען אזוי ארומגעפאָהרען איבער די גאַסען, פּונקט ווי מען וואָלט זיך נאָך אונז נאָכגעיאָגט און האָבען זיך בעראַטהען וואָס צו טהאָן. עס איז געוועזען קלאָהר, דאָס מיר האָבען זיך ניט וואו אהינצוטהאָן, און מיר מוזען אונגעזאַמט זיך צושיידען מיט אונזער פּיאָטר'ן, און זיך לאָזען געהן אויפזוכען די אַדרעסען, וואָס מיר האָבען געהאַט.

מיר האָבען זיך ענדליך אבגעשטעלט אין א גאַס, זיינען ארויסגעקראָכען פון וואָגען און זיך בעוויזען אין אונזער אמת'ן און ניט אנציהענדען געשטאַלט: צושויבערטע, ניט געוואַשענע און פערשמוצטע פון קאָפּ ביז די פּיס האָבען מיר געהאַט א פּנים ווי מען וואָלט אונז נור וואָס ארויסגעשלעפּט פון א מיסט־גריב. עס איז שווער געווען פּטור צו ווערען פון די סמנים פון אונזער רייזע.

זעהענדיג, אז מיר ציהען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמ־קייט, האָבען מיר זיך אויף גיך צוזעגענט מיט פּיאָטר'ן, ניט האָ־בענדיג קיין צייט אפילו איהם רעכט צו בעדאַנקען און זיך שנעל פערקירעוועט אין אַן אַנדער גאַס, אום אויסצובעהאַלטען זיך. מיט שנעלע טריט האָבען מיר זיך געטראָגען איבער גאַסען און זיך געסטאַרעט אויסצומישען זיך מיט די מענשען אין די טומעלדיגע פּלעצער. און ווען מיר האָבען זיך שוין איבערצייגט, דאָס מיר זיינען אויסער געפאַהר און קיינער יאָגט זיך ניט נאָך אונז, האָ־בען מיר אנגעהויבען זוכען דאָס הויז, וואוהין מיר האָבען געהאַט דעם אדרעס.

אייגענטליך האָבען מיר ניט געהאַט קיין אדרעסען צו פּאָלי־טישע, ניט אין מאַנדזשוריע און ניט אין חיילאַר. אָבער אזוי ווי מאַנדזשוריע איז פאַר אונז געווען זעהר א וויכטיגער פּונקט, האָבען מיר געקראָגען אַן אדרעס פון א קרימינעלען, א בעריהמטען מערדער.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר זיינען געווען איבערצייגט, דאָס ביי די קרימינעלע איז עס אויך א פערברעכען און א שאַנדע צו פערראַטהען וועמען עס איז; דאָס עס איז פערברעכענט פאַר א הייליגע פּליכט צו בעשיצען און בעהאַלטען די קאַטאָרזשניקעס פון זייער אלגעמיינעם פיינד — די פּאָליציי, האָבען מיר דאָך ניט געהאַט צו זיי קיין פולען צוטרוי. מיר האָבען זיך אָבער ניט געקענט בעגעהן אָהן דיעזען אדרעס.

דער אדרעס, וועלכען מיר האָבען איצט געזוכט, האָט אָנ־געצייגט די גאַס און דאָס הויז פון'ם העררן א., וועלכער האָט אונז בעדאַרפט אויסריכטען ווייטער. די גאַס האָבען מיר שנעל אויס־געפונען, אָבער אום אויסצוגעפינען דאָס הויז האָט מען געמוזט זיך נאָכפרעגען ביי וועמען. פּיעלע בעגעגענטע האָבען מיר דורכגע־

לאזט און זיך ניט געקענט בעשליסען צו פרעגען זיי: איינער קוקט אויס צו זיין פערדעכטיג, אונסימפאטיש, א צווייטער איז אונז סתם ניט געפעלען מיט זיין אויסזעהן. אט האבען מיר זיך שוין גאר בע־שלאסען צוצוגעהן צו איינעם, אבער איך האב אבגעשטעלט מיין חבר און געזאגט אז איך גלויב איהם עפעס ניט.

אבער אט האבען מיר בעמערקט אויף דער אנדער זייט גאס א מאן פון מיטעלע יאהרען מיט א שווארץ געשוירען בערדעל, וועל־כער האט ארומגעשפאציערט איבער דער גאס. און גלייך האט אונז עפעס א ציה געטהאן צו איהם. „אט ביי דעם דאזיגען ווע־לען מיר פרעגען", האבען מירביידע איינשטימיג בעשלאסען. און מיר זיינען גלייך צוגעגאנגען צו איהם פרעגען צו קען ער אונז ניט זאגען וואו געפינט זיך דאס הויז פונ'ם הערן א. „דאס בין איך אליין, דער הערר א.", האט ער צו אונזער העכסטער פרייד געענט־פערט.

מיר האבען ארויסגעזאגט א י י ן ווארט, — ער האט אויף אונז א קוק געטהאן פיעל־דייטיג און האט אלעס פערשטאנען.

„ווארט א פאר מינוט," האט ער אונז געבעטען און אליין איז ער באלד פערשוואונדען אין א טויער. עס איז אריבער א געוויסע צייט, און באלד האט ער זיך צוריקגעקעהרט און האט אונז איינ־געלאדען צו זיך אין הויז. ווען מיר זיינען נור אריינגעקומען אינע־ווייניג, האט מען באלד גענומען גרייטען צום טיש און די ווירטהין האט גענומען פערפערטיגען מיטאג. דערווייל האבען מיר זיך ארום־געוואשען און זיך אביסעל ארומגערייניגט. די בעלי בתים האבען זיך גע'עסק'ט ארום אונז און אונז בעדיענט מיט דער העכסטער פריינדליכקייט.

צום ערשטען מאל האבען מיר דא פריי אבגעאטהעמט, זיך דערפיהלט אין א נייעם ארט, אויף דער פרייהייט. פון דאנען הא־בען מיר אוועקגעשריעבען בריעף צו אונזערע קרובים און פריינד ווע־גען אונזער אנטלויפען. זיי האבען נאך פון גארנישט געוואוסט.

מיר האבען זיך פונאנדערגערעדט מיט א. און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז צוזאמען מיט אונז אין איין צייט געזע־סען אין אלגאטשינער אסטראג. ער איז דארט דאן געווען פער־רעכענט פאר א פאבריק־ארבייטער. (די קאטארזשניקעס, וועלכע

האָבען שוין דורכגעמאכט זייער טערמין און בעגעהען א פערברע־כען, ווערען צוגענומען אין די אָסטראָגען אלס צייטיגע פאבריק־ארבייטער.) אבער אזוי ווי דאָרט האָבען זיך דאן געפונען ארום 800 קאטארזשניקעס, האָבען מיר זיך ניט געקענט דערמאָנען איי־נער דעם אנדערען. מיר האָבען ענדליך אויפגעהערט רעדען וועגען דיזע טרויעריגע עראינערונגען און האָבען גענומען ריידען וועגען געשעפט.

די ערשטע נויטווענדיגקייט אונזערע איז געווען צו קריגען פּאַס־פּאָרטען, כדי מיר זאלען קענען פאָרטזעצען אונזער וועג. א. מיט נאָך איינעם, וועלכער האָט זיך מיט אונז פאראינטערעסירט, האָבען זיך אוועקגעלאָזען זוכען עס פאר אונז.

מיר האָבען זיך דערווייל איבערגעטהאָן און זיינען ארויס אבי־סעל אין גאס. גאָר אנדערש האָבען איצט אויסגעזעהן די גאסען און די מענשען און אלעס ארום אונז. אלעס האָט ווי געאטהעמט מיט פרייד, מיט גליק און מיט פרייהייט. אויף די טראטוארען האָבען זיך געדרעהט פיעלע בינעזער, וועלכע האָבען אונאויפהער־ליך און איינטאָניג גערעדט אויף זייער אונפערשטענדליכער שפּראך. זאָרגלאָז זיינען זיי זיך ארומגעגאנגען, און אזוי ווי קליינע קינדער האָבען זיי זיך געשפּיעלט צערטליך איינער מיט'ן אנדערען.

אויפ'ן ערשטען קוק איז געווען שווער צו אונטערשיידען מע־נער פון פרויען. געל־פּנים'דיגע, מיט קרומע אויגען און אָהן א סימן פון האָאָר אויפ'ן גאנצען געזיכט, אלע מיט צעפּ און אין די־זעלבע מלבושים, האָט זיך געדוכט, אז זיי זיינען אויסגעגאָסען אין איין פורעם. ווען מען געוועהנט זיך אבער צו צו זיי קען מען באלד אונטערשיידען זייערע אויסערע סמנים. בעזונדער האָבען מיר זיך געוואונדערט אויף די קליינינקע, דינינקע, קינדישע פיסעלאך, וואס האָבען בעוויזען אז זיי טראגען אויף זיך דעם קערפּער פון א פרוי־ענצימער. קוקענדיג אויף זיי האָט זיך געדוכט, אז נור איין בלאָז פון דעם קלענסטען ווינטעל און זיי, די פיסעלאך, וועלען ניט אויס־האלטען און וועלען אומפאלען.

אונבעמערקבאר איז פאר אונז אזוי פערשוואונדען די צייט וואס מיר האָבען געוואַרט אויף צו קריגען די פּאספּאָרטען. אבער ווען מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין הויז האָבען מיר געפונען

א., וועלכער האָט ניט געהאט קיינע בעשטימטע רעזולטאטען. קיין פאספאָרטען האָט ער בשום אופן ניט געקענט קריגען. די צייט איז אין אלגעמיין געווען ניט קיין גינסטיגע פאר אונז, א דאנק דעם מאָרד, וועלכער איז ווירקליך א נאכט פריהער בעגאנגען געוואָרען. דעריבער האָבען מיר בעדארפט וואס פריהער אוועקפאָהרען פון דאנען. עס איז נויטיג געווען א נייער פלאן און אונזער נייער פלאן איז געווען פאָלגענדער: אזוי ווי פון דער סטאנציע מאנדזשוריע קענען מיר דאך ניט פאהרען ווייטער, ווייל זי ליגט דאָך אויפ׳ן סאמע גרעניץ, און מען פאָדערט ביי אלע פאסאזשירען פאספאָרטען, האָבען מיר דארום בעשלאָסען צו צופאָהרען אויף פערד צו דער צווייטער קליינער באהן־סטאנציע, וועלכע ליגט נאָך מאנדזשוריע. פון דאָרט נעהמען בילעטען גלייך נאָך חייל‏אר און פאָהרען מיט׳ן צוג אין דער בעשטימטער צייט.

מיר האָבען גענומען מאכען די נויטיגע פאָרבערייטונגען פאר דיזען וועג. די רעוואָלווערען, וואס מיר האָבען געהאט, האָט אונז א. געראטהען ניט צו נעהמען מיט זיך, ווייל דאס קען אונז פיעל שאדען אין פאל ווען מען וועט אונז בעזוכען. מיר האָבען איהם געפאָלגט און איהם אָבגעגעבען דאס געוועהר; ער האָט אונז, פערשטעהט זיך, בעצאָהלט פאר דעם. אבער מיר האָבען נאָכדעם שטארק בעדויערט, וואס מיר האָבען עס געטהאָן.

אונזער אַדרעס אין חיילאר איז געווען זעהר א זאָנדערבאַרער. עס האָט געלויטעט אזוי: ווי מיר וועלען קומען קיין חיילאר זאָלען מיר דינגען אן איזוואָזשטשיק און הייסען אונז אָבפיהרען צום הערר ק—ן.

מיר זיינען אביסעל געווען אונרוהיג וועגען דעם אינהאלט פון דעם אדרעס און האָבען איהם דורכגעקוקט צוזאמען מיט א. ער האָט אונז פערזיכערט, דאס ער איז גוט און ריכטיג. און ער פון זיין זייט האָט אויף אָנגעשריבען א צעטעלע אהין. ער האָט אונז דערצעהלט, דאָס ק—ן האָט ניט לאנג דורכגעפיהרט א געלונגענע שטיקעל „ארבייט“ מיט א גאנץ פעטען „פערדיענסטעל“ און דארום דארף מען האָפען, אז ער וועט אונז געבען די נויטיגע שטיצע.

צווויי אזייגער ביי נאכט, מיט א שטונדע צייט בעפאָר דאס אָבגעהן פונ׳ם צוג, איז שוין אויפ׳ן הויף געשטאנען גרייט אן איינ־

געשפּאַנטער פערד און אויפ'ן וואַגען איז געזעסען עפּעס א דערשלאָ־גענער, מרה שחורה'דיגער „איוואַן". מען האָט אונז אריינגעזעצט אין וואַגען און גענומען אָנגעבען אי אונז אי דעם פוהרמאַן פער־שיעדענע אינסטרוקציעס. מיר האָבען ביירע גערריקט שטאַרק די הענד פון אונזער ווירטהע און ווירטהין און האָבען זיך זעהר וואַ־רים מיט זיי צוזעגענט. די ווירטהין, זעהר א געטרייע פרויענ־צימער, וועלכער האָט אונז די גאַנצע צייט פון אונזער געפינען זיך האָרט ארויסגעצייגט זעהר פיעל געטריישאפט, האָט ביז'ן לעצטען מאָמענט ניט אויפגעהערט ארומדרעהען זיך ארום אונז, בעזאַרגענ־דיג אונז מיט אלערליי קליינינקייטען. און ווען מיר זיינען שוין געוועזען ארויסגעפאָהרען פון הויף, האָט זי אונז נאָך אָנגעיאָגט און אריינגעשפּאַרט אין האַנד א קליין פּעקעלע מיט עסען־זאַכען.

עס איז שוין געוועזען אפילו שפּעט, נור אויף די גאַסען איז נאָך געוועזען טומעלדיג און פון אלע זייטען האָבען זיך געהערט מענשליכע שטימען און גערעכטערם. אונזער וועגעל האָט זיך גע־קייקעלט איבער די שמאָלע געברוקירטע געסלאַך צוקומענדיג אלץ נעהנטער צום עק שטאָדט. און אָט ענדליך פאָהרט שוין אונזער וואָגען איבער דעם ווייכען וועג; קיין בעוואוינטע געביידעס זעהען זיך שוין ניט מעהר, וואָס דאָס בעווייזט אז מיר זיינען שוין אוי־סער'ן שטאָדט.

דער טומעל און די קלאַנגען פון שטאָדט שטאַרבען ערגעץ אָב אין דער ווייטקייט און מיר טרעטען אריין אין דער ממשלה פון דער נאַכט פינסטערניש און פון פרייהייט. אויפ'ן הארצען ווערט אונז מיט אמאָל אומעטיג. מיר וואָלטען זיך וועלען דורכוואַר־פען מיט א פּאָר ווערטער, טהיילען זיך מיט אונזערע געדאַנקען, האָבען מיר אבער מורא פאַר אונזער פוהרמאַן צו רעדען הויך. האָ־בען מיר געפּרואווט א רעד טהאָן צו איהם, זיצט ער אבער אלץ אין איין פּאָזע, ווי א פלאָקען, שווייגט און גיט זיך ניט א ריהר. ווערט אונז נאָך מעהר אומעטיג.

אין גיכען האָט זיך אין דער פינסטער בעוויזען א פייערל. מיר האָבען פערשטאַנען, אז דאָס איז די סטאַנציע און האָבען זיך פערנומען אויסרעכענען ווי ווייט דאָס פייערל איז פון אונז און ווי גרויס איז געווען אונזער וואונדער, ווען נאָך א היבשע

צייט האָבען מיר אלץ צו דעם דאָזיגען פייערל ניט געקענט צו־קומען. און אָט גאָר פּלוצלינג איז דאס הינטער אונז, אדער גאר אָן א זייט.

דאָ האָבען מיר זיך ערשט געכאפּט אז מיר בלאָנדזשען, אז איוואן איז אראב פון דעם ריכטיגען וועג.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט און א זאג געטהאָן: „נו, איוואן, וואָס טהוט מען איצט?" בורטשעט ער עפּעם אזוינס וואס עס איז אונמעגליך צו פערשטעהן.

מיר האָבען באלד פערשטאנען, אז פאָהרען ווייטער מיט אי־וואנ'ען מיינט פאר אונז צו פערשפּעטיגען דעם צוג, ווייל מען מוז ארומפאָהרען א גרויסע שטיק וועג און מיר האָבען בעשלאָסען אז מיר זאלען בעסער געהען צופוס. מיר וועלען ארויפקלעטערען אויף א בערגעל און אויף אזא'ן אופן וועלען מיר גיכער צוקומען צו דער באהן־סטאנציע. אזוי האָבען מיר געטהאָן.

מיט געוואלד האָבען מיר ביים פוהרמאן ארויסגעקריגען עט־ליכע ענטפערס, געהייסען איהם זיך אומקעהרען אהיים און זיך געלאָזען געהן צום בערגעל.

באלד זיינען מיר שוין געווען דארט. ניט לאנג געטראכט און מיר קאראבקען זיך שוין אויפ'ן נאסיפּ (דער אָרט וואו דער אייזענ־באהן געפינט זיך). אבער שוין פון אָנפאנג האָבען מיר זיך אי־בערצייגט ווי שווער דאס איז פאר אונז. דיזער נאסיפּ, ווייזט אויס, איז בעשטאנען אין גאנצען פון ווייכען זאמד און עס איז ניט געווען מעגליך אוועקצושטעלען ערגעץ א פוס. אָט האָבען מיר נעמאכט א פּאָר טריט און מיר פאלען שוין צוריק אין דער ניע־דער. אזוי האָבען מיר געקלעטערט האלטענדיג זיך איינער פאר'ן צווייטען, צורייצטע און אויפגערעגטע טאָמער פערשפּעטיגען מיר דעם צוג.

אויסגעמאטערטע און פערשוויצטע האָבען מיר דאך ענדליך בעוויזען ארויפצוקריכען אויפ'ן נאסיפּ. מיר גיבען א קוק אויפ'ן זייגער, — צוואנציג מינוטען אין גאנצען זיינען פערבליעבען ביז'ן אָנקומען פון צוג. געשווינדער האָבען מיר גענומען געהן אי־בער דער ליניע, ניט מאכענדיג קיין רויש און ניט שטערענדיג די שטילקייט פון דער נאכט. דער געדאנק, אז מיר וועלען זיך ממש

ניט האָבען וואו אהין צו טהאָן אויב מיר פערשפּעטיגען דעם צוג, האָט אונז ניט געלאָזט רוהען און מיר האָבען גענומען מיט אלע כחות לויפען.

אָט האָבען זיך שוין בעוויזען די פערשיעדענפארביגע פייער־לאַך און אלע סמנים פון דער סטאנציע. מיר זיינען צוגעקומען אהין אקוראט ווען דער ערשטער פייף פונ'ם לאָקאָמאָטיוו האָט אָבגע־הילכט.

אין סטאנציע זיינען מיר ניט אריינגעגאנגען. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אביסעל אָן א זייט און בעשלאָסען, אז ווי דער צוג וועט צוקומען, זאלען מיר דאן אריין און קויפען בילעטען.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען און מענשען האָבען זיך א שפּאר געגעבען פון די אָפענע טהירען, בין איך אריין אינ'ם וואָקזאל און מיין חבר איז אריינגעשפּרונגען אין וואגאָן. ווען איך בין שוין מיט די געקויפטע בילעטען צוגעקומען צום שוועל, האָב איך זיך בעגעגענט מיט א פּריסטאוו. א גראָבער, מיט וואָנצעס, האָט ער מיך דורכגענומען מיט זיינע פערגאָסענע אויגען, נור בעמער־קענדיג אז איך האָב מיט זיך ניט קיינע זאכען און בין לייכט אָנ־געטהאָן, האָט ער הפנים געדענקט, אז איך בין איינער פון די פּאסאזשירען, און בין נור אויף א ווײלע אראבגעשטיגען. איך האָב אבער געהערט ווי ער האָט עפּעס א פרעג געטהאָן ביי א בעאמטען.

אין וואגאָן האָב איך באלד אויפגעזוכט מיין חבר און מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף בעקוועמע פּלעצער. דעם גאנצען וועג האָבען מיר אלץ מורא געהאט טאָמער בעוויייזט זיך דער פּריס־טאוו, טאָמער יאגט ער זיך נאָך ווענען עס איז פון אזעלכע חברה ווי מיר זיינען און געפינט זיך אויפ'ן צוג מיט אונז. מיר האָבען איהם אבער ניט געזעהן.

מיט'ן בעגינען זיינען מיר אָנגעקומען אין חיילאָר. מיר האָבען געכאפּט דעם ערשטען פוהרמאן און געפרעגט צו ער קען אונז צופיהרען צום הערר ק—ן. „געוויס!" האָט ער געענטפערט, און גלייך גענומען טרייבען דאָס פערד. אין א צוואנציג מינוט ארום האָט ער זיך אבגעשטעלט לעבען א גאנץ אנשטענדיג הויז. אָהן איבעריגע צערעמאָניעס זיינען מיר אריין אינוועניג. עס איז נאָך געווען זעהר פריה, אבער ק—ן איז שוין ניט געווען צו

הויז. מען האָט אונז געזאגט, אז ער וועט ניט קומען פריהער ווי מיטאג צייט.

דערוויסענדיג זיך אז מיר זיינען דורכפאָהרער האָט מען אונז געהייסען ווארטען און מכבד געווען מיט טהעע און פערבייסען. דערווייל האָבען מיר זיך אביסעל דערוואוסט ווער ק—ן איז. עפּעס אן אָנגעקומענער יונגערמאן, ווי עס האָט זיך אונז געוויזען, א שטארקער פערעהרער פון ק—ן, האָט אונז אין א געשפרעך דער־צעהלט, אז ער, ק—ן, איז א גרויסער חשוב ביים פּאָליציימייסטער, אז יענער איז מיט איהם אין זעהר נאָהנטע בעציהונגען און אז ער שפּיעלט א בעדייטענדע ראלע אין שטאָדט. די אלע מעשיות האָבען אונז שטארק גענומען בעאונרוהיגען און מיר האָבען געוואָלט בעקומען וועלכע עס איז צופריעדענשטעלענדע ערקלעהרונגען ווע־גען דער פּערזאָן, וועלכע האָט אונז בעדארפט ארויסריכטען ווייטער.

אזייגער צוועלף איז ער געקומען. דאס איז געווען א קליינ־געוואקסיגער מענשעל, מיט א גרויסער נאָז, מיט קליינינקע, כיטרע אויגעלעך, און מיט א פערשפּיצט בערדעל. בעגעגענט האָט ער אונז מעשה סוחר און מיט ערענסט.

מיר האָבען ארויסגעזאגט דעם בעקאנטען נאָמען און פונקט ווי א—ר האָט ער באלד פערשטאנען פון וואנען מיר קומען. מעהר האָט ער וועגען דעם ניט גערעדט און האָט אונז איינגעלאדען צום טיש. נאָכ'ן עסען, איידער ער איז אוועק פון הויז, האָט ער אונז געזאָגט, אז מיר וועלען אָבפאָהרען ביינאכט. „קיין געלד האָט איהר דאָך ניט מסתמא“, האָט ער צוגעלעגט, „אבער איך וועל אייך שוין אויסריכטען און אלעס בעזארגען. דערווייל פערברענגט זיך די צייט ווי איהר פערשטעהט.“

ווען אונז איז שוין געווארען לאנגווייליג אין הויז, זיינען מיר ארוים א קוק טהאָן אויף דער שטאָדט. א לאנגע צייט האָבען מיר זיך גערדרעהט איבער די גאסען פון חיילאר, האָבען בעטראכט די פּלענער פון אונזער ווייטערען וועג און געטרוימט וועגען דער צוקונפט. אבער פאר דער גאנצער צייט האָט אונז ניט אויפגע־הערט בעאונרוהיגען אונזער חיילארער בעשיצער. די מעשיות וועגען איהם, זיין בענעהמען זיך האָט ניט ארויסגערופען קיין צו־טרוי צו איהם און אונז האָט זיך אלץ געדאכט, אז ער וועט אונז

מסר'ן. מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָבען מיר דערוואַרט די נאַכט, אַז מיר זאָלען זיך קענען צושיידען מיט אונזער פריינד, וועלכער איז אויך דעם פּאָליציימייסטער'ס אַ פריינד.

זיבען אַ זייגער ענדליך אין אָבענד זיינען מיר שוין מיט ק—ן געגאַנגען צום וואָקזאַל. אויפ'ן וועג האָט ער אונז געזאָגט, דאַס מיר וועלען ניט דאַרפען קויפען קיין בילעטען ביז חארבין, ווייל ער איז בעקאַנט מיט די קאָנדוקטאָרען, מיט וועלכע ער פיהרט זיי־נע רעכענונגען, און ער וועט אונז שוין אויסווירקען אַן אומזיסטע רייזע.

דאָס איז אונז שטאַרק ניט געווען צום האַרצען. מיר האָבען איהם געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיר האָבען ניט קיין פּאַספּאָרטען, איז עס זעהר ריזיקאַליש און אין יעדען פאַל קען זיך עס פאַר אונז זעהר טרויעריג ענדיגען. ער האָט אונז אָבער פערזיכערט, אַז קיין זאַך וועט מיט אונז ניט טרעפען, אַז איהם איז עס ניט דאָס ערשטע מאָל א. ז. וו.

מיר האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. קיין געלד איז ביי אונז ניט געווען גענוג אויף קויפען בילעטען און מיר האָבען געמוזט צושטימען. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין וואַגאָן, האָט ער די צוויי קאָנדוקטאָרען אָנגעוויזען אויף אונז און אַ זאָג געטהאָן: „אָט דאָס זיינען זיי, מיינע קרובים.“ זיי האָבען צוגע־שמייכעלט און אַ שאָקעל געטהאָן מיט די קעפּ.

פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי זיינען געפאָהרען מיט אונז, האָבען אונז דיזע קאָנדוקטאָרען ניט געטשעפּעט. זיי פלעגען נור אויסשרייען: „האָט איהר בילעטען?“ און ווייטער גאָר נישט.

אויפ'ן נ—סקער וואָקזאַל האָבען זיך די קאָנדוקטאָרען געביטען און ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָבען זיי גענומען פאָדערען אונזערע בילעטען. מיר האָבען זיי גענומען געבען אָנ־צוהערעניש וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ און דערמאָנט זיי די פריהערדיגע קאָנדוקטאָרען. זיי האָבען אונז אפּנים ניט פערשטאַ־נען און מיט כעס אָנגעהויבען שרייען, אַז אויב מיר וועלען אויף דער צווייטער סטאַנציע ניט קויפען קיין בילעטען, וועלען זיי אונז איבערגעבען אין די הענד פון די בעאַמטע.

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה האָבען מיר זיי גענומען בע־

מספרי
יצחק פירגלמן

רוהיגען און פערזיכערען, אז מיר וועלען גלייך אויף דער צווייטער סטאנציע קויפען בילעטען.

דערווייל האט דיזער סקאנדאל געצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט אויף אונז. די פאסאזשירען האבען זיך גענומען איבערקוקען און סוד׳ען אויף אונזער חשבון. בעזונדער האט אונז בעאונרוהיגט א געוויסער סוביעקט מיט זיין אויסזעהן פון א שפיאן. ער האט זיך אויסערגעווהנליך שטארק פעראינטערעסירט מיט אונז. צו חארבין איז שוין געווען ניט ווייט און געלד אויף בילעטען ביז חארבין האבען מיר געהאט גענוג, נאך אביסעל מעהר. ווי נור דער צוג האט זיך אבגעשטעלט לעבען וואקזאל האבען מיר געקויפט בילעטען ביז חארבין.

געווארען אביסעל גרינגער אויפ׳ן הארצען. איצט, האבען מיר זיך געקלעהרט, קענען מיר שוין רוהיג און זיכער פארטזעצען אונזער רייזע. דער צוג איז געפלויגען מיט דער גרעסטער שנעלקייט, איבערלאזענדיג אלעס הינטער זיך. אין קאפ איז געווארען קלאהרער און ריינער נאך אלעס וואס מיר האבען נור וואס איבערגעלעבט. נור פלוצלינג מיר גיבען א קוק, ערשט מיר דערזעהען דעם פריהעריגען פערדעכטיגען סוביעקט, וועלכער איז פאר אונז אונערווארטעט ערשיענען. ער האט זיך אוועקגעזעצט אקעגען אונז, גענומען אונז בעטראכטען, האט ניט אראבגעלאזען זיינע אויגען פון אונז. דא האבען מיר זיך איבערצייגט, אז מיר האבען זיך ניט גענארט ווען מיר האבען איהם אנגענומען פאר א שפיאן.

איהם איז הפנים געווען ניט גענוג קוקען אויף אונז און ער האט פערפיהרט א געשפרעך מיט מיר, גענומען פונאנדערפרעגען וואוהין און נאכוואס מיר פאהרען. אין גאנצען איהם ניט ענטפערן האב איך גערעכענט פאר אונטאקטיש, אבער ניט זייענדיג צוגעגרייט צו דעם, האב איך זיך אביסעל גענומען פלאנטערן אין מיינע ענטפערס און פערליערען זיך.

דאס האט נאך פערשלימערט אונזער לאגע. מיט אלע קרעפטען האבען מיר גענומען בעהאלטען אונזער שטארקע אויפרעגונג און אנגעהויבען ארויסגעהן גאנץ אפט צו בעראטהען זיך וואס צו טהאן. מיר האבען זיך אזוי ווייט פערלארען, דאס ביי אונז איז שוין רעכט געווען ארויסצושפרינגען פונ׳ם וואגאן, נור באלד הא־

בען מיר פערשטאַנען, אז דאס וועט נאָך ערגער זיין, און מיט דעם וועלען מיר זיך אליין ארויסגעבען. דאס וואָלט נור בעשטעטיגט דעם שפּיאָנ׳ס פערדאכט, אז מיר זיינען ווירקליכע פערברעכער. עס וואָלט זיך אין יענער געגענד באלד אויפגעהויבען א גערעג, מיט א זוכעניש. קיין געלד האָבען מיר ניט, די סביבה איז אונז אונבע־קאַנט און מען וואלט אונז באלד געכאַפּט. דאָס זעלבע איז גע־ווען צו ערוואַרטען, ווען מיר זאלען אראבשטייגען אויף א װעלכער עס איז סטאַנציע.

דער שפּיאָן האָט אונז דערווייל פון אויג ניט אָבגעלאָזען.

„וואָס טהוט מען?" — די פראגע האָט דעם מח געעגבערט — „ווי אזוי לעזט מען דיזע שווערע אויפגאבע?"

מען האָט דאָך געמוזט געפינען אן אויסגאַנג. ווען מיר זאָ־לען נור קענען קריגען אן אדרעס אין א וועלכען עס איז שטעדטעל אדער דאָרף, וואלטען מיר אדער ארויסגעשפּרונגען פון וואגאָן, אָדער מיר וואָלטען ערגעץ פערשוואונדען אויף א סטאַנציע און דאָר־טען ערגעץ איבערגעוואַרט ביז וואנען מען וואלט אונז אויפגעהערט זוכען.

אין אזעלכע געדאנקען האב איך אָנגעהויבען ארומגעהן אי־בער די וואַגאָנעם מיט דער האָפנונג צו געפינען א סימפּאַטישען מענשען און מאכען א רעד וועגען אן אדרעס. אזוי האָב איך זיך ארומגעדרעהט פון איין וואגאָן צום צווייטען; איך האָב זיך פרוּ־בירט אַװעקזעצען דאָ לעבען איינעם און דאָ לעבען אן אנדער פּאַ־סאזשיר, אדער גאָר לעבען א גאַנצע גרופּע. נאָך זייערע פּנים׳ער און נאָך זייערע רייד האָב איך געפּרואווט טרעפען צו מען קען מיט זיי פערפיהרען א געשפּרעך. ליידער האָט קיינער פון זיי ניט גע־וואונען מיין צוטרוי.

ווען איך האָב זיך שוין געקליבען אומצוקעהרען זיך צוריק צו מיין חבר און דערצעהלען איהם וועגען מיין אומזיסטע מיה, האָב איך בעמערקט א פּאַסאזשיר מיט אן אינטעליגענטען אויסזעהן. ער איז געווען פערטיפט אין לעזען א בוך פון איינעם פון די יונגע שרייבער — איך געדענק ניט בעשטימט צי גאָרקי׳ס צי אנדרע־יעוו׳ס. איך האָב לאַנג ניט געטראכט און בין צו איהם צוגעגאנגען.

אויף מיין פראגע צי ער איז פון דיזער געגענד האָט ער מיר

געענטפערט, דאס ער איז פון נ., ד. ה. פון יענעם אָרט, וואו עס האָבען זיך מיט אונז אָנגעפאנגען די לעצטע ביטערע פאסירונגען.

איך האָב איהם ערקלעהרט, אז איך האָב צו איהם א בקשה און האָב איהם דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע: איך מיט מיין חבר געפינען זיך אין זעהר און זעהר א שלעכטער לאגע. מיר זיינען אין חייל'אר געזעסען אָהן ארבייט. א גוטער בעקאַנטער האָט אונז געזאגט, אז אין חארבין קענען מיר לייכט קריגען בעשעפטיגונג. מיר האָבען ניט געהאט גענוג געלד ביז חארבין און אבוואָהל ווען מיר וואָלטען שטארק געדארפט וואָלטען מיר זיך אן עצה געגעבען, האָבען אונז אבער ערפאהרענע מענשען געגעבען צו פערשטעהן, אז מען קען זיך לייכט בעגעהן אָהן בילעטען; מען דארף נור צאָהלען דעם קאָנדוקטאָר און אלעס וועט שוין זיין רעכט. מיר האָבען גע־פאָלגט ווי מען האָט אונז געראטהען און איצט האָבען מיר שטארק חרטה אויף דעם. ביז נ. איז אלעס געגאנגען גלאַט, ווי מען האָט אונז פאָראויסגעזאָגט, אבער פון דארט האָבען שוין די נייע קאָנ־דוקטאָרען גאָר ניט געוואלט וויסען פון אונז און מיט כעס געפאָ־דערט בילעטען. מיט איין וואָרט, מיר האָבען אונאנגענעהמליכ־קייטען און עס קען נאָך זיין, דאס מען זאל אונז ארעסטירען אויך. מיר זיינען גאָר ניט געוועהנט צו דעם, ווייל מיט אונז האָט נאָך אזוינס קיינמאָל ניט געטראָפען. אונזער בקשה צו איהם בעשטעהט דארום אין דעם, אז אויב ער האָט דאָ ערגעץ א בעקאנטען זאל ער אונז רעקאָמענדירען צו איהם. מיר ווען זיך פאר א צייט אָבשטעלען דאָרט, וועלען זיך דורכשרייבען מיט אונזערע קרובים, וועלכע וועלען אונז געוויס צושיקען הילפע, און דאן וועלען מיר זיך רוהיג אוועקפאָהרען קיין חארבין. ער וועט אונז דערמיט טהאָן זעהר א גרויסע טובה.

דער פאסאזשיר האָט מיך זעהר אויפמערקזאם אויסגעהערט און געענטפערט, אז ער האָט עפעס יא דאָ ערגעץ א שטיקעל בע־קאנטען בריעף־טרעגער, אבער ער איז אין דעם ניט זיכער. אויף דער קומענדער סטאנציע וועט ער זיך וועגען איהם גוט פונאנדער־פרעגען און וועט אונז לאָזען וויסען.

די קומענדע סטאנציע איז געוועזן א קליינינקע און מיר האָ־

בען ניט גערעכענט דאָס דער שפּיאָן זאָל זיך אונז נרייטען צו ארעסטירען דאָרט.

איידער דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען איז צו אונז צו־געקומען אונזער אונבעקאַנטער פריינד מיט אַן ענטפער, אבער ניט מיט אזא ווי מיר האָבען ערוואַרט. מיט בעדויערען האָט ער אונז דערצעהלט, אַז ער האָט גאָר נישט געקענט אויסגעפינען וועגען זיין בעקאַנטען און דאָס איינציגע וואס ער קען טהאָן פאר אונז איז געבען אביסעל געלד, אפילו ניט אזויפיעל וויפיעל עס פאָ־דערט זיך פאר דער רייזע, אבער בעסער ווי גאָר ניט.

דאָס געלד האָבען מיר, פערשטעהט זיך, ניט גענומען, אבער מיר האָבען איהם שטאַרק בעדאַנקט פאר זיין ווארעמען אנטהייל נעהמען אין אונז.

הילפלאָז און האָפנונגסלאָז זיינען מיר געפאָהרען ווייטער. די נערוועז האָבען זיך צושפּיעלט אַלץ שטאַרקער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט וועלען זיי צוריסען ווערען פון אנשטרענגונג.

אויף יעדער סטאַנציע פלעגט דער שפּיאָן אראבקריכען און מיר פלעגען זעהן ווי ער רעדט עפּעס מיט די זשאַנדארמען. און יעדעס מאָל האָבען מיר ערוואַרטעט, דאָס מען וועט אונז גלייך ארעסטירען. נאַטירליך זיינען מיר געווען שטאַרק צורודערט. ער האָט זיך שוין איצט געהאַלטען זעהר פאַרזיכטיג, האָט שוין אויף אונז ניט געקוקט מעהר מיט העזה ווי פריהער און אין אלגעמיין האָבען מיר בעמערקט, אַז ער וויל ניט ארויסגעבען דאָס וואָס ער דענקט צו טהאָן מיט אונז. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט ער הפּנים בעשלאָסען צו ארעסטירען אונז אין חארבין.

נור נאָך אַלעמען איז עס אבער געווען ניט מעהר ווי אונ־זערער אַ פערדאַכט. בעשטימט האָט מען דאָך ניט געוואוסט וואס ער דענקט צו טהאָן און צוליעב דעם אליין האָבען מיר זיך נאָך ניט געוואַלט בעהאַלטען. אויב אונזער חשד וועגען איהם איז אַ פאַלשער און מיר וועלען מיט אמאָל פערשווינדען, וועט ער דאָך ערשט דאַן זיין איבערצייגט, אַז מיר זיינען אנטלאָפענע, ווייל ער וויים דאָך, אַז מיר האָבען גענומען בילעטען ביז חארבין. דאָס אַליין קען אונז ארויסגעבען. טראַכטענדיג אזוי, האָבען מיר בע־שלאָסען איבערצוגעבען זיך אין די הענד פונ׳ם שיקזאל און ווען

מיר וועלען שוין זיין אויפ'ן פלאץ, וועלען מיר שוין געפינען א מי־טעל פאר זעלבסטפערטהיידיגונג.

דערווייל האבען זיך אין מח געמאהלען פערשיעדענע בילדער. דאס האט זיך אונז פארגעשטעלט, אז מיר זיינען שוין אין די הענד פון דער פאליציי, אבער ניט קיין לעבעדיגע... און דאס האט זיך אונז געמאהלען, אז אונז איז געלונגען אויף זעהר א געשיקטען אופן ארויסדרעהען זיך פונ'ם שפיאן. דער צוג איז דערווייל גע־פלויגען און געטראגען אונז ווייטער און ווייטער.

די ענדע פון אונזער אונבעשטימטער לאגע האט זיך גענומען דערנעהנטערען.

ווי נור דער צוג האט אנגעהויבען צופאהרען צום חארבינער וואקזאל האט זיך די האלטונג פונ'ם שפיאן אין גאנצען געביטען. אונזער פערדאכט האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין א פאקט. ער האט באלד אנגעהויבען ווייזען זיין שפיאנסקע טאקטיק.

אליין, ווי עס ווייזט אויס, האט ער זיך ניט געקענט בעשליסען צוצונעהן נעהנטער צו אונז, אבער אין זיין נעץ האט ער אונז שוין געהאלטען, ווי עס איז פעהיג א געניטער שפיאן.

מיר האבען זיך געפרובט א לאז טהאן צום ארויסגאנג פון א צווייטען וואגאן, אבער ער גלייך נאך אונז. מיר האבען ערשט פערשטאנען, אז מיר וועלען פון איהם ניט אזוי גרינג פטור ווערען. דאן איז ביי אונז שנעל פארטיג געווארען א פלאן.

מיר האבען זיך אריינגעשטויסען אינ'ם געדריכטען עולם, וואס האט זיך געשפארט אין די אפענע טהירען פונ'ם וואגאן. ער האט זיך אויך א לאז געטהאן נאך אונז. ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער פלאטפארם, האבען מיר דערזעהן ווי ער איז צוגעלאפען צו א זשאנדארם, האט איהם גענומען רייסען און צופען אנווייזענדיג אויף אונז. דער זשאנדארם איז אבער מיט עפעס געווען פער־נומען, איז געווען אויפגערעגט, האט געהאלטען אין מיטען קריגען זיך מיט עמיצען. דערווייל האט ער אויפ'ן שפיאן גאר ניט גע־וואלט אומקוקען זיך. און אין דערזעלבער מינוט האבען מיר זיך צוריק א ווארף געטהאן צום גרויסען עולם, אריינגעשפרונגען צוריק אין וואגאן און גלייך ארויס פון דער צווייטער זייט.

אויף אזא׳ן אופן האָבען מיר זיך איינגעפונען אליין צווישען די וואגאָנעס.

קיין מינוט האָבען מיר ניט פערלאָרען און גלייך גענומען קלעטערען און קריכען צווישען דער גרויסער צאָהל לאָקאָמאָטיוועז און וואגאָנעס. אין גיכען האָבען מיר זיך דערזעהן אויף אן איינזאמען אָפענעם פּלאַץ, וועלכער איז געווען ווייט אַרומגעצאמט מיט א הויכען שטיינערנעם פּארקאן.

אין פאראויס האָבען זיך געזעהן ברייטע, שטיינערנע טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צום ארויסגאנג. מיר האָבען זיך אוועקגעלאָזען אהין. ערשט אויף די טרעפּ האָט אונז אָבגעשטעלט א מאן און פערלאנגט מיר זאלען איהם ווייזען אז מיר האָבען אן ערלויבניש צו זיין דאָ. מיר האָבען איהם ערקלעהרט, אז דורך א טעות זיינען מיר דאָ און אָהן איבעריגע צערעמאָניעס האָבען מיר זיך געלאָזען געהן צוריק. און אָהן א שום רעכענונג וואוהין מיר געהען האָבען מיר זיך גענומען אויסבעהאלטען. אָט זיינען מיר שוין ווייטער צווישען די וואגאָנען.

וואָס עס זאָל ניט געשעהן, אבער מיר האָבען דאָך געדארפט ארויסקריכען פון דיזען פער׳כשופ׳טען קרייז און מיר זיינען געקראָכען צווישען רייהען וואגאָנעס, אונבעוואוינטע געביידעס און פּארקאנעס. א לאנגע צייט זיינען מיר אזוי ארומגעקראכען און געבלאָנדזשעט אי אויף די רעכער, אי צווישען די רעדער, אלץ ציטערנדיג פאר׳ן מינדעסטען גערויש און פאר׳ן קלענסטען קלאנג, ביז ענדליך האָבען מיר דערזעהן א גאס. מיר האָבען זיך א נעהם געטהאָן אין דיזער ריכטונג און אָבהיטענדיג א גינסטיגען מאָמענט האָבען מיר פון אונזער בעהעלטעניש־פּלאַץ אראבגעלאָזען זיך אויף דער ערד אין גאס אריין.

לויט אלע צייכענס איז דאס געווען א הינטער־שטאָדטישע געסעל. דאָ איז געווען שטיל, קיין מענשען האָבען זיך ניט געזעהן און פון דער ווייט האָט זיך דערטראָגען דער שטאָדטישער טומעל.

מיר האָבען גענומען דורכשניידען די פערשיעדענע גאסען און זיך דערנעהנטערען צו דעם רוישיגען צענטער, וואו מענשען זיינען געווען פערנומען מיט זייערע אייגענע געשעפטען און האָבען ווייניג אויפמערקזאמקייט געשענקט צום קאָכינגען לעבען ארום זיי.

יצחק פײַגלמן

צו קיינעם פון זיי האָט זיך ניט געגלוסט צוצוגעהן און איבער־שלאָגען זיינע גערדאנקען אדער פאנטאזיעס מיט אונזערע פראגען. מיר זיינען צוגעגאנגען בעסער צו א גרופע קליינע קינדער, וואס האָבען זיך געשפיעלט, און געפרעגט ווי רופט זיך דער האָזיגער טהייל פון שטאָדט. זיי האָבען אונז געענטפערט, אז דאס איז די „פערעסיפ“, און ווי עס האָט זיך ארויסגעצייגט האָבען מיר טאקע בעדארפט דאָ זיין.

אונזערע אדרעסען אין חארבין זיינען געווען גוטע, — „סאָ־זאנאווער“. מיר האָבען פרייער אויפגעאטהעמט און מיט האָפנונג גענומען אויסגעפינען דעם ערשטען אדרעס. דאס איז אונז לייכט אָנגעקומען, ווייל דאס איז געווען אין א מאגאזין פון ביכער.

אריינקומענדיג אהין, האָבען מיר האָרט געטראָפען א סימ־פאטישע מיידעל פון א יאהר אכצעהן, זעהר בעשיידען אָנגעטהאָן. מיר האָבען זיך צו איהר גלייך געווענדעט און אויסגעדריקט אונזער פערלאנג צו זעהן דעם הערר ר. זי האָט אונז געזאָגט, אז זי איז זיין טאָכטער. א שאָטען פון טיעפען טרויער האָט זיך פערצויגען איבער איהר צארטען פנים און זי האָט אונז מיטגעטהיילט, אז איהר פאָטער איז ארעסטירט און אז מיר קענען מיט איהר אלץ ריידען וועגען איהר פאָטער׳ס ענינים.

איהרע פערטרויענדע, קלאָהרע אויגען האָבען באלד פון אונז פערטריבען אונזער צווייפעל און אונענטשלאָסענהייט און מיר האָ־בען איהר ערקלעהרט דעם צוועק פון אונזער בעזוך. די קורצע ער־קלעהרונג האָט אויף איהר געמאכט אַן איינדרוק און עס איז געווען צו בעמערקען ווי זי שטרענגט זיך אָן צו קומען צו זיך. נאָכהער האָט זי אונז מיט אייגצעלהייטען גענומען שילדערן די אמת׳ע לאָ־גע: איהר פאָטער זיצט יעצט פאר דער ס. ר. אָרגאניזאציע און ערשט אין צוויי טעג ארום וועט זי איהם קענען זעהן. אלע רעוואָ־לוציאנערע ארטיגע אָרגאניזאציעס זיינען ענטדעקט. כמעט אלע טהוער זיינען ארעסטירט און יענע וואס האָבען עס אויסגעמידען, זיינען אוועק פון שטאָדט. מיט איין ווארט, זי ווייסט נעבאך ניט צו וועמען זי זאל זיך ווענדען. פונדעסטוועגען האָט זי אונז גע־הייסען אריינקומען צו איהר אין א שטונדע ארום, פערשפרעכענ־

דיג, אז זי וועט דערווייל זיך פונאנדערפרעגען וועגן דאס נויטיגע פאר אונז און טהאָן וואס זי וועט נור קענען.

מיר האָבען זיך מיט איהר צוזעגענט און זיינען ארויס אין גאס. ווי אונבעשטימט אונזער לאגע איז ניט געווען, האָבען דאָך אונזערע אויסגעמאטערטע גליעדער געפאָדערט רוה.

עס איז געווען דונקעל. איבער'ן הימעל האָבען זיך ארומגע־טראגען געדיכטע וואָלקענס, וועלכע האָבען פאראויסגעזאָגט אין גיכען א רעגען. צייטענווייז האָבען זיך דורך די בלייערנע וואָל־קענס דורכגעריסען די שטראהלען פון א מאיאָווער זון, צערטלענדיג און ווארעמענדיג אונזערע פערגליווערטע הערצער. מענשען זיינען געלאָפען און מיט זאָרגפולע בליקען געקוקט צום הימעל. און מיר האָבען זיך שפאצירט ווי אונבעזאָרגט און זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיגען טומעל און צו די פערשיעדענארטיגע קלאנגען פון דער גאס, ביז עס איז אריבער די שטונדע און מיר האָבען זיך אומגע־קעהרט צום מאגאזין נאָך אן ענטפער.

דער מארטירער פנים פון דאס מיידעל, איהרע אומעטיגע אויגען האָבען פערטריבען אין גאנצען אונזער פרעהליכע שטימונג. איהר ענטפער איז ווירקליך געווען זעהר א טרייסטלאָזער. זי האָט אונז ערקלעהרט, אז זי האָט גאָר נישט געקענט אויסגעפינען און עפעס טהאָן פאר אונז. קיינער פון די פארטיי־ארבייטער איז אין דער היים ניטאָ, און די אנדערע זייטיגע בעקאנטע האָבען מורא צו־נעהמען אונז אויף נאכטלעגער. צו זיך אונז איינלאדען קען זי אויך ניט, ווייל גאנץ אָפט און אונערווארטעט מאכט מען ביי איהר אביסקעס.

מיר האָבען געהאט נאָך אן אדרעס אין חארבין, נור אזוי ווי די אדרעסען האלט מען דאָך אין קאָפּ, כדי מען זאָל אין פאל פון אן ארעסט ניט ארייננשלעפען קיין זייטיגע, האָ;ען מיר נור געריינקט דעם נאָמען און די גאס און מעהר נישט: „וואָחילי פעטראוויטש, כינעזער גאס". היינט געה און זוך וועמען מיט אזא'ן אדרעס אין חארבין.

מיר האָבען זיך גענומען פונאנדערפרעגען וועגן דעם ביי דער מיידעל, האָט זי אבער אויך גאָר נישט געוואוסט.

„קיין געלד האָבען מיר ניט, קיין פאספּאָרטען אויך ניט, וואס טהוט מען?“ — האָבען מיר זיך מיט איהר בעראטהען.

דאס איינציגע מיטעל, האָט זי אונז געזאגט, איז צוּוואַרטען די פּאָר טאָג ביז וואנען זי וועט זיך זעהן מיט איהר פאָטער. ער, קען זיין, וועט אפשר קענען וואס עס איז אָנווייזען און געפינען אַן אויסגאנג.

גוט, אבער וואו טהוט מען זיך אהין דערווייל? מיר האָבען גענומען בעראטהען זיך וועגען פערשיעדענע פּראָיעקטען.

„וואָס וואָלט זיין, ווען מיר זאלען איבערשלאָפען א נאכט אין א גאָרטען אדער א פארק?“ האָבען מיר איהר געפרעגט, „עס געפינט זיך דאָך דאָ א שטאָדטישער גארטען!“

„דאָס טויג ניט!“ האָט זי געזאָגט. „די שטאָדט איז דאָך ערקלערט אונטער קריעגס־צושטאנד; ביינאכט איבערהויפּט געהען ארום פאטרולען און ווען מען וועט אייך כאפּען שלאָפענדיגע אדער וואכענדיגע, וועט מען אייך באלד ארעסטירען.“

„אפשר זאָלען מיר דאָסזעלביגע טהאָן וואָס אנדרעיעוו'ס העלד פון „פינסטערניש“? געוועהנליך, ניט נאָכטהאָן איהם אין אלעס, אָבער הארט, אין דעם אָרט פון „אייביגער פרייד“ קען מען דאָך איבערנעכטיגען אָהן מורא פאר דער פּאָליציי?“

דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט און מיט א בעשיידענעם שמייכעל געענטפערט: „איך גלויב ניט, אז מען זאל יעצט ערגעץ קענען איבערנעכטיגען אָהן א פאספּאָרט, אפילו אין י ע נ ע הייזער.“

זי האָט פערצווייפעלטערהייט געבראכען דעם קאָפּ צו געפינען א וועלכען עס איז מיטעל, אבער קיין זאך האָט ניט געטויגט.

מיר האָבען געקראָנגען רחמנות אויף איהר, וואס זי ליידעט אזוי שטארק איבער אונז. דערפאר האָבען מיר זי גענומען טרייסטען, דאס מיר וועלען זיך שוין אליין ווי עס איז איינאָרדנען און מיר האָבען זיך מיט איהר צושיידט, פערשפּרעכענדיג דאס מיר וועלען נאָך קומען נאָכדעם ווי זי וועט זיך שוין האָבען געזעהן מיט איהר פאָטער, און מיר זיינען אוועק.

א געדיכטער רעגען האָט געגאָסען, בעגלייט פון אן אויגאויפהערליכען קראכען פון דונערן. בלענדענדע בליצען האָבען דורכ־

געשניטען אין אלע זייטען דעם הימעל מיט זייער שיין. מיר זיי־נען צוועקלאָז געגאַנגען איבער די פּוסטע גאַסען, די רעגען טראָפּענס זיינען געפאלען אויף אונזערע זודיגע קעפּ און האָבען אביסעל אָבגע־קיהלט דעם שטראָם פון אונזערע טרויעריגע געדאנקען.

דער פריהלינגס רעגען איז געווארען שטארקער. מיט דער גאנצער פרייגעביגקייט פון דער נאטור האָט ער געגאָסען, און די ערד איז דורכגעזאפּט געווארען מיט דער ערפרישענדער פייכט־קייט. עטליכע מאָל האָבען מיר זיך געפּרובט בעהאלטען אונטער די דעכער פון די הייזער, אבער די טראפּען האָבען זיך אויך דאָרט דורכגע־גנב'עט און געטריבען אונז געהן ווייטער און ווייטער. אזוי האָבען מיר זיך ארומגעשלעפּט א לאנגע צייט. דער רעגען האָט געוואשען, האָט אונז דורכגענעצט ביז'ן ביין און אונז דורכגענומען מיט א שניידענדע קעלט.

מיט אמאָל האָבען מיר בעמערקט אז די ערטער ארום אונז ווייזען אויס צו זיין בעקאנט. מיר האָבען זיך ארומגעקוקט און דערזעהן ווי מען בעטראַכט אונז פון די אפענע טיהרען און פענס־טער מיט נייגיעריגע אדער פערדעכטיגע בליקען. מיר האָבען באלד פערשטאַנען, אז דאס האָבען מיר זיך די גאנצע צייט ארומגע־דרעהט אויף איינע און דיזעלבע פלעצער און דערפאר האָבען מיר ארויסגערופען פערדאכט ביי אלעמען.

נור אָט האָבען מיר אויפ'ן עק גאס דערזעהן א קאפע־הויז און מיר האָבען זיך אהין שנעל אריינגעכאַפּט. מיר האָבען פערנומען א טישעל און זיך געהייסען דערלאנגען קאפע. די ווארעמע קאפע האָט אונז דערווארעמט און מיר האָבען דערצו בעקומען א מעגליכ־קייט פערברענגען אביסעל אונטער א דאך.

אין דער האָפנונג צו בעגעגענען ועמען עס איז פון „אונ־זערע", האָבען מיר זיך גענומען איינקוקען אין די פּנים'ער פון די בעזוכער, זוכענדיג דורכצודרינגען אין זייערע נשמות. מיר האָבען שטודירט זייערע געזיכטער, האָבען זיך צוגעהערט צו זייערע גע־שפּרעכען און נאָכגעפאָלגט זייער האלטונג, וועלענדיג כאַפּען אן אָנצוהערעניש, א סימן, אז מען סימפּאטיזירט מיט אונז און מען פיהלט אונז מיט.

אליין ניט קיין גלויביגע האָבען מיר דאך ערווארטעט א נס,

אז אט באלד וועט אימיצער צו אונז צוגעהן פארצושלאגען הילף און דינסטע. נור אזא „עמיצער" איז ניט צוגעקומען; די בעזוכער זיי־נען אלע געווען פערנומען מיט זיך אליין און האבען אונז, דאכט זיך, אפילו ניט בעמערקט.

אום צו פערטרייבען די צייט האב איך פון א צווייטען טישעל גענומען א צייטונג, דאכט זיך אונטער'ן נאמען „חארבינער לע־בען". אויפ'ן קעפעל פון דער צייטונג האב איך איבערגעלעזען, דאס זי איז א פראגרעסיווע און איהר צוועק איז צו פערטהיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער און דארפס־לייט. ווי איך האב נור איבערגעלייענט דיזע עטליכע שורות, איז ביי מיר געבוירען געווארען א געדאנק.

„און ווי דענקסטו", האב איך זיך געווענדעט צו מיין חבר, „אז מיר זאלען אוועק צום רעדאקטאר פון דיזער צייטונג און בעטען ביי איהם הילף? לאז שוין זיין, אז ער וועט אונז ענטזאגען אין אונזער בקשה, אבער מסר'ן וועט ער אונז דאך געוויס ניט!"

מיין חבר איז דער פלאן געפעלען געווארען.

מיר האבען אויסגעטרונקען אונזער קאפע, פערשריבען דעם אד־רעס און אוועק צום רעדאקטאר. מיין חבר איז געבליבען ווארטען און איך בין אריין אין רעדאקציע.

— וואס דארפט איהר? — האט מיך געפרעגט א יונגער מאן.

— איך וויל זעהן דעם רעדאקטאר, — האב איך געענטפערט.

— וועמען? — האט ער פערוואונדערט איבערגעפרעגט.

— איך וויל זעהן דעם רעדאקטאר, — האב איך איבערגע־חזר'ט.

— פאר קיין שום פאל קענט איהר איהם ניט זעהן, ער נעהמט קיינעם ניט אויף, — האט ער געשמייכעלט און מיך בעטראכט פון קאפ ביז די פיס. — איבעריגענס, וועט איהר אפשר זאגען צוליעב וואס איהר ווילט איהם זעהן און אויב מיר אליין וועלען אייך ניט קאנען בעפרידיגען דאן וועלען מיר זעהן — האט ער זיך אזוי ווי געדייצט מיט מיר.

און במעט שרייענדיג האב איך א זאג געטהאן:

— איך דארף נויטיג זעהן דעם רעדאקטאָר אליין און איך בעט אייך איהם צו מעלדען וועגען דעם!

דאָרט האָבען זיך געפונען נאָך מענשען, וועלכע האָבען זיך די גאנצע צייט צוגעהערט צו אונזער געשפרעך מיט א שמייכעל, נור ווען זיי האָבען דערהערט מיינע לעצטע ווערטער זיינען זיי גע־וואָרען ערנסטער. דער יונגערמאן איז מיט אן איראָנישען שמייכעל אריינגעגאנגען אין א זייטיגע טהיר.

אין עטליכע מינוט ארום האָט ער פונאנדערגעעפענט די טהיר און מיך איינגעלאדען אינעווייניג, אָנצייגענדיג מיר אויפ'ן רעדאק־טאָר.

דער צימער, וואוהין איך בין אריינגעקומען, איז געווען א הויכער, א גערוימער און א בעקוועמער. פון ביידע זייטען זיינען געשטאנען לאנגע טישען, אנגעשטעלט מיט שרייב־געצייג און בי־כער, ארום וועלכע עס זיינען געזעסען די מיט־ארבייטער, וואהר־שיינליך. אלע זיינען זיי געווען מיט צוקודעלטע, לאנגע האָאר און שטארק פערטיעפט אין זייער ארבייט. ביי א בעזונדער שרייב־טיש אנקעגען זיי איז געזעסען דער רעדאקטאָר, א מאן פון מיטעלע יאָהרען, הויכען געוואוקס און סימפאטישען אויסזעהן. איך בין צוגעגאנגען גלייך צו איהם.

— מיט וואס קען איך אייך דיענען? — האָט ער מיך גנע־דיג בעגעגענט.

— איך דארף מיט אייך רעדען פערזענליך, אונטער פיער אויגען, — האָב איך געזאָגט.

— ווי? — האָט ער מיך פערוואונדערט געפרעגט. איך האָב געפיהלט אז אלע אנוועזענדע האָבען אויף מיר געגומען קוקען.

— יא, איך דארף ריידען מיט אייך אליין, — האָב איך אונ־טערגעשטראכען דעם לעצטען ווארט.

— איך פערשטעה ניט! — האָט ער געזאָגט, ווארפענדיג מיט די אויגען דאס אויף די מיטארבייטער, דאָס אויף מיר. — אויב איהר דארפט עפעס האָבען וועגען דער צייטונג, קענט איהר פריי זאָגען וואס איהר ווילט, נור אויב איהר האָט מיט מיר צו רעדען וועגען א פריוואט־אנגעלעגענהייט, דאן קומט בעסער צו מיר אהיים.

די לאַנגע איז געוואָרען זעהר אַן אומבעקוועמע. עס האָט זיך געהערט, ווי די אַנוועזענדע האָבען זיך געדרעהט אויף זייערע פּלע־צער, ווי זיי האָבען זיך גע׳סוד׳עט צווישען זיך, אַליין ניט וויסענ־דיג ווי צו האַנדלען דאָ.

מיין אויסזעהען איז דערצו נאָך געוועזען אַ משונה׳דיגער. צו־שויבערט, פערוואַקסען און אין לאַנגע בלאָטיגע שטיוועל, האָב איך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָמישעס בילד. דאָס אַלעס האָט נאָך פערגרעסערט די רעטעניש אין די אויגען פון די מיטאַרבייטער.

איך האָב נאָכאַמאָל ערקלעהרט דעם רעדאַקטאָר אַז איך האָב מיט איהם צו ריידען וועגען אַ פּריוואַטע, אַ פּערזענליכע אַנגעלע־גענהייט, נור צו איהם אַהיים קען איך ניט געהן. אָבלעגען קען איך עס ניט און מוז טאַקע דאָ אויפ׳ן פּלאַץ איהם דאָס זאָגען און קיינער אויסער איהם אַליין טאָר עס ניט הערען.

איך האָב געהערט ווי אימיצער איז אַרויסגעגאַנגען. איך וויים ניט צי ווער עס איז איז נאָך דאָרט פערבליבען נור איך האָב באַלד גענומען דערצעהלען דעם רעדאַקטאָר וועגען דעם צוועק פון מיין בעזוך. איך האָב אָבער פריהער געהאַלטען פאָלגענדע פאָררדע:

„אויב איהר וועט ניט קענען אָדער ניט וועלען אונז העלפען, וועט איהר דאָך געוויס ניט מיסברויכען יענעם סוד, וועלכען איך וויל אייך ענטדעקען.“

— איהר קענט אין דעם זיין זיכער, — האָט ער מיך בע־רוהיגט.

„ווי אַזוי הויבט מען הא אָן?“ האָב איך געטראַכט, „ווי אי־בערציינגט מען איהם, אַז איך דערצעהל דעם אמת? ער קען דאָך מיר ניט גלויבען!“

איך האָב מיט זיך געהאַט עטליכע פאָטאָגראַפישע בילדער פון אַ פּאָר אַקאַטויער. אין די פרייע טעג, ביז דאָס אַנטלויפען פון נערשוני, איז דער רעזשים אין אַקאַטוי געוועזען אַזאַ מילדער, דאָס די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס האָבען געהאַט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען, מיט וועלכע זיי פלעגען זיך פאָטאָגראַפירען. אויף אַזאַ׳ן אופן האָבען זיך עטליכע אַזוינע בילדער ביי מיר געפונען.

איך האָב אַרויסגענומען יעגאָר סאַזאָנאָוו׳ס בילד און געפרעגט דעם רעדאַקטאָר צי ער ווייסט ווער דאָס איז.

— א בעקאנטע געזיכט, אבער איך קען זיך ניט דערמאָנען ווער דאס איז, — האָט ער געזאָגט, בעטראכטעדיג דאָס בילד.

— דאָס איז יעגאָר סאזאנאָוו, — האָב איך איהם ערקלעהרט, — איך מיט נאָך א חבר זיינען נור וואס אָנגעקומען קיין חארבין פון יענעם פלאַץ, וואו סאזאנאוו געפינט זיך... מיר האָבען אהער צוויי „יאַווקעס": איינע צו ר., וועלכער, ווי איהר ווייסט שוין געוויס, איז ארעסטירט; די צווייטע אדרעס האָבען מיר פערגעסען; מיר געדענקען נור די ווערטער „חינעזער גאס" און דעם נאָמען, אבער מיט דעם אליין איז שווער אויסצוגעפינען עס. אויב מיר קענען ערוואַרטען א וועלכע עס איז שטיצע פון ר., וועט עס ערשט מעגליך זיין אין א פאָר טעג ארום, נאָך דעם ווי מען וועט זיך שוין מיט איהם זעהן. מיר זיינען אבער אין צווייפעל אויב ער וועט עפּעס קענען טהאָן פאר אונז ווען ער איז אליין א געפאנגענער. היינט שטעלט זיך פאר אונזער לאגע. קיין געלד האָבען מיר ניט, קיין פּאספּאָרטען אויך ניט און דער עיקר מיר האָבען אפילו ניט וואו איבערצונעכטיגען און מיר זיינען אויסגעזעצט יעדע מינוט ארייַנצופאלען צו דער פּאָליציי אין די הענד. א לאנגע צייט האָבען מיר זיך ארומגעשלעפּט איבער'ן שטאָדט און האָבען ניט געזעהן קיין אויסגאנג פון אונזער פערצווייפעלטער לאגע, ביז וואנען אונז איז ארויפגעקומען דער געדאנק זיך ווענדען צו אייך נאָך הילף.

ער האָט א ווײַלע נאָכגעדיינקט און זיך אָבגערופען:

„איך וועל אייך געבען אן אדרעס צו א געוויסען מענשען. איהר זאָגט איהם, דאס איך האָב אייך געשיקט, און איהר קענט איהם פריי אלעס דערצעהלען. איך האָף, אז ער וועט אייך איינאָרדנען."

איך האָב איהם בעדאנקט און פערלאזען די רעדאקציע. אין גאס איז מיר אנטקעגענגעקומען מיין חבר, אן אויסגעמאטערטער פון אונגעדולד.

— נו, וואס גוטעס איז ארויסגעקומען פון דעם אינטערוויו מיט'ן „פּראָגרעסיווען" רעדאקטאָר? — האָט ער מיך האפנונגסלאָז געפרעגט.

— דערווייל האָט ער ארויסגעוויזען זיין גאנצען ראדיקאַליזם, אין וועלכען מיר וועלען זיך איבערצייגען ערשט דאן, ווען מיר

וועלען זיך זעהען מיט איינעם, וואס דארף זיין אונזער מלאך מושיע, — האב איך ארויסגעווארפען אויף מיין חבר א מרה־שחורה. איך בין געוועזן זעהר ענטוישט און ענטמוטהיגט. האך האבען מיר מיט שוואכע, געהיימע האפנונגען גענומען גיך געהן אויפזוכען דעם אדרעס.

דאס איז געוועזן א מאגאזין און מיר האבען זיך טאקע גע־דארפט זעהן מיט'ן אייגענטהימער.

אויפ'ן וועג, ווי געוועהנליך, האבען מיר זיך דורכגעווארפען מיט פערשיעדענע מיינונגען וועגען אונזער נייער בעגעגעניש, וואס האט באלד געדארפט פארקומען. פון ווייטען האבען מיר דער־זעהן א שילד מיט'ן אויפשריפט „ב...'ס מאגאזין".

מיר האבען בערעכענט, אז מיר זאלען פריהער זיך בעסער אזוי פארבייגעהן און זעהן וואס עס קומט פאר אינעווייניג, נאכהער אריינגעהן.

ווען מיר זיינען פארבייגעגאנגען די קראם, האבען מיר דער־זעהן אין מיטען שטעהן איינעם, געקליידט ווי א פראנט. מיט דער גאנצער קונסט פון א פלינקען סוחר האט ער זיך געדונגען מיט א קונה. ער האט זיך געווארפען און געשליידערט אין אלע זייטען, ווי עס פאסט זיך פאר א כיטרען, לעבעדיגען פריקאזטשיק.

ניט שוין־זשע זאל דאס זיין ע ר אליין? — האט זיך אונז ניט געגלויבט. מיר זיינען געשטאנען אויף אונזער ווינקעל און געווארט ביז די קונים וועלען ארויסגעהן פון קראם. ווי נור זיי זיי־נען ארויסגעגאנגען האב איך זיך א לאז געטהאן אהין. איך האב דארט געטראפען דעם זעלבען פראנט.

— קען איך זעהן דעם העררן ב.? — האב איך געפרעגט.

— דאס בין איך אליין, — האט ער מיר געענטפערט.

— מיך האט צו אייך געשיקט דער רעדאקטאר פון „חארבי־נער לעבען" — האב איך געזאגט און זיך אין מיטען אבגעהאקט. איך האב זיך גענומען ארומקוקען אין אלע זייטען, צי געפינט זיך ניט א זייטיגער מענש. מיר איז גלאט עפעס שווער געווען צו ריידען. איהם האט וואהרשיינליך איבערראשט מיין זאנדערבא־רע האלטונג, מיין אונרוהיגקייט און דאס ווייניג צוטרוי, וואס מיין פנים האט געוויס אין יענעם מאמענט אויסגעדריקט.

ער האָט זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין מיר און מיט אמאָל האָט ער מיט זיינעביידע הענד אַ כאפּ געטהאָן מיין האנד און אַ זאָג געטהאָן:

— חבר! זאָגט אפען וואס איהר ווילט, ענטדעקט אלעס וואס איהר טראגט אין הארצען, איהר האָט צוטהאָן מיט אייערן אַ חבר!

דאָס איז ארויסגעזאגט געווארען אזוי אויפריכטיג, מיט אזא ווארעמען און עהרליכען געפיהל, אז טרעהרען פון פרייד האָבען זיך מיר שיער ניט געשטעלט אין די אויגען. איך האָב איהם אין קורצען אלעס איבערגעגעבען.

אויסהערענדיג מיך האָט ער געזאָגט: „זעהר גוט, חבר, זייט רוהיג! איהר זייט געראטעוועט, מיר וועלען אייך שוין בעזארגען. קומט אריין אין אַ שעה ארום און פאר דער צייט וועלען מיר צוגריי־טען אלעס וואס נויטיג איז.“

אָהן דעם קלענסטען שאָטען פון פערדאכט האָבען מיר צו־געבראכט די שעה אין גאס. מיר זיינען איצט געווען זיכער, אז צו אונזער אונענדליכער וואנדערונג איז דאָך געקומען אַ סוף.

דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט. דער הימעל האָט זיך אויסגעלייטערט, און די זון אין מערב זייט האָט מיט איהרע זאנפ־טע שטראהלען בעגאָסען די אבגעפרישטע ערד. דיזעלבע נאטור, וועלכע איז גאָר ניט לאנג געווען אזוי בייז און כמורנע, האָט איצט פריינדליך צוגעשמייכעלט צו אונז. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די פרעהליכע קלאנגען פון דעם ערוואכענדען פריהלינג. אלעס ארום אונז האָט זיך אויסגעלייטערט, האָט אָבגעלעבט און אונז אויך היינגעריסען מיט איהרע בעלעבונגס־כוואליעס. אין דער טיעפקייט פון דער נשמה האָט ערוואכט דער פערבאָרגענער, פער־שטיקטער אבער מעכטיגער אינסטינקט פון לעבען און גליק. און ווען אונזער פאנטאזיע האָט זיך צושפּיעלט אין איהר גאנצער ברייטקייט, האָבען מיר דערזעהן, דאס עס איז שוין צייט צו געהן צוריק.

חבר ב. האָט אונז בעגעגענט מיט אַ שולדיגען שמייכעל. ער האָט אונז דערצעהלט, דאָס ער האָט ערגעץ ניט געקענט קריגען קיין קווארטיר און אז עס וועט אונז אויסקומען איבערצונעכטי־

נען אין דעם ליידיגען צימער, וועלכער געפינט זיך צום הויף פון זיין קראַם.

— נו, איז וואָס איז דאָ צו זארגען! — האָבען מיר זיך דער־פרעהט.

ער האָט אונז גלייך אריינגעפיהרט אהין, האָט פערהאנגען די פענסטער און איז אוועקגעלאָפען צוגרייטען פאר אונז עסען.

דער צימער איז געווען אן אָבגעלאָזענער און פול מיט שטויב. מיר האָבען זיך ווי די גראפען אויסגעצויגען אויף דער פּאָדלאָגע, אויסצוגלייכען אונזערע אויסגעמאטערטע גלידער. נאָכ׳ן עסען האָ־בען מיר זיך ווידער צולעגט אויף די דילען און זיינען אנטשלאָפען געווארען מיט א שווערען, אונרוהיגען שלאָף.

אלעס וואס איז אמאָל און אין דער נאָהענטער פערגאנגענהייט דורכגעלעבט און דורכגעליטען געווארען האָט זיך צונויפגעמישט אין אָבגעריסענע שטיקער און האָט געוועבט משונה׳דיג טרויערי־גע און קאָמישע חלומות.

אין אן אוננאטירליכען צוזאמענהאנג זיינען פארבייגעלאָפען דער פרעכער פנים פון דעם שפּיאָן, די פער׳שיכור׳טע אויגען פון דעם פריסטאוו מיט די גרויסע וואָנצעס, דער יסורים־פנים פון דאס מיידעל און דער געזונדער, גראבער רעראקטאָר.

איין חלום פערבייט זיך אויף א צווייטען... מען יאגט זיך נאָך... שוין גאָר נאָהענט לעבען אונז הערט זיך א שיסעריי... אָן זיי־נען שוין די סאָלדאטען. פאראויס זעהט זיך דער בעקאנטער קאָנ־וואָינער אפיציער, מיט׳ן אויפזעהער פון אסטראג... עס פייפען קוי־לען... אך, אן אימה! וואו איז דער סם?... איך זוך איהם, ניטאָ קיין סם!... און אָט בין איך אין דער קאנצעלאריע פון אסטראג. דער נאַטשאלניק זיצט און שמייכעלט ביטרע... „איז עס טאקע אן אמת?“ קלעהר איך אין חלום און דאס הארץ ווערט פערשטאָרבען. אָט ליעג איך שוין אויף די נארעס אינ׳ם אלגעמיינעם טורמע־קאמער... „אויף פּאווערקע!“... שלעפּט מיך פאר׳ן פוס דער נאַד־זיראטעל... איך כאפּ זיך אויף — מיין חבר שלעפּט מיך עס פאר׳ן פּנים און וועקט מיך.

ווי גליקליך האָב איך אויפגעאטהעמט!

דער העלער שיין פונ׳ם טאג האָט זיך דורך די שפּאלטען פון

די לאָדען אריינגע׳גנב׳עט אין צימער און האָט קלאָהר געמאכט מיין בעוואוסטזיין נאָך דעם נאָר־וואָס איבערגעלעבטען קאָשמאר.

אויף מאָרגען האָט ב. אויך ניט געקענט געפינען קיין קווארטיר פאר אונז און אזוי איז פעראיבער איין טאָג נאָכ׳ן צווייטען. אלע טאָג פלעגט ער אונז אריינטראגען עסען, האָט אונז בעזארגט מיט ביכער און צייטונגען, פלעגט אונז דערצעהלען אלערליי נייעס. אויף אזא׳ן אופן האָבען מיר פערבראכט די צייט, ערווארטענדיג פון טאָג אויף טאָג ארויסצוקומען אויף דער ליכטיגער וועלט.

אין דיזער ערווארטונג האָבען מיר אין דעם האָזינגען ניט בע־וואוינטען און ניט זעהר בעקוועמען צימער צוגעבראכט גערשפּאר־טערהייט א גאנצע וואך צייט. און ווער ווייס וויפיעל מיר־וואָלטען נאָך האָרט געדארפט זיין, ווען ניט א געוויסער צופאל.

געוועהנליך, זיינען קינדער זעהר נייגיעריג און האָבען ליעב אלץ וויסען. דעריבער ווי נור מיר פלעגען דערהערען די קינ־דערשע געשרייען ניט ווייט פון אונז, פלעגען מיר פערשפּארען אלע אריינגאנגען דורך וועלכע זיי וואָלטען אונז געקענט דערזעהן. זיי איז אבער געווארען אויפפאלענד, וואס די פענסטער אין אונזער צימער זיינען אימער פערהאנגען, און איינער האָט דורך א שפּאלט אריינגעקוקט אהין און האָט אונז דערזעהן.

ער האָט זיך אפנים שטארק דערפרעהט מיט זיין ענטדע־קונג, ווייל גלייך האָבען די איבעריגע יונגע חברה געקומען איינער נאָך דעם אנדערען אריינקוקען צו אונז און יעדער איינער האָט דערביי געקוויטשעט און געלאכט. דאָס האָט אונז געדיענט אלס א סיגנאל, אז מיר דארפען זיך בעצייטענס זעהן אָבטראגען פון אונזער פלאָץ. מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, אז דאָס קליינוואַרג וועט וועגען דעם דערצעהלען די „גרויסע“ און פאר אונז, פער־שטעהט זיך, איז עס ניט געווען זעהר אנגענעהם.

ווען ב. האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער אויך גע־פונען פאר נויטיג אונז אוועקפיהרען פון דארט. און נאָך אין יענעם טאָג פארנאכט איז ער צו אונז אריינגעקומען מיט נאָך א יונגען מאן, וועלכען ער האָט פאר אונז פאָרגעשטעלט אלס חבר אלעק־סאנדער.

— נו, מאכט זיך פארטיג אין וועג אריין און מיר וועלען שווי־

מען צו ווייטע, אונבעוואוסטע ברעגען, — האָט חבר אלעקסאנדער פּאָעטיש א זאג געטהאָן.

אין אונזערע ווייטערע געשפּרעכען איז אונז אויסגעקומען בע־מערקען, אז ער האָט זיך זעהר אָפּט ליעב צו בענוצען מיט פּאָעטישע פראזען. זיין אויסזעהן האָט אָנגעציינט, אז דאָס איז א יונגער רוסישער רעוואָלוציאנער.

מיר זיינען געגאנגען מיט זייטיגע געסעלעך און געשמועסט וועגען פערשיעדענעס. עס איז געווען קענטיג דאָס ער וויים וועגען אונז, אבער דאס האָט אונז ניט בעאונרוהיגט. ער האָט אונז דער־צעהלט וועגען די לעצטע בעגעבענהייטען, וועגען דעם צושטאנד פון דער רעוואָלוציאנערער בעוועגונג, א. ז. וו.

ווען מיר זיינען שוין געווען נאָהענט צו אונזער ציעל, האָט ער אונז ערקלעהרט, אז מיר געהען צו א געוויסער פריילין מיט'ן נאָמען קאטיא. און אָבוואָהל דאָס דאָזיגע הויז האָט געהאט א „דורכפאל", אבער אין שטאָדט איז דערוויילע קיין אנדערע ניטאָ, און מיר וועלען דארפען האָבען אין זינען, אז עס קאָנען קומען אונ־געבעטענע געסט.

„אָט דאָ איז עס", האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג מיט'ן האנד אויף אן איינזאמען הויז מיט א גערטענדעל דערביי.

פון דער ווייטען האָבען מיר שוין דערזעהן אויפ'ן שוועל א הויכע, שלאנקע מיידעל, מיט שווארצע, קורצע האָאר. צוקומענדיג נעהענטער, האָבען מיר שוין געקענט אונטערשיידען די צארטע, אינטעליגענטע שטריכען פון איהר געזיכט. איהר דונקעלער ווי אָבגעברוינטער פּנים האָט בעוויזען, דאָס זי האָט לאנג פערבראכט אונטער דער ברענענדער זון אויף די פרייע פעלדער, אָדער ביי די ברעגען פון'ם דרום־ים.

באגעגענט האָט זי אונז, ווי מיר וואָלטען שוין פון לאנג געקענט איינער דעם צווייטען, ווי נאָהנטע פריינד, וועלכע זי האָט שוין לאנג ניט געזעהן.

— ענדליך געקומען! נו, וואס־זשע, פעטערלאך, זייט איהר אזוי פאהוואָלקעט? — האָט זי לוסטיג געלאכט, און געדריקט אונז די הענד.

מיט איהר פריינדליכער און הארציגער באנעהמונג האָט זי

גיך ווייך געמאכט אונזערע פערהארטעוועטע הערצער. מיר האָבען זיך דערפיהלט אין דער געזעלשאפט פון קאטיא'ן און אלעקסאנדער'ן אזוי ווי מיר וואלטען א לאנגע צייט געווען צושיידט מיט נאָהענטע גוטע פריינד און איצט האָבען מיר זיך ווידער צוזאמענגעטראָפען. ווען מיר זיינען פארטיג געווארען מיט דער סעודה, וואָס זי האָט פאר אונז צוגעגרייט האָבען מיר פערבראכט געמיטהליך דיסקוטי־רענדיג פערשיעדענע זאכען און פראגען.

פון אונזערע געשפרעכען מיט קאטיא'ן האָבען מיר פערשטאנען, דאָס זי איז אויך בעקאנט מיט די איינצעלהייטען פון אונזער אנט־לויפען און זי ווייס די אורזאכע פון אונזער פארברייננגען דאָ אין הארבין.

— זאָגט נור אקארשט, פעטערל, האָט זי א פאטש געטהון מיט די הענד אין מיטען שמועס, — צי זייט איהר ניט פון יענע לענדער, וואו עס געפינט זיך מאריא ספירידאָנאָווא?

איך האָב איהר ערקלעהרט, דאס ספירידאָנאָווא געפינט זיך אויך אין נערטשינסקער קאטאָרגע, וועלכע בעשטעהט פון פיעלע אָסטראָגען. די פרויען, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך ספי־רידאָנאָווא, האלט מען בעזונדער, אין דער מאלצעווער קאטאָרזש־נער טורמע.

— נו, איז אייך קיינמאָל ניט אויסגעקומען זי צו זעהן? — האָט זי מיך אויסגעפרעגט.

— ווען איך בין געווען אין זערענטויער טורמע האָב איך זי דאָרט געזעהן אין דעם האָספיטאל וואס דינט פאר אלע אָסטראָ־גען, — האָב איך געענטפערט.

דערביי האָב איך דערצעהלט וועגען א קאמפף, וועלכער האָט זיך צופלאקערט צווישען די זערענטויער פאָליטישע קאטארזשניקעס און דער ארטיגער אדמיניסטראציע צוליעב דעם וואס מען האָט ניט געוואָלט ספירידאָנאָווא'ן ארייננעהמען אין האָספיטאל, ווען זי איז געווען זעהר קראנק.

— וואָס זשע מאכט זי און ווי זעהט זי אויס? — האָט זי ווייטער געפרעגט, — טהייערע הייליגע מאריא מיינע; — האָט זי ארויסגעזאגט מיט א מין פארגעטערונג, — איז אפשר מעגליך מיט איהר צונויפצושרייבען זיך?

עס איז געווען קענטיג, אז די דאָזיגע אימער פרעהליכע און לעבענסלוסטיגע מיידעל לעבט דורך שארפע און שמערצליכע וועה־טאָגען. עפּעס זאָנדערבאר איז זי געווען, ווען זי האָט זיך פער־טיעפט אין איהרע עראינערונגען.

— וואס רעגט איהר זיך אויף? — דאָס איז דאָך שוין א לאנגאניגע געשיכטע, — האָב איך אונענטשלאָסען באמערקט.

— פארשטעהט איהר מיך, — האָט זי ווייטער געזאגט, — איך קען זאגען, דאס איך בין א „ספּירידאָנאָווקע", דאָס הייסט זי האָט מיך געמאכט פאר א רעוואלוציאנערין. איך וועל אייך דער־צעהלען ווי אזוי דאס איז געווען: איך בין דאַן געווען אין דעם לעצטען קלאַס גימנאזיע, ווען עס האָט פּאסירט די געשיכטע מיט ספּירידאָנאָווא'ן. איך פּלעג פערגיסען גענוג טרעהרען, ווען איך האָב געלעזען אין די צייטונגען וועגען די אלע פּייניגונגען, וואס זי איז אויסגעשטאנען. דיזע עראייגניסע האָבען צוטרייסעלט מיין גאנצעס וועזען, און איך האָב דאַן געשווארען פארטצוזעצען איהר ארבייט און נעהמען ראכע פאר איהר. איך בין אליין א סיבי־ריאטשקע און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אז מען פיהרט איהר צוזאמען מיט אנדערע פּאָליטישע אויף קאַטאָרגע, האָב איך גע־וואכט טעג און נעכט אויפ'ן וואקזאל, וואו זיי האָבען געדארפט דורכפאהרען. ענדליך איז מיר דאָך געלונגען צו זעהן זיי פאר־בייפאהרען. איך האָב דערזעהן ספּירידאָנאָווא דורך די גראטעס פון דעם ארעסטאנטען־וואגאָן. איך האָב, פערשטעהט זיך, ניט נעקענט אויסדריקען מיינע געפיהלען פאר איהר אָהן טרעהרען. וואס איך האָב איהר דאַן געזאגט קען איך זיך ניט דערמאנען. איך געדענק נור, אז איך האָב געצויגען אויף זיך אלעמעס אויפמערק־זאמקייט. ספּירידאָנאָווא האָט מיר דורך די גראטעס דאַן צוגע־ווארפען א צעטעלע, וועלכען איך האַלט נאָך עד היום ביי זיך. אָט דאָס איז עס.

ביי די ווערטער האָט זי פון ערגעץ ארויסגעשלעפּט א צו־קנייטשטען און שוין צוריבענעם שטיקעל פּאַפּיער. דאָס צעטעלע איז געווען געשריעבען מיט א בלייפעדער און עס איז שווער געווען איבערצולייענען די ווערטער.

זי האָט מיר אָבער דערצעהלט דעם אינהאַלט.

מספרי
יצחק פײגלמאן

— איז עס ניט זאָנדערבאַר? — האָט קאַטיא געזאָגט, — דאַכט זיך, אַז עס פּאַסט גאָר ניט זײן אַזוי סענטימענטאַל, איבער־הויפּט פאַר אַן ערענסטען מענשען און דערצו נאָך אַ רעוואָלוציאָ־נערין! איהר פאַרשטעהט, אויף יעדען אײנעם האָט דאָך איהר געשיכטע געמאַכט אַן אײנדרוק און אויף פיעלע האָט זי ארויפ־געלעגט איהר שטעמפּעל. נור אין מײן לעבען איז דער נאָמען פון ספּירידאָנאָווא פערבונדען מיט אַ גרויסער אומוועלצונג אין מײן נשמה. דערפאַר, װען איהר האָט מיר געבראַכט אַזאַ לעבעדיגען גרוס פון איהר, האָב איך זיך עראינערט אָן דער װײטער און צו דערזעלבער צײט נאָהנטער פערגאַנגענהײט — האָט זי זיך אַזוי װי פאַרענטפערט.

פון אונזערע װײטערע געשפּרעכען האָב איך זיך מעהרער בע־קאַנט מיט איהרע אַנשויאונגען און מיט איהר טהעטיגקײט.

פון אַנפאַנג איז זי געװען אַן ס. ר. איצט איז זי אַן אַנאַר־כיסטין פון קראָפּאָטקינ׳ס שוהלע. די צאָהל פון דיזע חברים איז געװען קלײן און זײ האָבען מעהרסטענס געאַרבײט צװישען מילי־טער. אַלעקסאַנדער, װעלכער איז געװען פון די „יונגע“ ס. ר., האָט אויך געאַרבײט צוזאַמען מיט זײ.

צו יענער צײט האָבען זײ געהאַלטען אין אויסאַרבײטען אַן אַטענטאַט אויף דעם קאָמענדאַנט פון שטאָדט. לויט װי איך האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט איז דער דאָזיגער אַקט דורכגעפיהרט גע־װאָרען, אָבער אָהן ערפאָלג. קאַטיאַ׳ן האָט מען אַרעסטירט, אָבער איהר איז געלונגען גאָר אין גיכען צו אַנטלויפען פון אָסטראָג.

אַ לאַנגע צײט האָבען מיר אַזוי גערעדט און װען מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט איז שוין געװען שפּעט אין דער נאַכט. אַלע האָבען זיך ניט געקענט לײגען שלאָפען מיט אַמאָל, װײל טאָמער מאַכט מען אַן איבערפאַל. די טיהרען און פענסטער האָט מען צוגעפּענט און מען האָט אונז אַנגעװיזען אַלע װעגען און שטעגען אין פאַל אונז װעט אויסקומען צו אַנטלויפען.

מיר זײנען געװען זאַלבעפיערט. צװײ האָבען געשלאָפען, װעה־רענד די אַנדערע צװײ האָבען געװאַכט מיט געלאָדענע רעוואָלװע־רען אין פאַל עס װעט טרעפען אַן איבערפאַל פון דער פּאָליצײ.

אָבער די נאַכט איז פאַריבער רוהיג.

אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע טעג, וועלכע מיר האבען צוגעבראכט אין פערשיעדענע פלעצער, האט מען פאר אונז בעקומען פאספארטען, ווי אויך א ביסעל געלד. און מיר זיינען געווען פארטיג צו לאזען זיך ווייטער.

אין וולאדיוואסטאק, וואוהין מיר האבען פריהער גערעכענט פאהרען, האבען מיר צוליעב פיעלע אורזאכען ניט געקענט. דערפאר האבען מיר זיך, לויט דעם ראטה פון די חברים, א קעהר געמהאן צו דעם גרענעץ־שטעדטיל קאונטשענדזי, צו יאפאן צו.

דאס מאל האט שוין אונז בעגלייט צום וואקזאל א גאנצע חברה איינגענע. מיט א געפיהל פון בעדויערען האבען מיר זיך צוזעגענט מיט דיזע נייע אבער טרייע חברים.

ווען דער צוג האט זיך גענומען דערווייטערען און מיר האבען שוין ניט געקענט זעהן מעהר די אבשיעדס־סיגנאלען פון אונזערע חברים, זיינען מיר ארייגגעגאנגען, ווי אונזערע בילעטען האבען געצייגט, אין'ם פיערטען קלאס. אלע וואגאנעס פון פיערטען קלאס זיינען געווען איבערגעפאקט מיט כינעזער. אן אויסערגעוועהנליכער טומעל האט געהערשט און די שטיקענדע לופט איז געווען דורכגענומען מיט דעם ריח פון זייערע מאכלים.

לגענדיג די עצה פון אונזערע חארבינער חברים, זיינען מיר איצט אריבער אין א וואגאן פון דריטען קלאס און האבען דארט פארנומען פלעצער, און ווען דער קאנדוקטאר האט געקליבען די בילעטען, האבען מיר איהם ארייגגעשפארט אונזערע בילעטען אין האנד צוזאמען מיט א געלד־פאפיערעל. דערמיט האבען מיר זיך שוין אויך פארזיכערט מיט זיין הילף אויפ'ן גרענעץ. מיר האבען זיך געקענט אויף דעם פערלאזען דערפאר, ווייל אין יענער צייט זיינען אויף דיזען וועג געפאהרען פיעל רוסישע ארבייטער. געפיהרט האט מען זיי אויף די האוואיער אינזלען, וואו מען האט זיי פערשפראכען גאלדענע בערג, ווען זיי וועלען ארבייטען אין די ארמיגע צוקער־פאבריקען.

צווישען די דאזיגע מאסען ארבייטער זיינען, געוועהנליך, געווען א סך וואס האבען ניט געהאט ניט קיין בילעטען און ניט קיין אויסלענדישע פאספארטען און זיי האבען געמוזט דורכגעהן דורך

פארבארגענע ווענען. אין אזא קאָכיגער צייט האָט מסתמא דער קאָנדוקטאר צוזאמען מיט די קלענערע ארטיגע בעאמטע אין זיינען געהאט זיין אייגענע קעשענע און האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט.

א דאנק דעם איז אונז טאקע גרינגער אָנגעקומען אריבערפאהרען קאָנטשענדזשי, — דעם רוסיש־כינעזיש־יאפּאנישען גרעניץ. ווען מיר האָבען געדארפט צופאהרען צו דער סטאנציע האָבען מיר ערקלעהרט דעם קאנדוקטאר, דאס מיר ווילען ניט, אז די גרענעץ בעאמטע זאָלען אונז זעהן. ער האָט אונז געגעבען אָנצוהערעניש, אז עס וועט שוין זיין רעכט.

דער קאנדוקטאר האָט אונז מתרה געווען, אז ווען דער צוג וועט אָנקומען, זאָלען מיר ניט ארויסגעהן אויף דער סטאנציע, נור מיר זאָלען פארבלייבען אין וואגאָן. און אזוי איז טאקע געווען. דער גאנצער עולם, כמעט אלע כינעזער, איז ארויס פון די וואגאָנען, און מיר זיינען פארבליבען אינעווייניג. דער קאנדוקטאר האָט צו־געמאכט די טהיר און אליין איז ער פערבליבען ביים אריינגאנג.

מיר האָבען געהערט, ווי די זשאנדארען האָבען געוואלט אריינ־געהן און ווי זיי האָבען איהם געפרעגט אויף זייער לשון, צי עס זיי־נען דאָ ניטאָ „אזעלכע". דער קאָנדוקטאר האָט געענטפערט, אז דאָ איז קיינער ניטאָ. ווען זיי זיינען אוועק, האָט ער אונז ארויס־געלאזען און אנגעוויזען אין וועלכער זייט צו געהן, זייענדיג צו־פריעדען מיט באקומען זיין שכר פאר דיזער גוטער טהאט.

עס איז געווען צוועלף אזייגער ביי נאכט. א שטארקער רעגען האָט געגאסען און מיר האָבען קוים געשלעפּט די פיס אין דער טיפער בלאָטע. אָבער באלד האָבען מיר דערזעהן א סך פייערלעך, און עס האָבען זיך פון דארט דערטראָגען מענשליכע שטימען.

מיר האָבען זיך געלאזען געהן אין יענער זייט. ווען מיר זיינען צוגעקומען אהין, האָט זיך אונז אויסגעוויזען, אז מיר זיינען אריינ־געפאלען אין גיהנום. מען האָט געקענט מיינען אז דאָ איז א מענ־שען־יאטקע און דאס די מענשען שרייען עס און קרעכצען פון וועה־טאָג און גסיסה־אנגסטען.

כינעזער מיט פיעלפארביגע לאמטערנעס אין די הענד זיינען ווי די משוגעים ארומגעלאפען און האָבען ארויסגעלאזען משונה׳־

דינע געזאנג־קלאנגען. זיי האבען געקוויטשעט און אויסגעשריען ווילדע קולות, זיינען צוגעשטאנען דאס צו איינעם, דאס צום צווייטען פון די אנגעקומענע פאסאזשירען. נאטירליך זיינען זיי צוגעלאפען צו אונז אויך, האבען עפעס א זאג געטהון אויף זייער אונפערשטענד־ליכען לשון, געהייסען בלייבען שטעהן, צוגעבראכט אנדערע און ווייטער אװעקגעלאפען.

מיר האבען ניט געקענט פארשטעהן, וואס דא קומט אזויגס פאר און וואס דאס אלעס בעדייטעט.

ווען זיי האבען אונז א גאנצע מחנה גענומען פיהרען איבער די שמוציגע און שמאלע גאסען פונ'ם כינעזער שטעטיל, האבען מיר זיך ערשט געכאפט, אז דאס מוזען זיין אגענטען פון איינפאהר־הייזער, וועלכע לאדען עס איין אויף אזא אופן די געסט צו זיך.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין אכסניה, האבען זיך די אגענטען ערשט ארומגעקוקט, אז מיר זיינען אייראפעער. זיי האבען דאן גענומען קוקען אויף אונז און זיך וואונדערן. זיי האבען פרובירט ריידען מיט אונז און אויסגעפינען צי זיינען מיר על פי טעות ניט פארקראכען אהער. מיר האבען אבער אהן שום איבריגע צערעמאניעס פארנומען גלייך מיט אלעמען פלעצער אויף די ברייטע בענק, וועלכע האבען אונז עראינערט אן די נארעס אין אסטראג. די כינעזער, זעהענדיג אז מיר האלטען זיך פראסט און ווייסען ניט פון נאציאנאלע אונטערשיידען, האבען אנגעהויבען בעריענען אונז מיט בעזונדער פריינדליכקייט.

איך מוז אבער זאגען, אז א חוץ טהעע האבען מיר, ניט אכטענ־דיג אויף אונזער קאסמאפאליטיזם, זיך ניט געקענט צוריהרען צו קיין אנדער כינעזער שפייז. דעם הונגער אונזערען האבען מיר גע־שטילט מיט דעם וואס מיר זיינען גיך שטארק אנשלאפען געווארען. און אין דער פריה זיינען מיר ארויס זוכען אונזער אדרעס.

אין קאוטשענדזי האבען מיר געהאט אן אדרעס צו אן אנגע־זעהענעם ס. ר., וועלכער האט פערטראטען א שטעלע אין דער רוסיש־כינעזער באנק. אונזערע חארבינער חברים זיינען געווען זיכער, אז ער וועט אונז געבען א ביסעל געלד און אויסריכטען ווײ־טער.

געוואהנט האָט ער צוזאמען מיט א רעוואלוציאָנערין, וועלכע איז פארבליעבען אן איבערגעגעבענע ארבייטערין אין דער בעוועגונג. בלויז זי אליין האָבען מיר געדארפט זעהן אום איבערצוגעבען איהר עפּעס וועגען א געוויסען ענין, און ער האָט דערפון ניט בעדארפט וויסען.

ווי אזוי דאס וועט פארקומען האָבען מיר נאָך אליין ניט געוואוסט, אָבער מיר האָבען גערעכענט, אז ווען מיר וועלען שוין זיין דאָרט, וועלען מיר ווי עס איז קענען זיך זעהן מיט איהר אליין.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אהין, האָט אונז באגעגענט ב...וו אליין, וועלכער האָט אונז אויפגענומען זעהר קאלט — און זאָגאר כמעט אונגוויליג. מיר האָבען איהם איבערגעגעבען דעם צעטעלע, וואס מיר האָבען געהאט צו איהם. ער האָט עס איבערגעלייענט און געהייסען אונז קומען ארום פיער א זייגער.

מיר האָבען אבער אויך געהאט א צעטעלע צו דער פרוי בעזונדער און מיר האָבען עס געמוזט איהר פּערזענליך דערלאנגען. אויף אונזער פראגע צי קאנען מיר זי זעהען האָט ער אונז זעהר אונצופריעדען געענטפערט, אז זי איז ניטאָ אין דערהיים, אבוואהל מיר האָבען זי יא געזעהן פארבייגעהענדיג. ניט ווידערשפּרעכענדיג איהם האָבען מיר פערלאזען דאס הויז, פארשפּרעכענדיג צו קומען פיער אזייגער.

זעהן די פרוי האָבען מיר געמוזט זעהר נויטיג, דערפאר האָבען מיר גערעכענט, אז מיר זאלען זיך אהין מעלדען מיט א שטונדע פריהער, דענקענדיג, דאס צו יענער צייט וועלען מיר זי אליין טרעפען און קענען ריידען מיט איהר. אויב אָבער מיר טרעפען איהם אויך, דאן וועלען מיר שוין געפינען א וועלכען ניט איז תירוץ.

און אזוי איז געוועזן. דריי א זייגער זיינען מיר שוין געווען דאָרט. איהם האָבען מיר ניט געטראָפען. מיר האָבען אָבער קיין צייט ניט געהאט רעכט מיט איהר זיך דורכריידען, ווען ער איז פּלוצלונג אָנגעקומען. ווען ער האָט אונז דערזעהן פריהער פאר דער אבגערעדטער צייט, איז ער מיט כעס ארויסגעגאנגען. מיר האָבען געהערט ווי זי האָט מיט איהם גע׳טענה׳ט און ווי ער האָט געשריען מיט כעס, אז ער וויל פון אונז ניט וויסען און וועט אונז

מיט קיין זאך ניט העלפען. צום סוף האט ער נאך צוגעלעגט, דאס אויב מיר וועלען גלייך ניט אוועקגעהן, וועט ער זיך ווענדען צום קאנוואי.

נאך זיין אויספיהרען זיך און נאכ'ן טאן, מיט וועלכען ער האט עס ארויסגעזאגט, האבען מיר געקענט אורטיילען, אז ער וועט זיינע ווערטער מקיים זיין.

די פרוי, וועלכע איז געוועזען די אורזאכע פון דעם דאזיגען אינ־צידענט, איז געוועזען זעהר פערצווייפעלט. זי האט אבגעמאכט צו טרעפען זיך מיט אונז אליין, אדער שיקען וועמען עס איז אנדערש, אויף א געוויסען פלאץ, וואו מען וועט אונז איבערגעבען א ביסעל געלד אויף צו פאהרען ווייטער. און ווירקליך, אין דער בעשטימטער צייט און אויפ'ן בעשטימטען ארט איז צו אונז צוגעקומען א פרוי און אונז דערלאנגט א ביסעל געלד אויף דער רייזע. דאס געלד האט די פרוי נעבעך אליין געמוזט קריגען.

אין אבענד זיינען מיר שוין געלעגען אויף אלע פיער אין א וואַ־גאן אונטער'ן באנק פון א יאפאנער צוג, וועלכער האט אונז גע־טראגען צו דער שטאדט דאלני.

אין דאלני זיינען מיר דורך א רעקאמענדאציע פערפאהרען צו חברים. דא זיינען מיר שוין געוועזען אויסער יעדער געפאהר, ווייל יאפאן גיט ניט ארויס קיין פאליטישע פערברעכער. אבער אזוי ווי דא האט מען קיין ארבייט ניט געקענט באקומען און קיין מיטלען צו פאהרען נאך אמעריקא האבען מיר אויך ניט געהאט, האט מען אונז געראטהען צו פאהרען אין דער כינעזער שטאדט שאנחאי. דארט, האט מען געזאגט, זיינען מעהר דא שאנסען צו קריגען ארבייט.

דאלני און שאנחאי, — דאס זיינען געווענליך די ערטער, וואו עס קומען זיך צונויף אלע אנטלאפענע. אין שאנחאי האבען מיר זיך בעגעגענט מיט עטליכע אנטלאפענע פון קאטארגע, מיט וועלכע אונז איז אויסגעקומען צו לעבען צוזאמען. עס האט אונז אויך פיעל ארויסגעהאלפען א געוויסע פארטגעשריטענע און איג־

טעליגענטע פאמיליע. ווארום נאך דעם רוסיש־יאפאנעזער קריעג האבען זיך אין שאנחאי באזעצט א סך רוסישע.

אזוי ווי כינא גיט ארויס אויפ׳ן פערלאנג פון דער רוסישער רעגיערונג אלערליי פארברעכער, דערפאר עקזיסטירט דארט א גאנ־צע מחנה פון געהיים־פאליציסטען. און אזוי ווי מיר זיינען דאך נעווען געצוואונגען צו פערבלייבען דארט א געוויסע צייט, זיינען מיר שטענדיג געווען ארומגערינגעלט פון פיעלע שפיאנען. מיר זיינען אלע מאל געווען אויסגעזעצט דער געפאהר צו ווערען ארעס־טירט.

דער ערשטער אוועקצופאהרען פון דארט איז געווען מיין חבר און דערנאך איז געקומען מיין רייה. איך האב באקומען די מענ־ליכקייט אבצופאהרען נאך אמעריקא.

ווען איך האב זיך געזעצט אויפ׳ן אמעריקאנער דאמפפער און ער האט זיך אנגעהויבען אברוקען פון די שאנחייער ברעגען, האב איך צום ערשטען מאל דערפיהלט, אז איך בין פריי. איך האב בעגריפען, אז נאך פיעלע יאהרען פון קאטארזשנע געפאנג־שאפט און נאך אזוי פיעל געפאהרען, וועלכע זיינען געווען פער־בינדען מיט אונזער אנטלויפען, האב איך ענדליך עררייכט די פרייהייט.

אונטער׳ן געהיימניספולען גערויש פון די מאיעסטעטישע כוואליעס פונ׳ם אונאומפאסענדען אקעאן, האט ערשט מיין ווידערגע־בארענע נשמה דערזעהן אין א גייסטיגען ליכט יענע דראמא, וואס איז פאר מיר געווארען א פערגאנגענהייט — די דראמא פונ׳ם פא־ליטישען קאטארזשניק אונטער דעם רוף: „פון קייטען צו פריי־הייט“.

מיט דער גאנצער קראפט פון א בענייט הארץ עמפפינד איך אלע איינדריקע אויף דעם וועג צו א נייעם לעבען, צו „א נייע וועלט“.

דאס מורמלען פון די טיעפע ים־וואסערען, וועלכע זינגען דעם הימן פון זיעג; די טיעפע, שטילע לבנה־נעכט אויפ׳ן אקעאן;

דאָס טרוימען פון גליק אויף דעם אנדער ברעג ; די יאפאנישע שטעדט ; זייערע מאהלערישע ווילדע אינזלען ; די יאָהרהונ־דערטע אלטע, שטרענגע, מאיעסטעטישע טעמפלען פון בודהא אין נאגאסאקי ; דאס שפאצירען פון די טוריסטען אין די יאפאנישע קווארטאלען ; די האוואאי־אינזלען... אמעריקא...

אזוי ענדיגען זיך די איבערגעלעבטע פאסירונגען פונ'ם אנטלאָ־פענעם פאָליטישען קאטארזשאנין.

יצחק פײגלמן

מספרי
יצחק פינגלמן